STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03321

ALTE HEYM UN KINDER YORN

Hanah Viderman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חנה ווידערמאן

אלטע היים און קינדער יאָרן

דעראינערונגען

מאנאלאגן

הומארעסקעס

דערציילונגען

מאָנטרעאל אָקטאָבער, 1960

„נאָרטערן פּרינטינג און ליטאָגראַפינג קאָ."

PRINTED IN CANADA

Copyright 1960 in Canada
by
CHANA WIDERMAN

Printed by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Canada
27

חנה ווידערמאַן

איך בין ניט שולדיק . . .

(פאָרוואָרט)

איך האַלט אַז אַ פאָרוואָרט פאַר אַ בוך איז פונקט ווי אַ פאַרשפּייז פאַר אַ מאַלצייט.

כאָטש פון מיין פריער קינדהייט בין איך געווען אַ גרויסע ליבהאָבערן פון ליטעראַטור, געלייענט אַ סך, מערסטנס רוסישע קלאַסיקער, און אויך ביכער אין יידיש, האָב איך ניט געחלומט פון ווערן אַמאָל אַליין אַ שרייבערן, ווייל צווישן מיינע קרובים אין מיין גאַנצער משפחה איז קיין שרייבער ניט געווען אַפילו פאַר אַ רפואה!

איז דאָך אָבער אונדזער יידישע ליטעראַטור, ווייזט אויס, זייער מזלדיק, באַדאַרף זיך מאַכן, אַז שפּאַצירנדיק איינמאָל נאָך אין דער אַלטער היים (יעדיניץ), אין אַ וואונדערלעך שיינעם זומער פאַרנאַכט, אונטערן שטאָט מיט מיינער אַ זייער אינטעליגענטער פריינדין, זאָל איך באַגייסטערט ווערן פון דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס וואַרפט אירע לעצטע גאָלד־שטראַלן פון אונטערן באַרג, און זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין די קליינע פענסטערלעך פון די גויאישע שטיבעלעך מיט שטרויענע דעכער, פון דער טשערעדע בהמות וואָס קערט זיך אום פון פעלד אויפהויבנדיק אַ געדיכטן שטויב, פון אַ קליין באָרוועס שיקסל וואָס קערט זיך אום אַהיים, איילנדיק מיט אַן עמער וואַסער . . .

„אָך, ווי עס ווילט זיך מיר אַריינגיין אין יעדן פון אָט די שטיבעלעך, און אויסהערן די אָרעמע פויערים און פויערטעס וועגן זייער לעבן, וועגן זייערע ליידן און אויך וועגן זייערע פריידן, וואָס זיי האָבן אַזוי ווייניק, „אויפן שפּיץ מעסער" — האָב איך געזאָגט צו מיין פריינדין.

זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פאַרחידושטן בליק, געשוויגן אַ ווײלע און אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער איר פנים: „דו רעדסט דאָך עפּעס מיטן לשון פון אַ שרייבערן — האָט זי געזאָגט, און צוגעגעבן — איך זאָל דיך ניט קענען, וואָלט איך געמיינט, אַז איך שפּאַציר איצט מיט אַ שרייבערן!"...

כאָטש עס זענען שוין אַוועק 37 יאָר נאָכדעם, וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן דעם געפיל וואָס האָט מיך באַהערשט הערנדיק איר באַמערקונג. עס האָט אין מיר אויפגעבראַוזט אַזאַ פריידיקע באַגייסטערונג, אַז טרערן זענען אָנגעלאָפן אין מיינע אויגן . . .

אויך שפּעטער, ווען איך בין געקומען קיין קאַנאַדע, האָט מיר פון צייט צו צייט עמיצער פון מיינע פריינט באַמערקט: „ווען איר דערציילט מיר עפּעס, איז עס ווי איך וואָלט געלייענט אַ בוך", אָדער „איר וואָלט באַדאַרפט שרייבן, איר האָט טאַלאַנט!"

אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז איך האָב געפאָלגט און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט: שרייבן. און געשריבן האָב איך בייטאָג און ביינאַכט, „פון הערץ און געדענקען", פון „ניט געשטויגן, ניט געפלויגן": דערינערונגען, סקיצן, דערציילונגען, מאָנאָלאָגן, פעליעטאָנען און אַפילו אַפאָריזמען!

אָבער אין רעדאַקציע האָב איך ניט געוואָגט צו גיין. ערשט מיט צען יאָר שפּעטער' ווען איך האָב שוין אָנגעזאַמלט אַרום 400 אַרטיקלען, האָב איך אָפּגעקליבן פון זיי 6 און אַריינגעגעבן אין רעדאַקציע פון „קענעדער אָדלער". זיי זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן. דאָס איז געווען אין יאָר 1939, און פון דאַן ביז 1960, דאָס מיינט 21 יאָר, בין איך געווען אַ מיטאַרבעטערין פון דער דערמאָנטער צייטונג.

איך האָב אין מיין לעבן אַדורכגעמאַכט אַ סך אַנטוישונגען, שווערע, ביטערע דערפאַרונגען, ליידן, ליידן, ליידן און עס פעלט מיר זייער פיל פון דעם וואָס מענטשן רופן „גליק". דאָך, ווי מאָדנע עס זאָל ניט זיין, דאַנק איך גאָט פאַר יעדן טאָג, יעדע שעה און מינוט און עס ווילט זיך מיר אַלץ לעבן, לעבן, לעבן!

מאָלט אייך, ווען איך זאָל האָבן געמאַכט מיט אים אַ קאָנטראַקט פאַר מיין געבוירן ווערן, אַז ער מוז מיר צושטעלן אַלץ מיט אַנאַנדער פון שענסטן און בעסטן, וואָלט איך איצט געריעדט מיט אים גאָר אַנדערש. האָב איך אָבער פאַרזען צו מאַכן אַזאַ קאָנטראַקט, לייד איך פון די אַלע אָנשיקענישן מיט וועלכע ער איז מיך מכבד, אַלע מאָגנטיק און דאַנערשטיק, מיט דער ברייטער האַנט און „אויסגעשטרעקטן אָרעם" און שוייג, אַ ברירה האָב איך?...

און דער אמת איז דאָך, אַז... אין לעבן זענען דאָך פאַרט פאַראַן אַזוי פיל וואונדערלעך־טייערע זאַכן, אַפילו נאָר צולב די צוויי זאַכן: מוזיק און ליטעראַטור לוינט זיך מיר צו לעבן (ביז 90, און אפשר... טאַקע אַלע הונדערט?) און וואָס אמת איז אמת: זאָל מיר די „ליידי" ליטעראַטור פאַרגעבן, אָבער מוזיק האָב איך נאָך מער ליב ווי ליטעראַטור!

מיין פאַרוואָרט (שיער ניט געשריבן פאַרשפּיז), האָט זיך אַביסל צו לאַנג פאַרצויגן, און איך האָלט גראָד ניט פון קיין לאַנגן פאַרוואָרט, וועל איך נאָר צוגעבן, אַז מיט 14 יאָר צוריק, אין 1946, האָב איך אַרויסגעגעבן מיין

ערשטן בוך „אומעטיקער שמייכל‟, און איך בין זיכער, אַז מיינע חשובע לייענער האָבן פון דעם שמייכל, כאָטש אַן אומעטיקער, פאַרט הנאה געהאַט. (פאַראַן דאָרט אייניקע זייער אינטערעסאַנטע דערינערונגען, וועלכע וואָלטן געווען פאַסיק פאַר דעם בוך). איך וויל אַלזאָ האָפן, אַז מיינע חשובע לייענער און לייענערינס וועלן אויך איצט הנאה האָבן פון מיין „אַלטע היים און קינדער יאָרן‟.

איך וויל אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק צו מיינע פריינט, וואָס האָבן מיר געהאָלפן (ווער מיט געלט' ווער מיט אַרבעט) אַרויסגעבן דאָס בוך.

חנה ווידערמאַן

אינהאלט

	זייט
מיין זיידע	9
די באָבע	10
מיין מומע חיה ליבע	14
טאַטע־מאַמע	16
אַ חתונה אין שטעטל	18
מאַרק טעג	21
מיינע אַמאָליקע שכנים	24
משה הירשס קעלער	27
דעם גרעקס ברויט	29
די ערשטע עוולה קעגן מיר	30
דער „עקספּערימענט"	33
די „זיסע שאָפע"	35
אויף דער שוועל פון יענער וועלט	37
זי האָט ניט געטראָפן	39
דאָס ווייסע קעלנערל	42
דאָס גרינע סאַמעטענע היטעלע	44
נחמן דער מוליער	45
די קוואָקע	48
„מאַרס"	49
אַ מעשה מיט אַ קוגל	51
אַ מעשה מיט אַ ציג	53
דער באַרימטער סוחר	55
שלעכטע סחורה אין אַ גוטער צייט	57
פאַרמאַכט די בריק	59
קרופּיצקי און מאַרוסיאַ	61
איוואַן און מיכאַילאַ	63
רחל און פּייוול	64
די „טשיטאַלניע"	66
דער טעם פון בוך	69
דריי „טרעפּ"	72
מ'פּרעגלט פּאַווידלע	78
מ'האָדעוועט גענדז	79

	זייט
מ'שפּילט אין קאָרטן	80
מ'האָט זיך געשטעלט צום „פּריזיוו"	82
שמאַטעס	84
געפּאַלגט אַ דאָקטאָר	85
ביים שוחט	87
די „פּאָלקס באַנק"	89
דאָבע	95
יעקב	98
איך פאַרלאָז מיין היים	100
אַ מוראדיקע קאָשמאַרנע נאַכט	103
פּערעלע	106
עמיגראַנטן	109
צוליב אַ „קאַדילאַק" (מאָנאָלאָג)	113
די ירושה (מאָנאָלאָג)	114
פון אַ גראַמאָפאָן ביז טעלעוויזיע (מאָנאָלאָג)	116
זי האָט געוואונען אַ פּיקטשע (הומאָרעסקע)	117
אין שפּיטאָל (הומאָרעסקע)	119
אַ מעשה וועגן אַ פּראַניק (הומאָרעסקע)	122
די מתנה (דערציילונג)	124
די קליינע עוועלין (דערציילונג)	126
פריינדיבעס (דערציילונג)	128
שוואַרצע שטריפּעלעך (דערציילונג)	130
אַ „פריילעך" מיידל (דערציילונג)	133
דער לעצטער אַקאָרד (דערציילונג)	136
פון זעלענישטש ביז ניו־יאָרק (דערציילונג)	139
דער ניגון פון נצחון (אַ מעשהלע)	143

מיין זיידע

מיין זיידע פון טאַטנס צד האָט געהייסן מאיר. ער איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שטערן גרויס און פול מיט קנייטשן, און אַ לאַנגע, ווייסע באָרד האָט ער געהאַט

מיין זיידע פלעגט מיך, פון צייט צו צייט נעמען ביי דער האַנט און מיך פירן פאַר אַ שפּאַציר אין מאַרק. די שפּאַצירן מיטן הויכן, אַלטן זיידן זענען פאַר מיר — צו יענער צייט אַ קינד פון אַ יאָר זעקס — געווען אַ גרויסער יום־טוב!

אויפן מאַרק זענען געזעסן „זיצערנס" מיט „שטעלן" אויף וועלכע עס פלעגט זיין אויסגעשטעלט פון „כל־טוב", פון לעקעכלעך און „קוואַס־ניצעס". ביי חיה־מלכהן אויף דער שטעל זענען געווען צוויי סאָרטן „קוואַסניצעס", ווייסע און ברוינע, די געזויערטע עפּל זענען געווען פול מיט קנייטשן, ווי מיין זיידנס שטערן.

דער זיידע פלעגט מיך צופירן ביים הענטל צו דער שטעל, מיך אויפהויבן אויף די הענט און פרעגן: „וועלכע קוואַסניצע ווילסטו, די ווייסע צי די אַנדערע?" (די אַנדערע איז געווען אַ ברוינע, געקאָאָסט ביליקער). נאַטירלעך, האָב איך אויסגעקליבן די בעסערע! און דער זיידע האָט לאַכנדיק געקוקט צו חיה־מלכהן, ווי איינער רעדט: — „מ'קען זי נישט אָפּנאַרן!"...

איך האָב איינגעביסן אין דער זאַפּטיקער קוואַסניצע מיט מיינע יונגע ציינדלעך, און אַ שטראָם פון קוואַס האָט זיך געגומען גיסן איבער מיין ווייסן, אָנגעקראָכמאַלעטן, אויסגעפּרעסטן קליידעלע, מיט פאַרשידענע בליי־אַנדן און סטענגעס!...

דער זיידע האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ רויטע פאַטשיילקע, און שנעל אָפּגעווישט מיין קליידעלע פון דעם קלעפּיקן עפּל־זאַפט.

דערביי פלעגט ער מיר אויך זאָגן אַביסל מוסר: „פּאַרוואָס בויגסטו זיך נישט איין אַזוי, אַז עס זאָל נישט רינען אויפן קליידעלע? די מאַמע וועט דיך אָנפּאַטשן, און זי וועט דיך מער נישט לאָזן גיין מיטן זיידן שפּאַצירן, און וועסט נישט האָבן קיין קוואַסניצע!"... די לעצטע וואָרנונג איז געווען ערגער ווי געשאָלטן אין טאַטן!...

מיר האָבן טאַקע געכאַפּט אַ פּסק פון דער מאַמען, ווען מיר זענען אַהיימגעקומען. סיי איך, און סיי דער זיידע, און דאָס צווייטע מאָל ווען דער זיידע האָט מיך גערופן שפּאַצירן, האָט די מאַמע מיט אים אויסגע־

נומען, אַז ער זאָל מיר נישט קויפן קיין קוואַסניצעס! דאָס האָט מיר נישט געשמעקט, דער גאַנצער שפּאַציר האָט אָנגעוואָרן פאַר מיר דעם רייץ, האָב איך געזאָגט דער מאַמען, אַז זי זאָל מיר אָנטאָן אַ פאַרטוכל!...
„נו, איז זי נישט אַ חכמה?", האָט געפרעגט דער זיידע מיט שטאָלץ דער מאַמען, און עס האָט אויסגעזען, ווי איך בין זיין אייניקל מער ווי איר קינד!

איך בין געווען זייער יונג, ווען מיין זיידע מאיר איז געשטאָרבן.

ווי דורך אַ חלום געדענק איך ווי מענטשן זענען געגאַנגען אַריין און אַרויס פון דעם קליינעם, אָנגעבויגענעם שטיבעלע, וואו דער זיידע מיט דער באָבען האָבן געוואוינט, ווי עס האָט זיך געטומלט, און מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען מיט פאַרוויינטע, פאַרטרויערטע פּנימער.

אַרום בעט זענען געשטאַנען די קינדער: 2 טעכטער און 4 זין, און אונדז קליינוואַרג האָט מען מער נישט אַריינגעלאָזט צום זיידן אין הויז...

מיר האָבן געהערט אַ יאָמערלעך געוויין פון דער מומע ביילע, וועלכע איז נאָך דאַן געווען אַ מיידל.

זי האָט געשריען: „טאַטע! פאַרלאָז מיך נישט!"... האָט דער זיידע איר געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ, און געזאָגט: — „גאָט איז שוין דיין טאַטע!"...

מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, אָבער ביילע האָט אַזוי שטאַרק געיאָמערט, אַז ער האָט געעפנט די אויגן און די ליפּן און האָט שטיל געזאָגט: „פאַרוואָס האָסטו מיך אויפגעוועקט, מיין טאָכטער? ס'איז דאָרט אַזוי גוט"...

ווען דער זיידע האָט צום צווייטן מאָל פאַרמאַכט די אויגן, האָט מען ביילען אַוועקגענומען פון בעט, און מיט גוואַלד אַרויסגעפירט אין אַ צווייטן צימער, זי זאָל אים מער נישט אויפוועקן, און ער זאָל קענען קומען אַהין וואו עס איז „אַזוי גוט"...

די באָבע

מיין באָבע פון מאַמעס צד האָט געהייסן שרה. זי איז געווען אַ הויכע, דיקע און אַ זעלטענע שיינהייט!

איר עלטסטע טאָכטער צפּורה, וועלכע האָט געוואוינט אין האַטיק און איז געווען גאַנץ פאַרמעגלעך, האָט זי פיל מאָל געבעטן זי זאָל אויפגעבן די קראָם און איבערפאָרן צו איר קיין האַטיק, אָבער די באָבע האָט געהאַלטן, אַז אַזוי לאַנג ווי אַ מענטש קאָן נאָך אַרבעטן און פאַרדינען אַליין, מיט די

אייגענע הענט אויף זיין באַדערפעניש, דאַרף ער נישט אויפגעבן די אַרבעט און זיך באַזעצן ביי די קינדער. „ניין, אַזוי לאַנג ווי איך קען זיין פאַר זיך אַ באַלעבאָסטע און אַ קרעמערן, וויל איך נישט פאָרן צו דיר, מיין טאָכטער — האָט געטענה'ט די באָבע.

אַלס קינד פלעג איך אַלע זומער פאָרן פריער קיין האַטיק צו דער מומע צפורהן, און נאָכדעם צו דער באָבע שרהן אין דאָרף.

ביי דער באָבען אויף דער פּאָדווירע איז געוואַקסן אַ סך גראָז, ווייל קיינער פלעגט דאָס גראָז נישט אַרומשניידן, איז עס געוואַקסן ווילד, הויך און צושויבערט. ברייטדיקע קראָפּיווע, שטעכיקע בערלעך, ווייסע בלוזיקעס, געלע, בלויע בלימלעך, און גרינע, ריזיק־גרויסע סאַמעטענע בלעטער פלעגן זיך צושפרייטן אַן קאָנטראָל איבער דער גאַנצער ברייט פון דער „פּאָדווירע".

איך פלעג ליב האָבן צו פאַרקריכן אין טיפן גראָז, פון וועלכן מ'זאָל מיך אינגאַנצן נישט אַרויסזען און אַרומשפּאַצירן צווישן די „שאָרשנדיקע" בלעטער.

איך פלעג זיך פאָרשטעלן, אַז איך בין אַ באַלעבאָסטע, אָנקלייבן צעבראָכענע, בלויע געבלימטע טשערעפּלעך, וואָס האָבן זיך זינט יאָרן אָנגעזאַמלט צווישן גראָז, פון דער באָבעס צעבראָכענע טעלער, נאָך פון דער צייט ווען די באָבע איז געווען אַ יונגע מוטער און נאָכדעם ווי זי האָט חתונה געהאַט אַ צווייטן מאָל, און דער זיידע האָט געבראַכט זיינע קינדער, און צוזאַמען מיט די שותפותדיקע קינדער, וואָס זיי האָבן געהאַט איז די פאַמיליע באַשטאַנען פון אַרום פערצן פערזאָן.

איך זוך אויס אַ הויכן, ברייטן שטיין, און פאַרשפּרייט אים מיט אַ גרינעם בלאַט, אויף וועלכן איך שטעל אויס די געבלימלטע טשערעפּלעך, און עס באַקומט זיך פאַר מיר אַ בילד פון אַ טיש פאַרשפּרייט מיט אַ גרין סאַמעטענעם טישטוך אויף וועלכן עס שטייען בלויע טעלער.

ווען דער „טיש" איז שוין געגרייט, רוף איך צונויף מיינע „קינדער": ראַבטשיק — דאָס הינקענדיקע הינטל, אַ פּאָר קעץ, און אַ פּאָר הינער פאַר וועלכע איך האָב קוקורידזע־קערנדלעך. פאַר די קעץ און פאַר ראַבטשיקן האָב איך אַ פּאָר שטיקלעך ברויט, אָבער איך אַליין — די באַלעבאָסטע פון דער באָבע שרהס פּאָדווירע — עס אַ מיאַטנע צוקערקע, וואָס די באָבע האָט מיר געגעבן.

ביי דער באָבען אין קראָם איז פאַראַן פון כל־טוב: סחורה אויף קליידער, שלעסער, שליסלען, שטייגן, זיפּן, לעדער פאַר שיך, הענטשקעס, היטלען, גאָזע, זאַלץ, שוועבעלעך, ראָזשינסקעס, מאַנדלען, באָקסער, פייגן און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די קראָם איז שטענדיק געווען פול מיט מאַלדאַוואַנקעס, וועלכע האַלטן שטאַרק פון דער באָבען, און פאַרטרויען איר זייערע אינטימסטע סודות.

זיי ריידן אויף אַן אומבאַקאַנטער פאַר מיר שפּראַך, וואו עס הערן זיך אָפּט די ווערטער: „זשיפּוני״, „זשיפּוניאַסאַ״, „דאַמנעשאַרע״.

צומאָל ווען איך שפּיל זיך מיט מיינע „קינדער״, דערהערט זיך פון ווייטן דער באָבעס קול: חנה־ה־ה־לע! די באָבע ווייסט, אַז איך האָב ליב אָפּגעזאָטענע קוקורודזע, קאָכט זי עס פאַר מיר, און רופט מיך ווען זיי ווערן פאַרטיק.

* * *

ווען מיין באָבע שרה איז אַלט געוואָרן אַכט און זיבעציק יאָר האָט זי ענדלעך באַשלאָסן אויפצוגעבן איר קראָם און אַריבערפאָרן צו איר עלטסטער טאָכטער קיין האָטיק, כדי רואיק אויסצולעבן זיך דאָס ביסל יאָרן וואָס גאָט וועט איר שענקען.

דער מומע צפורהס מאַן איז געווען איר שטיף־ברודער, דאָס הייסט די באָבע מיטן זיידן האָבן זיך משדך געווען, און אַזוי אַרום איז די באָבע געווען צו איר איידעם נישט נאָר אַ שוויגער, נאָר אויף אַ שטיף־מוטער. אין אַלגעמיין האָבן די עלטערן מיט די דרייערליי קינדער זיך געלעבט זייער גוט: עס איז קיין אונטערשייד ביי זיי נישט געווען פון אייגענע און שטיף־קינדער. זיי האָבן זיך אמתדיק האַרציק ליב געהאַט.

עס איז געווען אַ זייער וויכטיקע געשעעניש. נאָך אַזוי פיל יאָרן וואָס מען האָט געבעטן דער באָבען איבערצופאָרן קיין האָטיק, און זי האָט נישט געוואָלט, ווען עס איז ענדלעך אָנגעקומען פון איר אַ בריוועלע צו די קינדער, אַז... זי גיט זיך אונטער; זי קומט צו זיי...

עס איז געווען אין אַ פרייטיק גאַנץ פרי, ווען דער פעטער יחזקאל האָט געהייסן דעם קוטשער איינשפּאַנען די בריטשקע און פאָרן ברענגען די באָבע.

אין הויז האָט געהערשט אַ יום־טובדיקע שטימונג. די קינדער האָבן געטומלט: „באַבושקאַ פּריעדיעט, באַבושקאַ פּריעזשאַיעט!״ (די באָבע וועט קומען, די באָבע קומט).

אין יענער צייט זענען שוין די צוויי עלטערע מיידלעך געווען דענטיסטן, די צוויי יינגערע ברידער — אינזשינערן און די דריי יינגסטע קינדער האָבן נאָך געלערנט אין מאָהילעווער גימנאַזיע.

די עלטסטע טאָכטער ליובאַ האָט געהאַט איר קאַבינעט אין איינעם פון די צען צימערן פון הויז, איינס פון די פּרעכטיקסטע הייזער אין האָטיק.

מיין פעטער יחזקאל האָט פאַרמאָגט צוויי מילן און אייניקע הייזער. מ׳האָט געשמועסט, אַז ער איז אַ גרויסער עושר.

איך בין דאָן געווען ביי דער מומע צפורה צו־גאַסט, בעת דער פעטער יחזקאל איז געפאָרן ברענגען זיין שוויגער און שטיף־מוטער. גראָד האָב איך דאָן אַ פּאָר זומערס פאַרפעלט צו פאָרן צו דער באָבען אין דאָרף. און איך האָב דערוואַרט זען די באָבע שרה אַלס אַן אַלטיטשקע, איינגע־בויגענע, אַכציק־יאָריקע אידענע. צו מיין אַנגענעמער איבערראַשונג, האָב איך דערזען אַ הויכע, גלייכע, בלוי־אויגיקע „יונגע באָבע", אַ לאַכעדיקע, פריילעכע וואָס האָט אַ וועלט מיט חן...

* * *

אין עלטער פון עטלעכע און אַכציק יאָר האָט מיין באָבע שרה קיין מינוט נישט געקענט אַרומגיין ליידיק. זי האָט שטענדיק געמוזט עפּעס טאָן.

יעדן פרייטיק פאַרטאָג פלעגט זי אויפשטיין פאַרקנעטן און „איבער־מאַכן" די חלה. די מומע צפורה פלעגט זיך ביי איר בעטן, זי זאָל עס נישט טאָן, אָבער די באָבע האָט זי נישט געהערט, און געטאָן אַליץ אין קיך.

אַמאָל פלעגט די מומע צפורה ווערן שטאַרק אויפגעבראַכט, זיך ממש „אַמפּערן" מיט דער באָבען, פאַרוואָס זי רוט נישט קיין מינוט, און זי לאָזט קיין אַרבעט נישט פאַר איר, פאַר דער טאָכטער, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן, נישט מיט גוטן, און נישט מיט בייזן.

די באָבע פלעגט אויסאַרבעטן זאָקן פאַר יעדן איינעם אין דער פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון צען פערזאָן: די עלטערן, די באָבע און זיבן קינדער.

זי פלעגט זאָגן, אַז די אַרבעט מאַכט זי פילן יונג, בעת ווען זי זיצט און טוט גאָרנישט, פילט זי ווי זי ווערט עלטער פון מינוט צו מינוט.

ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, און צווישן אוקראַינע און בעסאַראַביע האָט זיך געשאַפן אַן „אייזערנע וואַנט", האָבן מיר היפשע עטלעכע יאָר גאָרנישט געהערט פון אונדזערע קרובים אין האַטיק. נאָכדעם ווי איך האָב געשוואַרצט די גרענעץ, און בין געקומען קיין האַטיק צו מיינע קרובים, האָב איך צו מיין אַנגענעמער איבערראַשונג, געטראָפן צווישן זיי אויך מיין באַליבטע באָבע שרה.

זי האָט שוין אויסגעזען היפש פאַרעלטערט, איינגעבויגן, דאָס פנים צעאַקערט פון קנייטשן, אָבער זי פלעגט נאָך אויך איצט פון צייט צו צייט זיך אַריינכאַפן שטילערהייט אין אַ פרייטיק פאַרטאָג אין קיך אַריין און פאַרקנעטן די חלה; זי איבערמאַכן און „מאַכן דעם אויוון". און ווען די מומע צפורה פלעגט אַריינקומען אין קיך איז זי פשוט דערשטוינט געוואָרן, טרעפנדיק אָפּגעטאָן כמעט די גאַנצע אַרבעט!...

אין עלטער פון 98 יאָר איז מיין באָבע שרה געשטאָרבן.

מיין מומע חיה-ליבע

אַ קליינגעוויקסיקע, אַן איידעלע, מיט שיינע, איידעלע געזיכטצוגן, אַן עלטערע פרוי, געדענק איך מיין מומע חיה־ליבען, מיין באָבעס שוועסטער, פון טאַטנס צד.

די מומע חיה־ליבע פלעגט טראָגן אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ און אַ ליכטיק־געלן, געקוויטלטן, טערקישן שאַל אויף די אַקסל. נאָך פון גאַנץ וויט קען מען זי באַמערקן, אַ דאַנק דעם טערקישן שאַל, וואָס איז דער איינציקער פון דעם סאָרט אין אישיצע, און וועלכער שטאַמט אַזש פון... אַדעס!

מ׳זאָגט אויף דער מומע חיה־ליבע, אַז זי פאַרמאָגט אַ מאַנסבילשן קאָפּ; זי איז זייער שאַרפזיניק, פאַרמאָגט אַ ריזיק גרויסן רעפּערטואַר פון וויצן, משלים און מעשהלעך פון טויזנט און איין נאַכט...

די מומע חיה־ליבע איז אַ שדכנטע, און וואוהין זי קומט אַריין, מעג אַפילו דער שידוך, וואָס זי שלאָגט פאָר נישט זיין זייער צום האַרצן, גיט מען איר אָפּ גרויס כבוד. פאַרברענגען מיט דער מומע חיה־ליבע אַ פּאָר שעה, איז אַ גרויסער פאַרגעניגן.

אויף יעדער זאַך האָט זי אַ משל, אַ מעשהלע, און מענטשן „לעקן ממש די פינגער" פון איר חכמה.

אויך דער פעטער וועלוול איז אַ קלוגער מענטש, אַ תלמיד־חכם און מ׳קומט צו אים אָפט מיט אַ בוררות (אַרביטריישן). ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ שטאַרק פאַרפּלאָנטערטן ענין, רופט דער פעטער וועלוול אַריין די מומע חיה־ליבען פון איר צימער, זי זאָל אים אַרויסהעלפן.

עס טרעפט אַז... זיי ביידע קאָנען זיך נישט איינינקן, און עס וואָלט נישט שאַדן ברענגען עמיצן צו זיי, כדי זיי אויסצוגלייכן... ביידע ווייסן, אַז זיי זענען נישט „אבי־וועגר" און זיי וועלן נישט נאָכגעבן איינער דעם צווייטן אויף אַ האָר.

אָבער זיי גלייכן זיך ווי ס׳זעט אויס, און גלייכן אויך אויס דעם סכסוך ביי די מענטשן, און יענע באַצאָלן און גייען אַהיים צופרידענע.

יעדעס מאָל ווען מ׳קומט צום פעטער וועלוול, וואַרט שוין די מומע חיה־ליבע אומגעדולדיק, אַז דער פעטער וועלוול זאָל זי אַריינרופן פון איר צימער...

עס קען אַפילו זיין — אַז יענע קומען טאַקע צו איר, צו דער מומע חיה־ליבען, אָבער ס׳באַדאַרף הייסן ,אַז זיי קומען צום פעטער וועלוול...

די מומע חיה־ליבע מיטן פעטער וועלוול האָבן זעקס קינדער: דריי זין און דריי טעכטער. חוץ דעם מוזיניק, מאָטיע, זענען אַלע קינדער צעזייט און

צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט: ווער עס איז אין אַמעריקע, ווער אין אַרגענטינע, ווער אין אָדעס, און איין טאָכטער איז אין ארץ ישראל.

די מומע חיה־ליבע פאָרט אָפט קיין אָדעס, צו איר טאָכטער. זי וואָלט וועלן זיין שטענדיק אין אָדעס. די מומע חיה־ליבע האָט ליב צו לעבן אין אַ גרויסער שטאָט, אָבער זי האָט אַ ירושה שטוב פון אירע עלטערן אין אישיצע, וועלכע איר ברודער וויל ביי איר צונעמען, לאָדן זיי זיך שוין אַ סך יאָרן איבער דער שטוב, די שוועסטער מיטן ברודער.

מ׳זאָגט, אַז די אַדוואָקאַטן האָבן שוין ביי חיה־ליבען און אהרנען צוגענומען אַ סך מער וויפל די שטוב איז ווערט, אָבער זיי לאָדן זיך אַלץ מיט פאַרביטערטן נצחון...

יעדעס מאָל ווען די מומע חיה־ליבע פאָרט קיין אָדעס צו איר טאָכטער, קומט זי פון דאָרט אויסגעפּוצט אין „עסיק און אין האָניק״. גאַנץ אָפט זענען די קליידער פון ליכטיקע „שטאַרק שרייענדיקע״ קאָלירן — צו־יונג פאַר איר עלטער, אָבער די מומע חיה־ליבע ליידט פון אַ שוואַכקייט אָפּצונאַרן די וועלט, און אַפילו זיך אַליין, ווען עס האַנדלט זיך וועגן איר עלטער.

איר ברודער, אהרן, וועלכער וואָלט זי גערן „דערטרונקען אין אַ לעפל וואַסער״, פאַרדריסט שטאַרק ווען ער דערזעט די שוועסטער אויסגעפּוצט אין אַ רויט קליידל מיט בלויע קווייטן, רופט ער זי: „דאָס מיידעלע״.

שוין אין טיפן עלטער האָט די מומע חיה־ליבע און פעטער וועלוול, דורכגעלעבט אַ גרויסן פאַרלוסט: זייער יינגסטער זון, וועלכער איז געווען זייער אַ באַגאַבטער, האָט געשפּילט אויף אַ סך אינסטרומענטן — פידל, קלאַרנעט, פלייט און דאָס גלייכן, איז אַהיימגעקומען פון מיליטער־דינסט, קראַנק געוואָרן פאַר צוויי טעג און איז געשטאָרבן.

מיין קאָזין מאָטיע איז געווען שטאַרק באַליבט אין שטעטל פאַר זיין כישופדיקן שפּילן, און זיין טויט איז געווען אַ גרויסער פאַרלוסט, ניט נאָר פאַר די אַלטע טאַטע־מאַמע, נאָר פאַרן גאַנצן שטעטל. יידן און קריסטן האָבן געוויינט. און איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם רושם וואָס זיין טויט האָט געמאַכט.

פאַר מיר איז מאָטיעס טויט געווען אַ באַזונדער שווערער פאַרלוסט, ווייל ער איז געווען חוץ מיין באַליבטער קאָזין — אויך מיין מוזיק לערער.

מענטשן האָבן זיך געוואונדערט אויף חיה־ליבעס „רואיקייט״ נאָך איר זונס טויט.

אַנדערע האָבן באַוואונדערט אירע „שטאַרקע נערוון״. זי פלעגט רעדן געלאַסן מיט אַלעמען, וועגן פאַרשידענע וועלט־זאַכן, גלייך ווי גאָר־

נישט וואָלט פּאַסירט. אָבער דאָס האָט אָנגעהאַלטן נאָר אַ פּאָר וואָכן. נאָכדעם האָט מען געזען, ווי די מומע חיה־ליבע פלעגט אינמיטן נאַכט אַרויסקומען אויפן גאַניק, אין אירע נאַכט־קליידער און שרייען אין דער פינצטערניש: „זון מיינער, קינד מיינס, וואו ביסטו?! איך קען נישט שטילן מיין בענקשאַפט נאָך דיר, מאַ—אַ—אַ—טיע!" אירע קולות, נאַכט־איין, נאַכט־אויס, האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די שכנים, און אויף אַלע וואָס האָבן עס געהערט. די בייטאָגיקע כלומרשטע רואיקייט און ביינאַכטיקע קולות האָבן אָנגעהאַלטן אַ פּאָר מאָנאַטן, און דער מומע חיה־ליבעס בענקשאַפט איז ענדלעך „געשטילט געוואָרן", זי איז נאָכגעשטאָרבן איר באַליבטן זון...

טאַטע־מאַמע...

אַ קליינגעוויקסיקע, אַ בלאָנדע, מיט אַ גרויסן שטערן, בלויע אויגן און גאָלדיק־בלאָנדע, געקנייטשטע האָר — דאָס איז אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געווען מיין מוטער ע"ה.

אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט שוואַרצע אויגן און שוואַרצע האָר, וואָס זענען זייער פרי גרוי געוואָרן — איז געווען מיין פאָטער ע"ה.

מיין מוטער האָט באַזעסן אַ וואונדערלעכע שטימע, און איך געדענק ווי זי פלעגט מיך איינשלעפן מיט אַ ליד וועגן בענקשאַפט.

מיין מוטער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ הויז וואו עס זענען געווען דרייעראַלריי קינדער: דעם זיידנס קינדער פון ערשטן ווייב, דער באָבעס — פון ערשטן מאַן און שותּפותדיקע. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַרום פערצן פּערזאָן.

איך געדענק נאָך די מעלאָדיע פון יענעם ליד, כאָטש די ווערטער זענען מיר געווען אומפאַרשטענדלעך, ווייל זיי זענען געווען אין רומעניש. (מיין מוטער שטאַמט פון אַ בעסאַראַביער דאָרף לעבן אטיק־מאָהילאָוו). מיין מוטער איז געווען אַ גרויסע קינסטלערן אין „רוקאָדעליע" (האַנט־אַרבעט).

איך געדענק זי האָט זיך אַמאָל אויסגעאַרבעט אַ מאַנטל פון וואָל, האָט קיינער נישט געקענט זיך פאַרשטעלן, אַז זי האָט אים אַליין געמאַכט! אויך סוועטערס, שאַרפעס, הענטשקעס און בלאָנדען „לייס", באַפּוצונגען ווי אין אַ פאַבריק, האָט זי געמאַכט.

מיין פאָטער פלעגט ליידן פון איר איבערטריבענעם אינטערעס אין האַנט־אַרבעט: ער פלעגט איר עפּעס דערציילן, רעדן און דערקלערן אַ

לענגערע צייט, און מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט אַז... זי ציילט די „אייגלעך״: פופצן, זעכצן, זיבעצן, אַכצן און אַזוי ווייטער און ווייטער.

ער פלעגט ווערן אויפגערעגט: „איך מיין אַז איך רעד צו מיין ווייב און זי הערט מיך אויס, אָבער זי רעדט גאָר צו די „אייגלעך!״ — פלעגט ער זאָגן מיט פאַרדרוס. די מאַמע פלעגט זיך פאַרענטפערן, אַנטשולדיקן, זאָגן אַז זי האָט געהערט, און עס האָט איר קענטיק באַנג געטאָן... אָבער אויפן צווייטן טאָג האָט זיך ווידערהאָלט די זעלבע געשיכטע. ער האָט גערעדט, און זי האָט געציילט די „אייגלעך״... וויסנדיק, אַז אַ סך, אַ סך מענטשן „שלינגען״ ממש זיינע ווערטער און ווערטלעך, פלעגט דעם טאַטן שטאַרק וויי־טאָן וואָס די מאַמע „איז מער פאַראינטערעסירט אין דער שידעלקע״ ווי אין זיינע געשיכטעס, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן. מיין מוטער איז עס אָבער צוניץ געקומען: זי האָט פאַרדינט שפּעטער שוין אַלס זקנה אויף איר לעבן פון האַנט־אַרבעט.

אין אַלע צימערן זענען געלעגן שאַרפּעס, סוועטערס, הענטשקעס, זאָקן און דאָס גלייכן. צו מאָל ווען איך האָב געזען ווי מיין מוטער נעמט זיך צו דער אַרבעט פלעג איך פרעגן: „מאַמע, עס זענען פאַראַן זעקס סוועטערס פאַר יעדן איינעם, צו וואָס אַרבעסטו נאָך?״ „יענע זענען נישט קיין שיינע קאָלירן, דאָס איז אַ זעלטן שיינער קאָליר, ס׳איז טאַקע פאַר דיר, חנהלע״ — פלעגט זי ענטפערן.

אָבער כאָטש מיין פאָטער פלעגט פאַרדריסן דער מאַמעס „פאַרקאָכט־קייט אין דער אַרבעט״, האָט ער זי שטאַרק ליב געהאַט!

יעדן האַרבסט פלעגן אָנקומען צו אונדז אַזוי פיל בריוו, אַז ווען אויפן אַדרעס האָט אַ סוחר פאַרגעסן צו שרייבן מיין פאָטערס צווייטן נאָמען, נאָר עס איז געווען אַדרעסירט „גוחימו״ (שפּירא האָט מען פאַרגעסן צו שרייבן) איז דער בריוו אָנגעקומען, כאָטש ווי קליין אישיצע איז געווען, האָט עס פאַרמאָגט אַ סך מער ווי איין נחום!...

און ווי שטאַרק פאַרהאַוועט מיין פאָטער איז געווען, פלעגט ער געפינען צייט אין אַ פּשוטן מיטוואָך אַרומצונעמען די מאַמען, איר אַ קוש געבן און לאַכנדיק פרעגן:

„ווי אַזוי האָב איך געוואוסט, אַז אין אַ דאָרף, ערגעץ נעבן אַטיק־מאָהליוו, וועל איך געפינען אַזאַ טייער ווייבל?!... מיין מוטער פלעגט זיך פאַררויטלען ווי אַ יונג מיידל, זיך כלומרשט וועלן אַרויסדרייען פון זיינע אָרעמס: „לאָז מיך צורו מיט דיינע מעשיות!״... אָבער ס׳איז געווען קענטיק, אַז זי איז צופרידן...

איינמאָל איז צו אונדז אַריינגעקומען שרהצי, מיינע אַ חברטע און

געזען ווי מיין פאָטער, וועלכער איז געווען אַ סך העכער פון מיין מוטער, האָט זיך אָנגעבויגן צו איר און האָט איר אַ קוש געגעבן. מיין חברטע האָט עס מיר דערציילט אַ פאַרגאַפטע.

„ווען איך זע עס נישט אַליין מיט מיינע אויגן, וואָלט איך עס נישט געגלויבט!", האָט זי זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן.

איך האָב שטאַרק געלאַכט. „וואָס לאַכסטו!?" — פרעגט זי מיך. „איך זע עס אַזוי אָפּט, איז עס פאַר מיר אַ געוויינלעכע זאַך, איך לאַך פון דיר וואָס דו חידושט זיך אַזוי!"... — האָב איך געענטפערט.

מיינע עלטערן זענען געווען פאַרמעגלעכע, און לויט יענע יאָרן האָבן מיר געלעבט אויף אַ ברייטלעכן שטייגער. מיר האָבן געהאַט אַ פּאָר הייזער, אַ פּאָר אַרבעטער אין מאַגאַזין און אַ דינסט אין הויז.

אין צייט פון די באָלשעוויקעס האָט מען ביי מיינע עלטערן אַלעס צוגענומען, און מ'האָט זיי אַרויסגעשיקט פון שטעטל. זיי זענען צוזאַמען מיט מיין יינגערן ברודער אַוועקגעפאָרן אין טיף רוסלאַנד, ווייט־ווייט פון דער היים, אין זאַפּאַראָזשיע. דאָרט איז מיין מוטער געוואָרן אַן אויפזעערין אין אַ קאָאָפּעראַטיווער קיך, מיין פאָטער איז געוואָרן אַ וועכטער, און מיין ברודער האָט שטודירט אויף אינזשינער. עס איז אים אָבער זייער שווער אָנגעקומען צו גרייכן זיין קאַריערע: פאַרן טאַטנס „חטאים" אַלס געוועזענער סוחר, האָט מען מיין ברודער יאָרן לאַנג נישט צוגעלאָזט צו די עקזאַמענס. בייטאָג האָט ער געאַרבעט און ביינאַכט האָט ער געלערנט. ענדלעך האָט ער דערגרייכט זיין אידעאַל און ער איז געוואָרן אַן אינזשינער! ער האָט געהייראַט, און ווען ער איז געוואָרן אַ פאָטער צו אַ טעכטערל, האָט אויסגעבראָכן די לעצטע וועלט מלחמה, און ער איז געפאַלן אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט.

ווי געזאָגט, איז מיין פאָטער געווען אַ „סטאַראַזש". נאָכדעם איז ער דערהויבן געוואָרן צו אַ נאַטשאַלניק אין אַ פּאָסט־אָפּיס. אַ פּאָר מאָנאַטן נאָך מיין ברודערס טויט, איז אויך מיין פאָטער געשטאָרבן, ערגעץ אין מיטל־אַזיע, וואוהין זיי זענען עוואַקואירט געוואָרן אין צייט פון דער מלחמה.

אַ חתונה אין שטעטל

ווען עס פלעגט פאָרקומען אַ חתונה אין מיין היים־שטעטל אישיצע, איז דער טאָג געווען פאַר אַלעמען אַ זייער וויכטיקער!

אַ פּאָר וואָכן פאַר דער חתונה איז די ערשטע פראַגע ביים באַגעגענען

זיך מיט קרובים, פריינט און באַקאַנטע געווען: „איר זענט געלאַדן צו רחל־משה אזריעלס אויף דער חתונה?״

אַלס קינד פלעג איך אומגעדולדיק וואַרטן אויף דעם איינלאַדונגס־בילעט. אַפילו ווען איך האָב געוואוסט אַז אונדזער פאַמיליע וועלן זיין געסט אויף דער חתונה, האָב איך אָבער צוליב זיכערקייט געוואָלט זען דעם בילעט אין מיינע הענט, טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, די שעה זאָל נישט זיין, — דער שמש פאַרלירט אונדזער בילעט, אַ קשיה אויף אַ מעשה.

איך פלעג וואַרטן אויפן שמש ווי אויף משיחן. ענדלעך, העלפט גאָט: משה שמש קומט אַריין צו אונדז מיט אַ פעקל בילעטן: ווייסע, געלע, בלויע און אַנדערע. ער נעמט זוכן מיט גרויס ערנסט דעם בילעט און מיר ציטערט דאָס האַרץ, ווער ווייסט צי וועט ער אים געפינען. ענדלעך דערלאַנגט ער מיר אַ געלן בילעט, און איך פיל, ווי אַ שטיין איז אַרונטער פון מיין קינדיש הערצל.

מיט אַ צייט פריער קלאַפּט מען צונויף פון ברעטער אַ שאַלאַש נעבן דער כלהס הויז. מען שפּרייט אויס קאָלירטע טעפּיכער אַרום די ברעטער, מען שטעלט אַריין טישן און בענק, און דער שאַלאַש קוקט אויס אייגנאַרטיק־שיין.

אין טאָג פון דער חתונה קומען זיך צונויף מחותנים, קלעזמער און „קוקערס״ (נישט געלאַדענע).

מ׳קומט זיך צונויף אין הויז אַריין, נאָכדעם פירט מען איבער די כלה אין שאַלאַש, די מוזיק שפּילט אַ מאַרש און די עלטערן, אָדער די נאָענטסטע קרובים, ווען קיין עלטערן זענען נישטאָ, פירן די כלה.

די קלעזנער שפּילן אָפּ יעדן מחותן און מחותנתטע אַ מזל טוב און מען טאַנצט „אַ קיילעכיקס״, אַ וואָליך צי אַ באולגאַר.

אויב דער חתן איז פון אַן אַנדער שטאָט, פאָרט מען אים באַגעגענען.

צוריקפאָרנדיק מיטן חתן, פאָרט דער שטאָטישער וואַסער־פירער פאָר־אויס, און עס גיסט זיך וואַסער פון זיין פעסל דעם גאַנצן וועג.

מ׳לאָזט וויסן דער כלה אַז — „דער חתן פאָרט!״, „דער חתן פאָרט!״ און זי גייט אַרויס פון שאַלאַש אין איר ווייסן קלייד און גרילאַנד. זי קוקט אויס שיין ווי אַ פּרינצעסין, מיט איר גייען מיט אַלע מחותנים.

עס פאָרן פאַרביי עטלעכע פורלעך מיט מחותנים פון חתנס צד.

דער חתן נעמט אַרונטער דעם הוט און פאַרנויגט זיך, און די כלה ווערט רויט, לאָזט אַרונטער די אויגן. אַלע קוקן אויף איר מיט גרויס הנאה.

דער חתן מיט זיינע מחותנים שטייען אין ביי עמיצן, וואָס האָט אַ גרויסע שטוב.

אַ פּאָר פון די מחותנים פון כלהס צד גייען מקבל פּנים זיין דעם חתן.

פאַרנאַכט באַזעצט מען די כלה. אויב זי האָט נישט קיין עלטערן, האָט דער בדחן די מעגלעכקייט אַרויסצואווייזן זיין טאַלאַנט אויסזינגענדיק האַרץ־רייסנדיקע לידער, וועגן דער יתומה און מאַכנדיק אַלע פרויען וויינען, און דער כלה — כליפּען.

מ׳פירט אַריין דעם חתן אין שאַלאַש און ער וואַרפט אַרויף אַ לייכטן זיידענעם דעקטוך אויף דער כלהס פּנים.

דער שמש גיט אַ „קאָמאַנדעווע״: — ווייבער, בענטשט דעם חתן.

„זאָל אים גאָט בענטשן!״, ענטפערן אַלע און מ׳באַוואַרפט דעם חתן מיט קאָנפעטי, און ער גייט אַרויס.

די מוזיק שפּילט און מ׳גייט צו דער חופּה; אַמאָל גייט מען ביז צו דער שול, אַמאָל נעבן דעם הויז.

ווען מ׳קומט צוריק פון דער חופּה טאַנצט מען נאָך אַביסל און מ׳גייט צו די לאַנגע טישן עסן „וועטשערע״.

עס איז אַ זאַטע וועטשערע: פיש, געבראַטנס, קנישעס, מאַיענע, גאָלדענע יויך, קאָמפּאָט, שטרודל, פלאָדן, קאַמיש־ברויט, צוקער־לעקעך און דאָס גלייכן. די קלעזמער שפּילן אַ זיס־אומעטיקן ניגון און דער עולם לאָזט זיך וואוילגיין.

נאָך דער וועטשערע רופט מען אויס דרשה־געשאַנק:

דער בדחן רופט: חתנס צד איינמאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. דעם חתנס אַ פעטער, משה־חיים זאַקוטאַ, גיט צוויי קערבלעך דרשה־געשאַנק! דער כלהס אַ שוועסטער־קינד, שרה־חיה ברייטערמאַן, גיט אַ זילבערנע טאַץ דרשה־געשאַנק! דעם חתנס אַ גוטער פריינט זלמן־בער זעליאַכאָוויטש גיט אַ זילבערנעם בעכער דרשה־געשאַנק. די וואָס ווילן נישט מ׳זאָל וויסן וויפל זיי געבן, שיקן זיי מיט אַ קינד דעם דרשה־געשאַנק אויפן צווייטן טאָג.

מ׳טאַנצט און מ׳לאָזט זיך וואוילגיין ביזן ווייסן טאָג אַריין.

ווען עס הויבט אָן טאָגן, פירט מען אָפּ די מחותנים. די קלעזמער שפּילן.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן יענע פאַרטאָגן, אין מיין קליינעם היים־שטעטל אישיצע, ווען פאַרטושניאַק קלעזמער מיט זיין קאָמפּאַניע פלעגן אָפּפירן די מחותנים פון אַ חתונה. די אומפאַרגעסלעך זיס־פאַרבענקטע יידישע מוזיק פלעגט אַריינדרינגען אין מיין האַרץ און אין מיין נשמה, און עס איז געווען אַזוי גוט, זיס, צו זיין אַ קליין מיידעלע!

אָ, יענע פאַרטאָגן, זיי ליגן מיר נאָך אין טעם!...

מאַרק טעג

בלויז צוויי טעג אין דער וואָך איז לעבעדיק צווישן די קלייטן אין אישיצע: זונטיק און דאָנערשטיק.

זונטיק קומען אַרויס פּויערים פון די אַרומיקע דערפער אין זייערע מיט נאַפט אויסגעשמירטע שטיוול און די פּויערטעס אין אויסגעפּרעסטע העמדער און רויטע קאָרעלן אויף די העלדזער, זיי קנאַקן דיניע־קערלעך און באַטראַכטן לאַנגזאַם מיט ישוב הדעת די סחורות וואָס זענען אויסגעלייגט אויף די שטעלן: קאָלירטע שאַלן, פּאַטשיילעס, סטענגעס, בליאַנדן, שפּיגעלעך, קע־מעלעך, און אַזוי ווייטער און ווייטער. און מ׳קויפט צו ביסלעך, נישט קיין סך.

אָבער אין די אַנדערע טעג איז שטיל־שאַ צווישן די קראָמען. יעדן פרימאָרגן עפענען די קרעמער די לאָדן פון די קראָמען, וועלכע דינען זיי אויך פאַר אַ שטעלכל פאַר סחורה און מ׳לייגט אויס די סחורה לאַנגזאַם. די קרעמער ווייסן, אַז זיי האָבן זיך נישט וואָס צו אײַלן, די קונים שטייען נישט אין דער ריי... דער קרעמער מורמלט זיך אַ ניגונדל אַרויסלייגנדיק געזאַלצענע, געטרוקנטע פיש, ציקאָריע, פאַרגעלטן און טרוקענעם ווי שטיין באָקסער, געלן זאַפּראַן, שטעקעלעך צימרינג, לאַנגע צוקערקעס אין קאָלירטע פּאַפּירלעך און אַזוי ווייטער.

עס גייען פאַרביי שטונדן און מ׳זעט קיינעם נישט. ענדלעך באַווייזט זיך אַ באָרוועסע שיקסל מיט אַ בינטל קוקורודזע מעל, אין וועלכן עס ליגן עטלעכע אייער.

די שיקסע שטעלט זיך אַוועק נישט ווייט פון די קראָמען אַ צעטומלטע; פון אַלע לאָדן פינקלען און וואונקען צו איר קאָלירטע פּאַטשיילעס, שאַלכלעך, סטענגעס בליאַנדען. ווייסט זי נישט, קען זי זיך נישט באַשליסן וואוהין צוצוגיין. זי טראַכט און טראַכט ביז זי לאָזט זיך צו צו אַ שטעל, זי קוקט לאַנגזאַם איבער די שאַלעכלעך און פּאַטשיילעס, מעסט זיי אָן אַריינקוקנדיק אין אַ קליין שפּיגעלע, דינגט זיך אַביסל איבער דעם פּרייז, גייט אַוועק און קערט זיך אום צוריק. דער מסחר קען נישט געשלאָסן ווערן, עס גייט אין אַ פּאָר קאָפּיקעס וואָס זי וויל אָפּרייסן פון פּרייז. עס קומט אַרויס די קרעמערקע פון הויז און זי נעמט זיך איינרעדן דער שיקסע, אַז די באַטרע־פנדע פּאַטשיילע קאָסט איר אַליין טייערער ווי צוויי גילדן. זי פאַרזיכערט זי אַז... אַלע כלאָפּצעס וועלן באַקומען די כאָליערע ווען זיי וועלן זי, די שיקסע, דערזען אין דער פּאַטשיילע, אַזוי פּאַסט זי איר צום פּנים!

די שיקסע נעמט זיך שוין באַצאָלן. זי נעמט צעבינדן אַ קניפּל פון אַ פּאַטשיילע, וואו זי האַלט דאָס געלט, אין דער מינוט באַווייזט זיך נעבן איר אַ פּויערטע פון איר דאָרף... די שיקסע צייגט איר די פּאַטשיילע און פרעגט מבינות...

— נאַר וואָס דו ביסט, דו צאָלסט דאָך איבער גאַנצע זעקס גראָשן, און די פּאַטשיילע פּאַסט דיר ווי אַ חזיר אַ קרענצל! — רופט אויס די פּויערטע און גיט צו מיט אַ צאַרטער שטים: קום מיט מיר צו מאָשקע דעם רויטן, מיין פּראַסינע האָט ביי אים לעצטן דאָנערשטיק געקויפט אַ פּאַטשיילע, האָט זי גרעסערע קווייטן און לענגערע פראַנדזן און זי קאָסט מיט זעקס גראָשן ווינציקער!

זיי גייען ביידע אַוועק, און די קרעמערקע ווינטשט זיי זאָלן ברעכן האַלדז און נאַקן!...

— ראַצע, האָסט שוין געקראָגן אַ פּאַטשאַטיק? — פרעגט די קרעמערקע די צווייטע, וואָס זיצט נישט ווייט.

— ניין, און דו האָסט שוין געקראָגן? — פרעגט די צווייטע מיט אַ פריינטלעכער שטים. אָבער גאַנץ אָפט טרעפט, אַז איינער ווייזט זיך אויס אַז די צווייטע האָט אַוועקגערופן פון איר אַ קונה און עס ברעכט אויס אַ קריג וואָס ווערט וואָס אַמאָל הייסער און שאַרפער: מ'וואַרפט זיך אויס פאַרשידענע בזיונות, צונעמענישן, מ'שילט איינע די צווייטע מיט די ערגסטע קללות. מענטשן לויפן זיך אָן פון אַלע זייטן, און קוקן מיט גרויס אינ־טערעס און הנאה אויף דער פרייער „פאַרשטעלונג". עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די צוויי קרעמערקעס זענען זיך נישט קיין שונאים, זיי קריגן זיך גלאַט צוליב צייט־פאַרטרייב, דאָס קריגן זיך ברענגט אַריין לעבן אין דער מאָנאָ־טאָנער שטילקייט, מענטשן הערן זיך צו, צומאָל שאַפן זיך צדדים און עס טומלט זיך, עס איז פריילעך...

אויף צומאָרגנס זענען די קרעמערקעס ווידער גוטע פריינט, און ווען איינע גייט אַוועק פאַר אַ ווילע, גיט די צווייטע אַכטונג מען זאָל ביי יענער נישט גנבענען...

* * *

דאָנערשטיק איז דער מאַרק פאַרפּלייצט מיט פּויערים, פערד, בהמות, חזירים, גענדז, עופות; די גוואַלדן פון די זיך דינגענדיקע יידן און גויים דאָס הירזשען פון פערד, דאָס מרוקען פון קי, דאָס כרוקען פון חזירים, דאָס גוואַלדעווען פון גענדז פאַרהילכן די לופט, אַזוי אַז מ'קען טויב ווערן. פאַרשידענע שווערע ריחות טראָגן זיך אין דער לופט, קיצלען אין דער נאָז און מאַכן צו ניסן איינער דעם צווייטן גלייך אין פּנים אַריין; עס איז נישטאָ וואו הין אַוועקצודרייען דעם קאָפּ, אַזוי ענג איז. עס איז אוממעגלעך זיך דורכצושטופּן די גאַס.

די קרעמער, זייערע פרויען און קינדער גיבן אַכטונג אויף די לאָדנס מיט סחורה „מיט טויזנט אויגן", ווייל די פּויערים וואָס זענען זייער אויס־

געקרעכצט ביים קויפן, זענען זייער רירעוודיק צום „נעמען״... זיי שלעפּן אַוועק פאַרשידענע זאַכן ממש מיטן אויגן־בליק. עס העלפט נישט דאָס היטן זיי מיט טויזנט אויגן. נאָך יעדן יאַריד פעלט ביי יעדן קרעמער אַ סך סחורה וואָס איז צושלעפּט געוואָרן. דאָנערשטיק קויפט דער פּויער פיל מער ווי אין אַן אַנדער טאָג, ווייל ער לייזט געלט פאַר פאַרשידענע סחורות וואָס ער ברענגט אַרויס אויפן מאַרק. ער קויפט פאַרן ווייב אַ שאַלכל, אַ פאַרטוך, פאַר די קינדער בייגל און צוקערקעס און פייפעלעך (בלעכערנע פייפעלעך, וואָס קוויטשען מאָנאָטאָן).

פאַרנאַכט, ווען די זון פאַרגייט, כאַפּן זיך די פּויערים אַריין אין אַ שענק מיטן ווייב און אַ פּאָר „קומעס״ (פריינט מיט וועלכע מ׳קריסטלט ביי געבוירענע קינדער), מ׳טרינקט אַזוי לאַנג ביז מ׳קען זיך שוין אויף די פיס נישט האַלטן, און עס קומט זיי אָן מיט גרויסער שוועריקייט זיך אַרויפצודראַפּען אויפן וואָגן, אַהיימצופאָרן אין דאָרף. אייניקע וואַרפט מען אַרויף אויפן וואָגן באַוואוסטלאָז פון שיכרות.

* * *

שבת זענען די טירן געשלאָסן, די לאָדן פאַרמאַכט אין אַלע קראָמען, שטיל אויף די גאַסן, מען זעט כמעט אין גאַנצן נישט קיין פאַרבייגייער. צומאָל עפנט זיך אַ טיר פון אַ קרעמער וועמענס וואוינונג איז באַזונדער פון דער קראָם, עס קומט אַרויס דער קרעמער, גיט אַן אויסגעצויגענעם געגעץ, אַן אויסגעפּוצטער אין דער זיידענער קאַפּאָטע, מיט די הענט פאַרלייגט אויף אַרונטער, לאָזט זיך דער אויסגערוטער ייד, נאָכן שבת־בייטאָגיקן שלאָף צו זיין געוועלבל, אַ פּרואוו טאָן דעם שלאָס פון טיר און דעם לאָדן. ער ווייסט פריער אַז אַלעס איז דאָרט אין אָרדענונג, אָבער אַז עס איז נישטאָ וואָס צו טאָן, און וואָס קאָן שאָדן זיך אַדורכצוגיין און אַ פּרואוו טאָן ?...

אויפן פאַריתומטן קעסטל, וואָס שפּאַרט אונטער דעם לאָדן מיט סחורה אין די וואָכעדיקע טעג, זיצן איצט אַ פּאָר יונגע מיידלעך, אויסגע־פּוצטע אין שבתדיקע קליידלעך, און קנאַקן דיניע־קערלעך. נעבן זיי ליגט אַ ברוינע ציג און קייעט עפּעס. די ציג הערט זיך צו מיט אַרויסשטאַר־טשנדיקע אויגן ווי רבקה דערציילט רייזלען, אַז איר פעטער משה איז לעצטע וואָך געווען אין מאָהילעוו, איז ער דאָרט געגאַנגען מיט זיין שוואָגער אין „אילוזיאָן״ (מואווי) און ער האָט אַליין געזען, מיט זיינע אויגן, ווי אויף אַ ליילעך זענען אַרומגעגאַנגען לעבעדיקע מענטשן!...

מיינע אַמאָליקע שכנים

אין אַ טאָל אַרומגערינגלט מיט בערג צווישן סעדער און גערטנער, ביים ברעג דניעסטער, איז געשטאַנען מיין באַליבט היים־שטעטל אישיצע.

זומער ווען דאָס שטעטל האָט זיך צעגרינט און צעבליט, האָט עס אויסגעזען כישופדיק פּרעכטיק!

די הויפּט צוציאונגס־קראַפט פאַר טוריסטן איז געווען דער דניעסטער; דאָקטוירים פון אַנדערע שטעט פלעגן שיקן זייערע פּאַציענטן זיך באָדן אין דניעסטער.

אמת, די אישיצער גאַסן זענען נישט קיין גרויסאַרטיקע, נישט קיין ברוקירטע; זיי זענען געווען צעוואָרפן אין גרויס אומאָרדענונג. אויף די דאָזיקע גאַסן האָט מען נישט זעלטן געקאָנט באַגעגענען ציגן און חזירים שפּאַצירן געמיטלעך, פראַנק און פריי.

און ווען עס איז געקומען האַרבסט, איז דאָס שטעטעלע נעבעך געווען אויף גרויסע צרות. מאָנאַטן לאַנג, טאָג איין, טאָג אויס, האָט געפּליוכעט אַ רעגן, קיין שטראַל זונשיין זעט מען נישט אָן פאַר אַ רפואה, און דאָס איז נאָך אַלץ נישט דאָס ערגסטע: דאָס ערגסטע איז וואָס עס שטעלן זיך אַוועק טיפע, געדיכטע קלעפּיקע בלאָטעס, און עס איז וואָכנווייז אוממעגלעך אַרויסצוגיין אין גאַס.

צומאָל בלייבן שטעקן אימיצנס קאַלאָשן אין דער בלאָטע און עס איז אוממעגלעך זיי אַרויסצושלעפּן. און ווען מ'איז איינגעשפּאַרט און מ'וויל פאַרט אַרויסראַטעווען די „פּעטערבורגער" קאַלאָשן, בלייבן אויך די שיך צוזאַמען מיט די קאַלאָשן אין דער טיפער, געדיכטער, קלעפּיקער בלאָטע.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין: פּונקט ווי ביי אַ קינד אין די אויגן איז זיין מאַמע די שענסטע, איז אין מיין דמיון מיין שטעטל אישיצע דאָס ליבסטע.

דאָס לעצטע יידישע הויז אין שטעטל איז אונדזערס. ווייטער זעט מען שוין קליינע שטיבעלעך מיט קליינע פענצטערלעך מיט וואַזאָנעס; שטרויענע דעכער מיט „פּריזבעס" (אַרום די ווענט ווערן געמאַכט אַזעלכע בענק פון ליים, וואו די פּויערים זיצן אין די זונטאָגס, דערציילן רכילות און קנאַקן דיניע־קערלעך).

אַנטקעגן אונדז איז פאַראַן אַ גרויס שיין הויז מיט אַ סך צימערן אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן גאָרטן. אין דעם הויז וואוינט דער גלח מיט זיין הויז־געזונט.

דעם גלחס עלטסטן זון רופט מען „דער צעדרייטער פּאַניטש". דעם „טיטול" האָט ער געקראָגן, ווייל בעת ער גייט, וואַרפט ער מיטן קאָפּ און מיט די הענט אין אַלע זייטן

דער פּאַניטש איז פון דער נאַטור נישט קיין שלעכטער; אַמאָל ווען ער רייסט פון אַ ריזיק־גרויסן בוים וואָס וואַקסט ביי אים אין גאָרטן „גאָלדענע רענעטן" און חדר יינגלעך, ווייסע חברהניקעס, שטייען אַרום דעם פּלויט, און קוקן אַריין מיט גלוסטנדיקע, הונגעריקע אייגעלעך דורך די שפּאַלטן, קומט צו דער צעדרייטער פּאַניטש נאָענט צום פּלויט און טיילט אַרום די יינגלעך מיט עפּל.

עס ווערט אַ געלויף פון אַלע זייטן. חברה קלעטערט איבערן פּלויט און מ'טומלט מיט קינדישער פרייד.

עס טרעפט אָבער אַז דער פּאַניטש איז נישט אַליין נאָר מיט אַניוטאַן דעם פּריסטאַווס באַרישניע, דעמאָלט פּאַסט אים נישט זיך צו פאַרנעמען מיט די חדר־יינגלעך, דאַן „באַמערקט ער נישט" די אַנגעלאָפּענע, זשעדנע, הונגעריקע, יידישע אויגן און חברה שטייט ביים פּלויט און וואַרט נעבעך אומזיסט.

דערפאַר אָבער ווען דער פּאַניטש מיט אַניוטאַן גייען אַוועק, רעכנט זיך די חברה מיט אים אָפּ; איינער פון זיי דראַפּעט זיך אַרויף אויפן הויכן, געפלאָכטענעם פּלויט, קוקט זיך שנעל אַרום מיט ביסטרע אייגעלעך אין אַלע זייטן און שפּרינגט אַריבער.

דער חברה־מאַן פילט אָן זיינע קעשענעס מיט גאָלדענע רענעטן, אַזוי, אַז ער קוקט אויס קיילעכדיק ווי אַ פעסל, און כאַפּט זיך שנעל אַריבער צוריק.

ווייסע חברה־לייט באַפאַלן אים פון אַלע זייטן און שלעפּן, רייסן די קעשענעס אָן רחמנות.

לידאַ און לענאַ, דעם גלחס טעכטער, לערנען אין אַ גרעסערער שטאָט אין גימנאַזיע. זומער ווען זיי קומען אַהיים, טראָגן זיי גרויסשטעטיגע פאַרשידנקאָלירטע קליידער און היטעלעך. ווען די באַרישניעס מיטן פּאַניטש גייען פאַרביי די גאַס איז עס אַ גרויסע אַטראַקציע און מ'קוקט זיי נאָך מיט נייגעריקייט.

אויך דעם פּריסטאַווס קינדער לערנען אין דער גרעסערער שטאָט און אין דער זעלבער גימנאַזיע, וואו דעם גלחס קינדער. ווען זיי קומען אַהיים האַלטן זיי זיך חבריש צוזאַמען.

ווען די חברה — וואָס באַשטייט פון אַניוטאַן מיט אירע צוויי יינגערע ברידער און דעם צודרייטן פּאַניטש מיט זיינע צוויי יינגערע שוועסטער — לאָזן זיך אַריין צו נתנען אין בופעט, ווערט דאָרט דאָס פענצטער און טיר באַלאַגערט פון נייגעריקע וואָס קוקן אַריין און זענען מקנא די קריסטן וואָס טרינקען סעלצער־וואַסער און פאַרבייסן מיט שאָקאָלאַד.

ווען דער חברה ווערט לאַנגווייליק אין זייער קליינעם היים־שטעטל, פאַרנעמען זיי זיך מיט „לוביטעלסקי טעאַטר".

זיי דינגען אַ מאַגאַזין ביים ברעג דניעסטער אָדער זיי נעמען די „גאָראָדסקאַיאַ שקאָלאַ" און מ׳שפּילט „רעוויזאָר" פון גאָגאָלן, „נאַטאַלקאַ פּאָלטאווקאַ" און דאָס גלייכן.

מיר יידישע מיידלעך און בחורים פאַרפעלן קיינמאָל נישט צו גיין צו זייערער אַ פאָרשטעלונג. ערשטנס שפּילן זיי גאַנץ נישקשה, צווייטנס שפּילט די יידישע יוגנט אויך פון צייט צו צייט טעאַטער: „גאָט, מענטש און טייוול", „מירעלע אפרת", „באָבע יאַכע", „די צווי קוני לעמלס" און אַנדערע.

אויב מיר וועלן נישט גיין צו זייער אַ פאָרשטעלונג, בעת מיר פאַר־שטייען זייער שפּראַך, וועלן זיי נישט גיין צו אונדזערע פאָרשטעלונגען, בעת זיי פאַרשטייען נישט אונדזער שפּראַך.

נאָך מער: די יידן גרייטן צו רוסישע פּראָגראַמען, אין וועלכע עס ווערט דערציילט אין קורצן דער ספור המעשה פון דער באַטרעפנדיקער פאָרשטעלונג.

די קריסטן כאַפּן אויף די יידישע לידער. זיי געפעלן שטאַרק די פאָר־שטעלונגען און זיי פאַסמאַקעווען זיך מיט די יידישע ניגונים וועלכע זיי זינגען נאָך.

נאָך דעם ספּעקטאַקל קומט פאַר אַ טאַנץ. אַזוי ביי די יידן און אַזוי ביי די קריסטן, „ווי עס יידלט זיך אַזוי קריסטלט זיך".

דאָ מישן זיך אויס די אַרטיסטן מיט די „פּראָסטע" צושויער און די מוזיק שפּילט דעם פּאָפּולערן וואַלץ: „אויף די כוואַליעס פון ים און ליבע", מ׳טאַנצט ביז אַרום דריי אַזייגער פאַרטאָג, ווען דער עולם איז שוין שטאַרק פאַרמאַטערט, טרינקט מען אַ גלעזל טיי ביים בופעט און מ׳גייט אַהיים.

פּאַלאַשקאַ, דעם גלחס דינסט, קומט צו אונדז כמעט יעדן טאָג קויפן עסנוואַרג־פּראָדוקטן. זי האָט ליב אַ סך צו רעדן און דערציילן, וועגן זאַכן וואָס מ׳פרעגט זי נישט און מ׳האָט קיין צייט נישט אויסצוהערן, אָבער באין ברירה קען מען זיך נישט העלפן.

פּאַלאַשקאַ דערציילט, אַז די באַרישניעס האָבן אָנגעבראַכט אַ סך קליידער פון דער גרויסער שטאָט, אַז די יינגערע, לענאַ, האָט שוין „פאַרדרייט דעם קאָפּ עפּעס אַ „האַלאַדראַנעץ" (קבצן) און וויל מיט אים הייראַטן, אַז דער גלח מיט דער פּרוי זענען שטאַרק קעגן דעם שידוך, אַז זיי זענען בייז אויף דער לייכטזיניקער „ווילדער ציג", וועלכער עס האָט זיך איינגעגעבן צו כאַפּן עפּעס אַ „שלים־מזלניק".

פּאַלאַשקע רעדט זייער שנעל, אַזוי אַז זי זאָל האָבן גענוג צייט אויס־צושיטן ווי פון אַ זאַק אַלע אירע מעשיות.

ווען דער עלטערער לידאַ האָט זי גאָר אַן אַנדער מיינונג. „לידאַ איז נישט לענאַ, זי איז אַן ערנסטע, פאַראַנטוואָרטלעכע מיידל, מיט אַבי וועמען וועט זי נישט פאַרברענגען, אָט קומט צו איר אַריין, פון צייט צו צייט דער אָפּיצער נעטשאַיעוו, איז זי מיט אים זייער באַשיידן; ער לאַדט זי איין דריי מאָל שפּאַצירן ביז זי גייט, און אַז זי גייט שוין יאָ, כאַפּט זי אים נישט „פּאַדרוטשקי" (געאָרעמט) ווי די „ווילדע ציג" כאַפּט איר „האָלאָ־דראַנעץ"!

ערשט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען לענאַ איז שוין געווען פאַרהייראַט צום „האָלאָדראַנעץ", איז איינמאָל אַריינגעקומען צו אונדז פּאַלאַשקאַ און האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז לידאַ גייט הייראַטן מיטן אָפּיציר נעטשאַיעוו.

עס וועט זיין אַ באַשיידענע חתונה, נישט ווי ביי דער „ווילדער ציג" וואָס האָט געוואָלט אַ חתונה מיט גלאַנץ און פּראַכט.

און עס האָט דעם „פּאַטערל" אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן. איצט זיצן זיי אויפן פּאָטערס קאַרק, ווייל איר מאַן, דער שלים־מזל, פאַרדינט נישט אַ גראָשן. נעטשאַיעוו איז אַן ערנסטער, געבילדעטער מענטש און ווי קומט דער „האָלאָדראַנעץ" צו אים?!

משה הירשס קעלער...

יעדן האַרבסט פלעגן קומען צו אונדז סוחרים פון פאַרשיידענע גרויסע שטעט. זיי פלעגן קויפן תבואה און געטריקנטע פלוימען.

אונדזער הויז האָט פאַרגעשטעלט אַ יאַריד פון פרעמדע און היימישע סוחרים; מען האָט זיך געדונגען איבער די פרייזן, געשריען און געטומלט, מענטשן זענען געקומען, אַנדערע זענען אַוועקגפאָרן.

אין דרויסן האָבן געאַרבעט באַדנערס, צוגרייטנדיג פעסלעך פאַר געטריקנטע פלוימען.

ווער עס האָט געטיעסעט קלעפּקעס, ווער עס האָט געמאַכט צודעקן, „דנאָס", ווער עס האָט אויף אַ וואַרשטאַט געשפּאָלטן לאַנגע שטעקנס און פאַרדרייט אין רייפן. פרויען פלעגן אויפקלייבן שפּענער אין זעק, און אַפילו די פּיצינקע שפּענדלעך מיטן מיסט פלעגן זיי צונויפנעמען, ווייל עס איז געווען גוט פאַרן „טשאָלנט".

ווען די פעסלעך זענען פאַרטיק געוואָרן, פלעגט מען זיי קאַטשען אין משה הירשס קעלער, וועלכן מיין פאָטער פלעגט דינגען יאָר איין, יאָר

אויס! קליינע יינגלעך און מיידלעך פלעגן קאַטשען די פעסלעך איבערן מאַרק, און — אויך איך פלעג צומאָל קאַטשען אַ פעסל צו משה הירשן אין קעלער. עס האָט מיך ממש ווי אַ מאַגנעט געצויגן אַ קוק צו טאָן אין דעם מיסטעריעזן, פינצטערן קעלער וואָס איז געווען דער גרעסטער אין שטאָט.

צוערשט פלעגט מען אַראָפּגיין אַ רייע ברייטע טרעפּ וואָס האָבן געפירט אין דער ערשטער אָפּטיילונג פון קעלער, נאָכדעם איז געקומען אַ צווייטע רייע טרעפּ וואָס האָבן געפירט טיפער אין דער פינצטערניש, און וואו עס איז געווען אַ פיל גרעסערע אָפּטיילונג...

דער ריח איז דאָרטן געווען שאַרף און טוכלע, די פינצטערניש ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן! און דאָרט איז געווען אַ ברייטער טויער וואָס האָט געפירט ערגעץ ווייטער... אָבער קיינער איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען, מען האָט מורא געהאַט!

איינמאָל, שפּאַצירנדיק מיט מיינער אַ חברטע לעבן קאַסטשאָל, האָבן מיר דערזען ווי מענטשן קוקן מיט שרעק אויף דער ערד. עס האָט זיך פּלוצים געעפנט אַ לאָך אין דער ערד און מען האָט געזאָגט אַז עס ציט זיך פון משה הירשס קעלער! אַז עס איז דאָרטן אַ באַהעלטעניש נאָך פון דער טערקישער מלחמה, אָבער קיינער וויל נישט אַריינגיין, מ'האָט מורא!

ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָב איך דערציילט מיין פאָטער וועגן דעם. — איך ווייס אַז עס איז דאָרט עפּעס דאָ, האָב איך עס געהייסן פאַר־לייגן מיט פעסלעך! — האָט געענטפערט מיין פאָטער.

— פאַרוואָס נישט אויסגעפינען וואָס דאָרטן איז? — האָב איך גע־טענהט. — וועמען גייען אַן אַזעלכע זאַכן? — ענטפערט ער. ער האָט אווילע געשוויגן און געזאָגט: ווען אַלע זאָלן האָבן אַזעלכע פרייע קעפּ ווי דו, מיין טאָכטער, וואָלטן זיי זיך אפשר טאַקע פאַרנומען מיט אויספאָרשן משה הירשס קעלער! און ער האָט מיר אַ קניפּ געגעבן אין דער באַק...

— ווען דו זאָלסט הייסן איוואַנען אַוועקנעמען די פעסלעך פון דער עפענונג, וואָלט איך אַריינגעגאַנגען מיט אַ לאָמטערנע זען וואָס דאָרט איז — לאָז איך נישט אָפּ דעם ענין. און וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו גייסט אַריין און — עס שפּרינגט אַרויס אַ מייזל! — פרעגט דער טאַטע און גיט צו: — איך וויל נישט דו זאָלסט קאַטשען פעסלעך, דו הערסט וואָס איך זאָג דיר איך באַדאַרף נישט דיין הילף, עס זענען דאָ קליינע יינגלעך וואָס טוען די אַרבעט און דו מאַך בעסער די „אוראָקן". זיין פּנים ווערט מיט אַמאָל ערנסט: — חוה זאָלסט זי מער נישט לאָזן קריכן אין משה הירשס קעלער, זי קען נאָך ערגעץ פאַרקריכן אַז מיר זאָלן האָבן צו זינגען און צו זאָגן — ווענדעט זיך דער טאַטע צו מיין מאַמע. און

ער גיט צו: — פאַראַן קיין עין הרע אַ שטאָט מיט מענטשן, און אויב עס' גייט זיי נישט אָן וואָס עס טוט זיך ערגעץ אין די טיפענישן פון משה הירשס קעלער, באַדאַרף עס דיך אויך נישט אָנגיין!...

דעם גרעקס ברויט

צומאָל ווען עס פלעגט אויספעלן ברויט ביי אונדז, בעת דאָס נייע ברויט איז געווען אין אויוון, פלעגט מיך די מאַמע שיקן קויפן אַ פאָר פונט ברויט ביים גרעק.

איך פלעג שטאַרק ליב האָבן דאָס געקויפטע ברויט; ס'איז געווען זייער לייכט און פוכקע און בעת דער גרעק פלעגט עס שניידן מיט אַ לאַנגן זעגל, האָט זיך עס צונויפגעפרעסט און נאָכדעם צוריק אויפגעגאַנגען ווי אַ שוואָם! דאָס ברויט האָט געהאַט אַ שטאַרקן גלאַנץ און געשמעקט עטוואָס זויערלעך, נאָך הייוון.

דעם גרעקס ברויט פלעגט שטאַרק רייצן דעם אַפּעטיט ביי אַלעמען, ס'איז אָבער געווען שטאַרק טייער און נישט זעטיק. מ'האָט געקענט עסן און עסן און וועלן נאָך!

אָרעמעלייט האָבן זיך קיינמאָל נישט געקענט פאַרגינען צו קויפן ברויט, מען איז געווען צופרידן, אַז מ'האָט געהאַט מעל אַליין צו באַקן און מ'האָט געוואַרט געדולדיק ביז דאָס אייגן געבאַקטע ברויט איז פאַרטיק געוואָרן.

צומאָל האָט מען אָפּגעקאָכט אַ מאַמעליגע פון קוקורוזע מעל, אָדער מען האָט אָפּגעבאַקן אַ פּאָר לאַטקעס פון רעטשענע מעל.

איך פלעג זייער גערן לויפן קויפן דאָס ווייסע, פוכקע ברויט פון דעם גרעק.

דער גרעק, אַ הויכער ברייטפּלייציקער מיט אַ שוואַרץ פּנים, באַדעקט מיט פאָקן־גריבלעך, איז געווען זייער פּינקטלעך ביים וועגן דאָס געשמאַקע ברויט: ווען עס פלעגט איבערציען נישט מער ווי אַן אונץ, האָט ער אַראָפּ־גענומען אַ שטיקעלע ברויט.

צומאָל איז דאָס שטיקעלע ברויט, וואָס ער האָט אָפּגעשניטן, געווען דין ווי פּאַפּיר.

דעם גרעקס פרוי איז געווען אַ הויכע, אַ דאַרע ווי אַ שטעקן, מיט גלאַט־אָפּגעצויגענע האָר, ווי ערשט פון אונטערן פּרעסל, פאַרדרייט אין אַ קובליק, האָט מיט איר אויסזען דערמאָנט אין אַ לאָפּעטע מיט וועלכער מ'באַנוצט זיך ביים באַקן דאָס ברויט.

אויך זי איז געווען שטאַרק פּינקטלעך ביים וועגן דאָס ברויט, אירע

הענט האָבן געציטערט און זי האָט שוין בעסער נישט דערוואויגן, איידער איבערגעוואויגן אַ קרישקעלע ברויט.

טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק געווען, האָבן זיי ביידע פיינט געהאַט יידן ווי דעם טויט.

אמת, זיי זענען שטאַרק רייך געוואָרן פון די יידן וואָס האָבן געקויפט ביי זיי דאָס ברויט, אָבער וואָס מער די יידן האָבן געקויפט ביי זיי דאָס ברויט, אַלץ מער האָבן זיי, דער גרעק מיטן ווייב, זיי דאָס נישט פאַרגינען: זיי האָבן געוואָלט האָבן סיי דאָס געלט און סיי דאָס ברויט, ביידע זאַכן.

אויך דעם גרעקס קינדער האָבן געוואָלדיק פיינט געהאַט יידן; זיי פלעגן נישט ענטפערן ווען אַ יידיש קינד האָט צו זיי גערעדט.

איינמאָל, ווען דאָס היימישע ברויט איז „געזעסן אין אויוון", האָט מיך מיין מוטער געשיקט קויפן צוויי פונט ברויט ביים גרעק .

איך בין גראָד געווען שטאַרק הונגעריק און דאָס געשמאַקע ברויט האָט שטאַרק גערייצט מיין אַפּעטיט.

איך האָב אָפּגעבראָכן אַ שטיקל, און נאָך אַ שטיקל, און דער וועג פון גרעק ביז צו אונדזער שטוב איז זייער אַ וויטער...

ווען איך בין ענדלעך צוגעקומען צו אונדזער הויז, האָב איך דערזען, אַז עס איז געבליבן קוים אויף צו מאַכן אַ „המוציא". איך בין געבליבן שטיין אין דרויסן אין גרויס פאַרלעגנהייט: וואָס טוט מען? וואָס זאָגט מען דער מאַמען? וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך?

ווער ווייסט ווי לאַנג איך וואָלט געווען געטראַכט, ווען עס קומט נישט אַרויס מיין מוטער מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים: וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? איך האָב שוין געטראַכט, אפשר איז מען דיך, חלילה, איבערגעפאָרן (אין דער אַלטער היים פלעגט מען פון צייט צו צייט עמעצן איבערפאָרן אויך מיט אַ פערד און וואָגן; עס האָט נישט געמוזט געטאָן ווערן ווי היינט מיט אַ „קאַר") און די קינדער זענען הונגעריק, גיט זי נאָך צו...

איך לאָז אַרונטער די אויגן, אַ פאַרשעמטע. מיין מוטער דערזעט דאָס שטיקל ברויט פאַרשטייט זי שוין פאַרוואָס איך האָב זיך נישט געאיילט. זי קוקט צום טאַטן, און ווייזט אים דאָס ברויט. ער שמייכלט, מיט זיין קלוגן, ווייכן שמייכל און די מאַמע זאָגט לאַכנדיק: גוט וואָס עס איז שוין פאַרטיק אונדזער אייגן ברויט!

די ערשטע עוולה קעגן מיר . . .

איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר זעקס.

ס'איז געווען אַ זומערדיקער פרייטיק פאַרנאַכט.

די מאַמע האָט נאָר וואָס אויסגעצוואָגן מיינע האָר, פאַרפלאָכטן מיינע צוויי צעפּ מיט רויטע סטענגעס, און האָט מיר דערלאַנגט אַ שטיקל פרישן מאַלאַי מיט שמאַלץ. איך האָב שנעל אויפגעגעסן דעם מאַלאַי, און בין אַרויס אין דרויסן. דער שיינער זומער פאַרנאַכט האָט מיך כשופדיק געצויגן אין דרויסן.

ביילע און רחל, צוויי מיידלעך, וועלכע האָבן געוואוינט בשכנות מיט אונדז, האָבן זיך געקליבן פאַר אַ שפּאַציר צום טייך. מיר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט מיטגיין, און כ׳האָב זיי געפרעגט צי וועלן זיי מיך מיטנעמען.

„דיין מאַמע וועט נישט לאָזן, ביסט צו קליין” — האָבן זיי מיר געענטפערט.

איך בין געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אַן אומעטיקע.

„ס׳נעמט אַזוי לאַנג ביז מ׳ווערט אַ גרויסע!” — האָב איך געטראַכט מיט אַ געפיל פון פאַרדרוס און אייפערזוכט אויף די גרויסע מיידלעך וואָס זענען פריי צו גיין ווען און וואוהין זיי ווילן. קענטיק, אַז די „גרויסע” האָבן געלייענט מיינע געדאַנקען און האָבן רחמנות געקראָגן אויף מיר.

מיין מוטער איז גראָד אַרויסגעקומען אין דרויסן.

— מאַמע, איך בעט דיך, לאָז מיך מיטגיין מיט זיי צום טייך! — האָב איך זיך געבעטן.

— זאָל זי מיטגיין, מיר וועלן אויף איר אַכטונג געבן! — האָט פאַר־געשלאָגן איינע פון די מיידלעך.

— אָבער געדענקט, איר זאָלט זי נישט לאָזן לויפן איבער דער „קלאַדקע”! (אַ ברעט וואָס פאַרייניקט צוויי ברעגן פון טייך), — זאָגט אָן די מאַמע, און זיי פאַרזיכערן זי, אַז זי מעג זיך אויף זיי פאַרלאָזן.

איך האָב געפילט ווי אַרומצוכאַפּן די מיידלעך און קושן. צו מיין גליק איז פשוט קיין גרענעץ נישט געווען.

די זון האָט געהאַלטן אין פאַרגיין אונטערן באַרג, וואַרפנדיק אירע לעצטע גאָלדשטראַלן אויף די שפּיצן פון קלויסטער און ביימער. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַ זיסער אַראָמאַט פון אַקאַציע. אַ פאַרשפּעטיקטע שיקסל איז מיט שנעלע טריט געלאָפן פון דער קרעניצע מיט אַן עמער וואַסער . . .

ביידע מיידלעך האָבן גערעדט וועגן זאַכן וואָס האָבן מיך נישט אינ־טערעסירט. ס׳האָבן זיך געהערט אַזעלכע ווערטער ווי „נדן”, „שדכן”, „אַ יאָר קעסט” — ווערטער וואָס זענען מיר געווען אינגאַנצן פרעמד און האָבן מיך דעריבער נישט אינטערעסירט.

איך בין אַוועק מיטן לאַנגן שלענגלדיקן וועג פאַרויס מיט אומגעדולד, דערנענטערנדיק זיך צום טייך, וועלכער האָט פון ווייטנס שוין אַרויסגע־בלישטשעט פון צווישן די ווערבעס.

איך האָב אַריינגעזאַפּט אין זיך די פרישע וואַסער־לופט, געוואָרפן קליינע שטיינדלעך אין טייך, געקליבן בלימעלעך אין גראָז... זיך פאַר־טראַכט אויף אַ גרויסער זשאַבע וואָס איז געשטאַנען אויף אַ שטיין ביים ברעג טייך...

פלוצלונג האָב איך דערפילט אַ טויטע שטילקייט אַרום... איך האָב זיך אַרומגעקוקט, קיינער איז נישט געווען!...

ס'איז שוין געווען שטאַרק טונקל, כמעט פינצטער! פאַר מיר האָט זיך געשלענגלט אַ לאַנגער וועג מיט קליינע שטיבעלעך פון ביידע זייטן... ערגעץ האָט געהאַווקעט אַ הונט... איך בין געווען אַליין.

אַ שרעק האָט מיך אַרומגענומען און איך האָב גענומען לויפן, יאָגן, מיט אַלע כוחות!...

דער גערויש פון מיינע טריט האָט זיך דערטראָגן צו די הינטס אויערן: זיי האָבן זיך באַוויזן פון אַלע זייטן, זיך געריסן פון די קייטן מיט שרעקלעכער רציחה.

אַ שייגעצל האָט זיך באַוויזן און... נאָכגעוואָרפן אַ שטיין!

איך בין געלאָפן, פילנדיק, אַז דאָס האַרץ רייסט זיך מיר שיער נישט אָפּ פון אָנשטרענגונג און שרעק. די קני האָבן זיך געבויגן, און טראָפּנס שווייס געמישט מיט טרערן זענען געפאַלן פונעם פּנים.

אָט זעט זיך פון ווייטנס דער קלויסטער. פון ברייטן אייזערנעם טויער קוקט אויף מיר אַראָפּ אַ טונקל בילד פון דער „הייליקער מוטער" און עס שרעקט מיך נאָך מער...

איך פיל, אַז די כוחות פאַרלאָזן מיך. אָט־באַלד־באַלד און איך פאַל אַוועק אויפן וועג...

אָט זעט זיך שוין אונדזער הויז, דאָס גיט מיר מוט צו לויפן ווייטער . . .

אָט גייט דאָרט אַ פרוי... ווער איז עס? — „מאַמע"! — רוף איך אויס מיט אַן איבערנאַטירלעכן יאָמער, און ברעך צוזאַמען...

„קינד מיינס, גאָט איז מיט דיר, וואָס האָט געטראָפן, וואו זענען די מיידלעך?!" — פאַרוואָרפט זי מיך מיט פראַגן.

איך עפן דאָס מויל, וויל עפּעס זאָגן, און קען נישט...

ווען איך קום צו זיך דערציייל איך, אַז איך בין אַוועק אַביסל פאָראויס, אוןביילע מיט רחלען זענען געגאַנגען הינטער מיר, אָבער ווען איך האָב זיך שפּעטער אַביסל אומגעקוקט, זענען זיי נישט געווען...

— ווי איז מיר, אפשר האָט עפּעס מיט די מיידלעך פּאַסירט ?! — זאָגט די מאַמע. אָבער מיין פאָטער קוקט זי אָן מיט אַ שמייכל.

— ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט, זיי האָבן זיך פאַררעדט, און האָבן אין איר מסתמא פאַרגעסן ! — זאָגט ער.

שפּעטער זענען די מיידלעך געקומען אין באַגלייטונג פון צוויי בחורים. זיי האָבן זיך פאַרענטפערט, אַז זיי האָבן באַגעגנט די בחורים, האָט מען זיך פאַררעדט, און אין דער קליינער האָט מען פאַרגעסן...

דער „עקספּערימענט״

איך בין אַלט געווען אַ יאָר זיבן. ביי אונדז אין הויז איז צווישן די געוויינלעכע טיי גלעזער געווען איין גלאָז זייער אַ גראָבס.

„אָט דאָס גלאָז וועט זיך קיינמאָל נישט צעברעכן״ — האָט באַמערקט איינמאָל מיין פאָטער ע״ה.

פון יענעם מאָמענט האָט מיך גענומען מאַטערן די נייגעריקייט, צי איז עס טאַקע מעגלעך, אַז אַ גלאָז זאָל זיך קיינמאָל נישט צעברעכן ?...

איך האָב באַשלאָסן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט אויסצופּרובירן, צי עס איז ריכטיק.

איינמאָל, אין אַ פּשוטן מיטוואָך, ווען מיינע עלטערן האָבן זיך אויס־געפּוצט אין זייערע שבתדיקע קליידער, האָב איך זיי געפרעגט: „וואוהין גייט איר?״ — „מיר גייען צו יאַנקל משהס אויף אַ ברית״ — האָט געענטפערט מיין מוטער.

דער ברית איז געווען זייער אַ גרויס געשעעניש ביי אונדזערע שכנים: זיי זענען געווען אַ סך יאָרן פאַרהייראַט און האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. חוץ דעם איז די געווינערן געווען די איינציקע טאָכטער ביי אירע עלטערן. מיינע עלטערן זענען געווען אין אַ זייער געהויבענער שטימונג.

מיט אַמאָל האָב איך זיך דערמאָנט אין גראָבן גלאָז... מיין האַרץ האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן...

ענדלעך האָט געשלאָגן די שעה!...

איך וועל איצט קענען אויסגעפינען צי קען זיך טאַקע אָט דאָס גלאָז נישט צעברעכן. איך וועל איצט האָבן די געלעגנהייט עס אויסצופּרובירן. איך האָב זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דעם גראָבן גלאָז, און האָב אומגעדולדיק געוואַרט מיינע עלטערן זאָלן שוין אַוועקגיין.

אָבער ווי אויף צו להכעיס האָבן זיי זיך דאָס מאָל געקליבן מער ווי אַלע מאָל!...

ווייזט אויס, אַז מיין מוטער האָט באַמערקט מיין אומרואיקייט און צעטראָגנקייט. זי פרעגט מיך: „פילסטו נישט גוט" — אָט האָסטו דיר, טראַכט איך — זי וועט נאָך בלייבן אין דער היים!... ענטפער איך: „איך פיל גוט, פאַרוואָס גייט איר שוין נישט? עס ווערט דאָך שפּעט!"...

ענדלעך האָט גאָט אויף מיר רחמנות געהאַט, און מיינע עלטערן זענען אַוועקגעגאַנגען.

איך האָב שנעל אַ כאַפּ געטאָן דאָס גלאָז און האָב עס אַ וואָרף געטאָן אויפן דיל... עס האָט זיך נישט צעבראָכן! איך האָב עס אויפגעהויבן און ווידער אַ וואָרף געטאָן, און ווידער איז עס געבליבן גאַנץ.

איך האָב גענומען קלאַפּן מיטן גלאָז אין טיש אַריין — עס ווערט נישט צעבראָכן!... וואָס טוט מען ווייטער? — פרעג איך זיך, און באַשליס עס צו וואַרפן צו אַ שטיין!... געזאָגט און געטאָן!

איך בין אַרויס אין דרויסן און האָב אַ וואָרף געטאָן דאָס גלאָז אָן אַ שטיינערנער טרעפּ... עס האָט אַ שטאַרקן קלאַנג געטאָן און... עס זענען זיך צעפלויגן קליינינקע, פּיצינקע שטיקלעך גלאָז!...

אַ שרעק האָט מיך אַרומגענומען... — „וואָס האָסטו געטאָן? פאַרוואָס האָסטו צעבראָכן דאָס אומשולדיקע גלאָז?!" — האָט ווי עמעצער פון מיר פאַרלאַנגט דין וחשבון.

דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז דאָס גלאָז וועט זיך „קיינמאָל נישט צעברעכן" — האָב איך געמיינט, אַפילו אין אַ שטיין וועט עס נישט צעבראָכן ווערן... פאַרענטפער איך זיך פאַר מיין געוויסן. אָבער אַזוי טוט אַ מיידעלע וועג מ'לאָזט זי איבער אַכטונג צו געבן אויף דער שטוב? — פרעגט ווידער מיין געוויסן. „איך האָב זיך געוואָלט איבערצייגן צי אַ טאַטע ווייסט וואָס ער זאָגט", האָב איך ווידער אין געדאַנק זיך פאַר־ענטפערט פאַר מיין געוויסן. אָבער — דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז „עס וועט זיך נישט צעברעכן" האָט ער נישט געמיינט, אַז דו וועסט עס וואַרפן צו אַ שטיין"... — טענהט ווידער מיין געוויסן, און טרערן פאַלן פון מיינע אויגן אויפן שטיין און מישן זיך אויס מיט די שטיקלעך גלאָז...

איך האָב צונויפגענומען די גרעסערע שטיקלעך גלאָז און האָב זיי אַוועקגעטראָגן אין אַ שכנותדיקן גאָרטן און באַהאַלטן צווישן הויכער קוקורודזע...

* * *

איך האָב אומגעדולדיק געוואַרט מיין מוטער זאָל פרעגן אויפן גלאָז, און איך זאָל שוין איבערקומען וואָס עס איז מיר באַשערט מן השמים... אָבער זי האָט גאָר אַ לאַנגע צייט נישט באַמערקט דעם „גרויסן שאָדן"...

איינמאָל, ווען איך האָב שוין כמעט אין גאַנצן פאַרגעסן אין דעם גרויסן אומגליק, האָט מיין מוטער זיך פּלוצים געווענדעט צו מיר בזה הלשון: „חנהלע, דו האָסט נישט געזען דאָס גראָבע גלאָז, עפּעס זע איך עס נישט״...

איך בין געוואָרן צעטומלט, טרערן זענען אָנגעלאָפן אין מיינע אויגן און איך האָב זיך געגומען פלאָנטערן: ‚איך ווייס נישט... נישט איך... עס איז נישט געווען זייער גראָב, עס איז געווען דין... אין מיטן דערינען איז אַריינגעקומען מיין יונגער ברודערל אַ ווייגענדיקער, און האָט געלאָזט וויסן דער מאַמען, אַז אַ שייגעץ האָט אים געוואָרפן אַ שטיין... זיין אומגליק איז געווען מיין גליק: די מאַמע האָט זיך פאַרנומען מיט אים, און אין גלאָז האָט זי פאַרגעסן...

די „זיסע שאַפע״...

מיין מוטער, ע״ה, פלעגט האָבן אַ שוואַכקייט זיך אויסצופּיינען פאַר געסט מיט אירע געשמאַקע געבעקס. וואָלט עס אונדז קינדער נישט געווען געאַרט. אָבער ווייל זי פלעגט שטענדיק מורא האָבן, אַז זי וועט נישט האָבן גענוג פאַר די געסט, פלעגט זי אונדז צוטיילן די גוטע זאַכן מיט זייער נישט קיין ברייטער האַנט, ממש אויפן שפּיץ מעסער.

נאַטירלעך, האָט דאָס אונדז קליינוואַרג געמאַכט פאַר גרויסע נאַשערס: עס איז דאָך אַ באַקאַנטער כלל: אַז דאָס וואָס מען קריגט ווייניק, ווילט זיך דוקא וואָס מער!

מיין פאָטער ע״ה פלעגט דאָס באַמערקן, און עס פלעגט אים שטאַרק פאַרדריסן אויף איר. ער פלעגט טענהן, אַז די חשובסטע געסט זענען ביי אים די קינדער, דעריבער באַדאַרף זי אונדז נישט קאַרגן קיין לעקעך, שטרודל און אַזוי ווייטער, נאָר געבן אונדז וויפיל מיר ווילן, און ווען עס וועלן קומען געסט, וועט זיך אויך פאַר זיי עפּעס געפינען...

מיין פאָטער האָט קיינמאָל נישט צוגעטיילט דער מאַמען קיין געלט, נאָר געגעבן מער וויפל זי האָט באַדאַרפט, אָדער זי פלעגט אַליין נעמען וויפל זי האָט געוואָלט, און גאַנץ אָפט פלעג איך אים הערן ענטפערן דער מאַמען, מיט אַן אויפגערעגטער שטים, בעת זי האָט ביי אים געמאָנט געלט: „וואָס דולסטו מיר אַ קאָפּ? דו ווייסט גאַנץ גוט אַז איך שטער דיר נישט צו קויפן וואָס דו ווילסט, און דאָס שופלאָד איז נישט פאַרשלאָסן, טאָ נעם וויפל דו באַדאַרפט און לאָז מיך געמאַך!״ — (מעגלעך אַז אין אישיצע מיט יאָרן צוריק האָט אַ מאַן געקאָנט ריזיקירן זאָגנדיק דער פרוי זי זאָל נעמען וויפל זי באַדאַרף, אָבער דאָ אין דער נייער וועלט, מיט יאָרן שפּעטער,

באַדאַרף שוין די פרוי אַ „קאַפּיטשקע" מער און דער מאַן קען נישט „אַפּאָרדן" צו זיין אַזוי ברייטהאַרציק...

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו דער געשיכטע וועגן דער „זיסער שאַפּע":
— עס איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז ווען די מאַמע פלעגט ערגעץ אַוועקגיין, פלעגן מיר קינדער זיך צוכאַפּן צו דער שאַפּע מיט די זיסע זאַכן און זי פּשוט אויסליידיקן, אַזוי אַז קיין קרישקעלע איז אין איר נישט געבליבן. האָט די מאַמע זיך מישב געווען און... אָנגעהויבן פאַרשליסן די שאַפּע מיט די נאַשערייען.

איינמאָל איז אַראָפּגעקומען צו אונדז אין שטעטל אַ האָבער־מילנער מיט זיין פאַמיליע און ער האָט געקראָגן אַרבעט ביים שטאָטישן גביר אין מיל. דער נאָמען פון דער פאַמיליע איז געווען גאָלדשטיין, און געקומען זענען זיי פון אַ גרויסער שטאָט. די פרוי גאָלדשטיין איז געווען זייער אַ קלוגע און אינטעליגענטע, און גערעדט האָט זי מערסטנס רוסיש, אַזוי אַז מען האָט זי גערופן נישט אַנדערש ווי „מאַדאַם גאָלדשטיין", בעת אַנדערע פרויען האָט מען גערופן: חיה יעקב הירשס, שרה גיטל הערצלס און אַזוי ווייטער און ווייטער.

ווי די מאָדע איז אין אַ קליין שטעטל, ווען עס באַווייזט זיך אַ נייע פאַמיליע, און דערצו פון אַ גרויסער שטאָט, גיט מען זיי אַ סך אויפמערקזאַמקייט, און צומאָל אַזויפיל אויפמערקזאַמקייט אַז זיי האָבן עס בפירוש נישט גערן... האָט מען געזאָגט אַז די מאַדאַם גאָלדשטיין באַקט געבעקס איז עס „אַזוינס און אַזעלכעס"; אַז זי באַקט אָפּ אַ צוקער לעקעך, „זאָל אים קיין שונא נישט עסן", און אַז איר שטרודל וואָס זי באַקט „מעג מען שטעלן פאַרן קייסער", און אַזוי ווייטער און ווייטער.

ווייל זיי האָבן גראָד געוואוינט בשכנות מיט אונדז, האָט מיין מוטער זיך באַקענט מיט אָט דער מאַדאַם גאָלדשטיין און זיי האָבן זיך באַפריינדעט. נאַטירלעך, האָט זי זי איינגעלאַדן פאַר אַ וויזיט און נישט אַזוי צוליב אַ גלעזל טיי ווי צוליב דעם צובייסן. זי האָט אָנגעבאַקן „פון הערן און געדענקען", פאַרשיידענע מינים ביסקוויטן מיט קאַטשקעלעך, פּיפּערנאָטערס, מיט אַלדאָס גוטס!

באַדאַרף זיך מאַכן אַז די מאַמע זאָל פאַרגעסן דאָס שליסעלע אויפן פענצטער מיט אַ טאָג פריער איידער די מאַדאַם גאָלדשטיין איז געקומען, און זי גייט ערגעץ אַוועק, און מיר קליינוואַרג געפינען עס! ווען מיר האָבן דערזען דאָס שליסעלע אויפן פענצטער, האָבן מיר פּשוט אונדזערע אויגן נישט געגלויבט, אָבער עס האָט נישט גענומען לאַנג צו איבערצייגן זיך, אַז עס איז דער שליסל פון... גן עדן, און מיר זענען גלייך געוואָרן שטאַרק באַשעפטיקט...

דערווייל איז אַריינגעקומען מיינע אַ חברטע, האָבן מיר זי נאַטירלעך אויך מכבד געווען מיט די גוטע זאַכן, און ווען עס זענען געקומען מיין ברודערס אַ פּאָר חברים האָבן מיר זיי אויך נישט פאַרטיילט.

אויפן צווייטן טאָג איז געקומען די מאַדאַם גאָלדשטיין, מיין מוטער שטעלט אַוועק פּרוכט און טיי אויפן טיש און גייט צו צו דער שאַפע מיט אַ פריילעך פּנים... מיין הערצל נעמט קלאַפּן פון אויפרעגונג: צוויי געפילן באַהערשן מיך: איינס, רחמנות אויף דער מאַמען; דאָס צווייטע — נקמה: זאָל זי אונדז נישט זשאַלעווען קיין נאַשערייען! אויפעפענענדיק די שאַפע האָט זיך דער אויסדרוק פון זעלבסטצופרידנקייט אויף איר פּנים מאָמענטאַל געביטן: זי איז געבליבן שטיין ווי אַ מענטש וואָס האָט אַלץ פאַרלוירן, און אין גרויס פאַרצווייפלונג ווייסט ער פּשוט נישט וואָס צו טאָן... עס האָט מיר ווי געטאָן דאָס האַרץ פון רחמנות צו איר אויף אַזוי פיל, אַז עס האָט זיך מיר אָפּגעגלוסט סיי די נקמה, סיי די נאַשערייען אויף אַ לאַנגער צייט!

מיט אַ פּאָר טעג נאָך דער פּאַסירונג, האָב איך געהערט די מאַמע דערציילן דעם טאַטן וואָס עס האָט געטראָפן. ער האָט אָבער נישט סימפּאַטיזירט מיט איר, נאָר געלאַכט און באַמערקט: „טייל זיי נישט צו בצימצום, וועלן זיי נישט זיין אַזוי אויסגעהונגערט, וועסטו נישט דאַרפן פאַרשליסן די שאַפע, און עס וועט זיין סיי פאַר די קינדער, סיי פאַר די געסט גענוג וואָס צו געניסן!״

אויף דער שוועל פון יענער וועלט

איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר צען, איך האָב זיך פאַרקילט, און געקראָגן אַ לונגען־אָנצינדונג. צוערשט אין איין לונג, נאָכדעם אין דער צווייטער.

אין יענער צייט האָבן מיר געהאַט אַ דאָקטאָר אין שטעטל מיטן נאָמען פּיסטערמאַן.

אַלע האָבן פון אים געהאַלטן אַ וועלט, כאָטש עס איז קיינעם נישט „אָנגעשטאַנען״ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן: ער האָט נעמלעך חתונה געהאַט מיט זיין דינסט־מיידל, וועלכע האָט געאַרבעט ביי אים אַ סך יאָרן, און ער האָט זיך צו איר צוגעוואוינט אָדער פאַרליבט. אין יענער צייט איז אַזאַ „זינד״ פון אַ דאָקטאָר געווען נישט קיין קלייניקייט! ער איז געווען אַ גרויסער מומחה און דערפאַר אַרויסגערופן צו זיך גרויס דרך־ארץ און צוטרוי.

ווען איך בין קראַנק געוואָרן האָבן מײַנע עלטערן גערופן צו מיר דר. פיסטערמאַן יעדן טאָג, אָבער אַלע רפואות וואָס ער האָט פאַר מיר פאַרשריבן האָבן נישט געהאָלפן, און עס איז מיר וואָס אַ טאָג געוואָרן ערגער און ערגער.

איינמאָל, ווען איך בין געלעגן באַוואוסטלאָז, און עס האָט אויסגעקוקט אַז איך האַלט זייער שמאָל... איז מײַן מוטער געוואָרן פאַרצווייפלט, זי האָט נישט געוואָלט וואַרטן ביז דער דאָקטאָר וועט קומען אַרום מיטאָג־צייט, זי האָט אַ כאַפּ־געטאָן דעם שאַל אויף די אַקסל, און איז אַוועק אים רופן. דער דאָקטאָר האָט געוואוינט אין איין עק שטעטל, און מיר — אין צווייטן. די מאַמע איז געלאָפן, און איז אַרײַן צו אים אַ פאַרסאָפּעטע, אַ פאַרשוויצטע און אַ פאַרוויינטע, אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און אים געבעטן שוין צו גיין עפּעס טאָן, ראַטעווען איר קינד.

דער דאָקטאָר, וועלכער איז געווען פאַרנומען מיט פּאַציענטן, האָט איר געענטפערט, אַז... זאָל זי טאָן וואָס ער האָט געהייסן: געבן די מיקסטשור און פּראָשקעס און לייגן אַ פּאַביר צום קאָפּ. ער האָט איר דערקלערט, אַז ער קען מער ווי דאָס נישט טאָן. מײַן מוטער האָט אים אָבער אָנגעכאַפּט ביי דער צווייטער האַנט און גענומען יאָמערן און קלאָגן: זי וועט נישט אַוועקגיין ביז ער וועט נישט גיין מיט איר, עפּעס טאָן, העלפן ראַטעווען איר קינד! — אַלע פּאַציענטן האָבן געוויינט קוקנדיק אויף איר.

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע, דאַן האָט ער זיך צו איר געווענדעט בזה הלשון: הערט זיך איין מאַדאַם שפּיראָ: עס איז פאַראַן נאָך איין מיטל וואָס קען זי אפשר, אפשר ראַטעווען, אָבער עס איז זייער שווער, כמעט אוממעגליך עס אַדורכצופירן: איר מוזט האָבן אַ געטרייע האַנט, וואָס זאָל אייך אַרויסהעלפן אין דער אונטערנעמונג. זעצט אַרײַן די קראַנקע אין אַ הייסער באָד (דערביי האָט ער אָנגעגעבן די גענויע טעמפּעראַטור פון דער באָד, און ווי לאַנג מיך אין איר צו האַלטן), דאַן נעמט זי אַרויס און וויקלט זי אין אַ ליילעך מיט גאַרטשיצע (איך געדענק נישט אויף וויפל מינוט), טוט אַזוי אַלע פיר שעה, און אויב זי וועט עס קענען איבערטראָגן וועט קומען אַ גוטע ענדערונג.

מײַן מוטער, וועלכע האָט זיך געהאַט עטוואָס באַרואיקט, האָט ווידער אָנגעהויבן וויינען: „אויב זי וועט קענען איבערטראָגן? — אָבער זי איז דאָך אַזוי שוואַך און אויסגעמאַטערט, ווי וועט זי עס קענען איבערטראָגן” — האָט זי געמורמלט. דער דאָקטאָר האָט אַרויסגעוויזן צו איר גרויס סימפּאַטיע: „הערט זיך איין, מײַן פריינט, איר האָט שוין ווייניק וואָס איינצושטעלן, איר קענט אָבער געווינען, ווען איר זאָלט אויספאָלגן אַלץ

פינקטלעך!״... — האָט ער געזאָגט, — גייט שנעל אַהיים און טוט וואָס איך האָב אייך אָנגעזאָגט, אָבער פּאָרזיכטיק און פּינקטלעך.

מיין מוטער איז אַהיימגעקומען, און דערציילט וואָס דער דאָקטאָר האָט איר געראָטן צו טאָן. אונדזער אַ שכנה, מאַדאַם גאָלדשטיין, די אויבער־מילנערקע האָט מען זי גערופן, האָט אויסגעהערט די מאַמע מיט טרערן אין די אויגן, און זי האָט פאַרקאַטשעט די אַרבל: „קומט חוה לאָמיר זיך נעמען צו דער אַרבעט, און גאָט וועט אונדז העלפן! — האָט זי אַ קאָמאַנדעווע געטאָן. זי איז געווען זייער אַ קלוגע און ענערגישע פרוי, מען האָט זי זייער רעספּעקטירט. מיין מוטער איז געוואָרן שטאַרק דערמוטיקט און זיי האָבן ביידע גענומען אויספירן דעם דאָקטאָרס אָרדער...

לויט ווי די מאַמע האָט מיר שפּעטער דערציילט, פאַרשטיי איך, אַז אויב עס איז טאַקע פאַראַן אַ גהינום אויף יענער וועלט, האָב איך אים אַדורכגעמאַכט אויף דער וועלט, אין עלטער פון צען יאָר. מיינע קולות זענען געגאַנגען עד לב השמים, און איך בין געווען בלוי, גרין און געל, אַז עס איז געווען אַ שרעק מיך אָנצוקוקן, אָבער... נאָך דריי אַזעלכע באַהאַנדלונגען, האָב איך געעפנט די אויגן, מיין פּנים האָט באַקומען אַ מענטשלעכן קאָליר. דער קריזיס האָט געבראָכן.

מיין מוטער איז אַוועק צום דאָקטאָר מיט דער גוטער נייעס, און כאָטש זי האָט אים איצט נישט גערופן, נאָר געפרעגט וואָס זי זאָל טאָן ווייטער, האָט ער זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל און מיטגעגאַנגען מיט איר צו אונדז, זען די קראַנקע. ער איז געווען קענטיק זייער צופרידן פון דעם גוטן אויסגאַנג, און ער האָט צוגעגעבן, אַז ער האָט זייער ווייניק האָפענונג געהאַט איך זאָל עס קענען איבערטראָגן, דערפאַר האָט ער נישט געפונען פאַר נויטיק צו הייסן עס טאָן, אָבער ווען מיין מוטער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי די הענט און ער האָט זיך פּשוט נישט געקענט פון איר באַפרייען, האָט ער באַשלאָסן פּרובירן דאָס לעצטע מיטל.

זי האָט ניט געטראָפן . . .

מיין מוטער פלעגט זיין זייער אַ געפּוצטע, און וויל זי פלעגט טראָגן שיינע קליידער, האָט זי אויך מיך געוואָלט פּוצן אין שיינע קליידלעך.

איך האָב אָבער נישט ליב געהאַט דאָס שטיין אויסגעצויגן סיי ביים נעמען די מאָס, סיי ביים מעסטן דאָס מלבוש, בעת די נייטאָרן מיט קרייד און שפּילקעס דרייט זיך אַרום מיר, בויגט זיך אין אַלע זייטן.

מיין מוטער פלעגט פאַר מיר קויפן סחורה אויף אַ „פּלאַטיע״ (קלייד) און עס אַוועקטראָגן צו דער נייטאָרן. נישט איך האָב געזען די סחורה, נישט עס איז מיך אָנגעגאַנגען די מאָדע.

די מאָדיסטקע פלעגט שיקן אַ מיידל מיך רופן, אָבער איך האָב זיך נישט געאײַלט צו גיין.

מיין מוטער פלעגט עס שטאַרק פאַרדריסן, זי פלעגט טענהן: אַנדערע קינדער בעטן און וויינען מען זאָל זיי מאַכן אַ נייע פלאַטיע, און דו ווילסט נישט גיין, זיך לאָזן נעמען די מאָס ווען איך גרייט עס דיר צו ביי דער מאָדיסטן. זי פלעגט מיך פאַרקלאָגן פאַר מיינע חברטעס, און יענע, נאַטירלעך, פלעגן האַלטן מיט דער מאַמען, און זיך וואונדערן פאַרוואָס איך בין אַזאַ „מאָדנע באַשעפעניש"!

מיין מוטער איז צו אונדז קינדער געווען אַ סך שטרענגער ווי מיין פאָטער ע"ה. זי פלעגט אונדז אָפט אַריינוואַרפן עטלעכע פעטש (אַ זאַך וואָס איך געדענק נישט מיין פאָטער זאָל עס האָבן געטאָן) און דער טאָטע פלעגט זיך פאַר אונדז אָננעמען, און גאַנץ אָפט אונדז „אָפּראַטעווען" פון דער מאַמעס הענט...

איך האָב געמוזט טראָגן דעם „מאַלאַראָסיסקי קאָסטיום" וואָס מיין מוטער האָט מיר געמאַכט: אַ בלוי ברייט אָנגעפּאַלדעוועט קליידל מיט אַ ווייס לייוונטע, אויסגענייטע מיט פאַרשידענע קאָלירטע זייד בלוזקע, אַ רויטן גאַרטל, רויטע קאַרעלן און אַ ווייס אויסגענייט פאַרטוך.

אמת, אַלע מיינע פריינט פלעגן באַוואונדערן דעם שיינעם קאָסטיום, אין וועלכן מיין מוטער האָט אַריינגעלייגט אַ סך אַרבעט, אָבער טאַקע דערפאַר וואָס אַלע האָבן אויף מיר געקוקט, האָב איך דעם קאָסטיום נישט ליב געהאַט, נישט געוואָלט אים טראָגן; איך בין פון קינדוויַז אָן געווען זייער באַשיידן, און נישט ליב געהאַט קיין רעקלאַמע.

איינמאָל, האָט מיך מיין מוטער אויסגעפּוצט אין אַ ניי קליידעלע און איך בין געגאַנגען צו מיינער אַ חברטע, שרהלע.

די קליינע האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט, און באַזונדערס מיטן נייעם קליידעלע, און זי האָט אַריינגערופן איר מוטער פון קיך, איר ווייזן מיין בגד און טאַקע איר לאָזן וויסן, אַז עס געפעלט איר, און זי וויל אויך אַזאַ מלבוש!

די מוטער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, און האָט באַמערקט, אַז עס איז אַביסעלע צו לאַנג, אַז די אַרבל וואָלטן באַדאַרפט זיין אַביסעלע ברייטער, נאָכדעם האָט זי אַ טאַפּ געטאָן די סחורה מיט צוויי פינגער, און געפרעגט:

— ווי טייער קאָסט עס אַן אַרשין?

— איך ווייס נישט — האָב איך געענטפערט.

— וויפל אַרשין איז אויף דעם אַוועק?

— איך... ווייס נישט! — האָב איך ווידער געענטפערט.

— און וויפל האָט די מאַמע באַצאָלט פאַרן אויפנייען?

— איך ווייס נישט — האָב איך געענטפערט.

— זי וועט אויסוואַקסן אַ ליימענער גולם! — האָט באַמערקט אַ שכנה, וואָס איז גראָד געקומען לייען אַ גלאָז צוקער.

די באַמערקונג האָט ווי מיט פייער אַ ברי געטאָן מיין מוח, מיין קינדיש הערצל, האָט זיך פּיינלעך פאַרקלעמט, און טרערן זענען געקומען אין מיינע אויגן.

איך בין שנעל אַרויס פון שרהלעס הויז, און זיך גוט אויסגעוויינט קיינער זאָל נישט זען.

מיין מוטער האָט מיך דערזען אַ פאַרוויינטע, האָט זי געוואָלט וויסן וואָס עס האָט מיט מיר געטראָפן, אָבער גיי זאָג איר, אַז „איך וועל אויס־וואַקסן אַ ליימענער גולם!". האָב איך איר געענטפערט מיט אַ קאַפּריזנער שטימע: „לאָז מיך אָפּ, עס איז גאָרנישט", אָבער איך האָב שטאַרק געליטן פון אָט דער באַליידיקונג. איך האָב עס אַ לאַנגע צייט געהאַלטן אויפן געדאַנק, און זיך נישט געקענט באַרואיקן. ווען שרהלע זאָל עס געווען זאָגן, וואָלט עס מיך נישט אַזוי געשראָקן, אָבער אַז אַ מאַמע פון קינדער זאָגט עפּעס, מוז זי דאָך וויסן וואָס זי רעדט. זי איז דאָך אַ „גרויסע" — האָב איך געטראַכט אַ פאַרצווייפלטע.

ענדלעך האָט עפּעס פּאַסירט וואָס האָט מיך אינגאַנצן באַרואיקט.

אונדזער אַ שכנה, חנה ראַשקאָווסקי (איצט אין מאָנטרעאַל), האָט געבוירן אַ מיידעלע. מיין מוטער האָט מיך אַריינגעפירט צו איר, אָנקוקן דאָס ניי־געבוירענע נפשל. זי האָט מיך צוגעפירט צום בעט, וואו עס איז געלעגן די קימפּעטאָרן מיט איר ניי־געבוירענעם קינד.

איך האָב באַטראַכט דעם פאָרהאַנג איבערן בעט, מיט גרויס נייגעריקייט, אויך דאָס צעטל אויפן פאָרהאַנג מיט אַ פּאָר קנאָבל וואָס האָט געהאָנגען, נאָכדעם האָב איך באַטראַכט דאָס קליינע באַשעפעניש אין אַ קישן, באַמערקט, אַז עס האָט נישט קיין ברעמען, און מיטאַמאָל האָב איך זיך געווענדעט צו דער קימפּעטאָרין: „און אָט דאָס קינד וועט אויך אַמאָל האָבן אַ קינד?!...

מיין מוטער מיט דער קימפּעטאָרין האָבן זיך איבערגעקוקט. ווען מיר זיינען אַהיימגעקומען, האָט די מאַמע דערציילט דעם טאַטן וואָס איך האָב געזאָגט צו דער קימפּעטאָרין. דער טאַטע האָט געקוקט אויף מיר מיט ווייכע אויגן, מיך אַ גלעט געטאָן און באַמערקט: אַן אַלטער קאָפּ...

חנה ריווע האָט נישט געטראָפן — איך וועל נישט זיין קיין גולם!

— האָב איך דאַן באַשלאָסן, און איך האָב זיך ענדלעך באַרואיקט...

דאָס ווייסע קעלנערל . . .

עס איז געווען אַ זייער וויכטיקע געשעעניש, זוען בראָנשטיין און זיין שוועסטער זענען אַראָפּגעקומען פון אַ גרעסערער שטאָט קיין אישיצע, און האָבן געלאָזט וויסן אַז זיי עפענען אַ שולע, וואו מ׳וועט לערנען יידיש, רוסיש און העברעיש.

ביז דאַן זענען אין שטעטל געווען אַ פּאָר פּריוואַטע לערער, אָן זיי די לערער זענען געווען נישט קיין „צופיל געלערנטע״. דערפאַר ווען די צוויי אויבנדערמאָנטע לערער האָבן געדונגען דאָס גרויסע הויז פון זעליק בערנשטיין, וועלכע האָט פאַרמאָגט אַ צען גרויסע צימערן און האָבן זיי אויסגעשטאַט מיט טישלעך „סקאַמעיקעס״ און גרויסע, שוואַרצע „דאָסקעס״, האָבן אישיצער יידן דערפילט אַ מין דרך־ארץ צו דער אונטערנעמונג, און כאָטש עס האָט געקאָסט מער ווי ביי אַ פּריוואַטן לערער, האָט מען פאַר־שריבן די קינדער אין דער שולע. אַזוי אַרום איז געוואָרן פיל לעבעדיקער אין שטעטל, די שולע האָט צוגעגעבן פּילפּאַרביקייט און שיינקייט צום גרויסן פאַרשלאָפענעם מאַרק. אויך מיך האָבן מיינע עלטערן געלאָזט לערנען אין דער שולע.

איינמאָל האָט אונדז די לערערין געלאָזט וויסן, אַז מיר דאַרפן זיך מאַכן „פאָרמעס״ (בלויע קליידלעך מיט פאַרטוכלעך פון טונקעלן קאָליר) ווייל מיט אַ וואָך שפּעטער וועלן מיר זיך פאָטאָגראַפירן, און ווער עס וועט וועלן וועט קריגן אַ בילד (וואָס וועט קאָסטן 60 קאָפּיקעס). זי האָט אונטער־געשטראָכן, אַז די בילדער מוז מען נישט קויפן ווען מען וויל נישט, אָבער די „פאָרמעס״ מוזן אַלע קינדער טראָגן.

מיט אייניקע טעג שפּעטער האָבן אַלע מיידעלעך געטראָגן טונקל־בלויע קליידלעך און עס איז געווען גאַנץ שיין. מיט מיר איז אָבער געווען נישט אַזוי גלאַטיק: איך בין אַלס קינד געווען זייער אַ טונקל־הויטיקע, כמעט אַ ציגיינערן. האָט מיין מוטער מיך געקליידט אין ליכטיקע קאָלירן. ווען אָבער איך האָב אָנגעטאָן דאָס טונקל־בלויע קליידעלע, האָט עס מיך פאַרוואַנדלט אין איין שוואַרצער מאַסע: שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן, אַ שוואַרצע הויט און אַ טונקל קליידעלע.

מיין מוטער, וועלכע איז פון דער נאַטור געווען איבערקלייבעריש, האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבן. אויך איך, ווען איך האָב זיך דערזען אין שפּיגל, בין איך געוואָרן פאַרצווייפלט, פון דער טונקלקייט וואָס איך האָב דערזען! עס האָט אָבער נישט גענומען לאַנג און מיין מוטער האָט צוגעטראַכט אַ מיטל: זי האָט אויסגעהעפט אַ קליין ווייס קעלנערל און האָט עס צוגעגעבן צום קליידעלע, און וואונדער איבער וואונדער, עס

איז אַרויסגעקומען זייער שיין, און עס האָט מיר געפּאַסט גאַנץ חנעוודיק צום פּנים!

מיין מוטער איז „אַרונטער אַ שטיין פון האַרצן" און אויך איך בין געווען צופרידן.

צומאָרגנס, ווען איך בין אַריינגעקומען אין שולע, האָבן איניקע פון מיינע חברטעס באַמערקט דאָס ווייסע קעלנערל, און גלייך האָבן זיך געלאָזט הערן באַמערקונגען: איינע האָט געזאָגט, אַז עס פּאַסט מיר נישט, און עס איז נישט קיין שיין קעלנערל; אַ צווייטע האָט געזאָגט, אַז עס מאַכט מיך צו אַלט ווי אַ כלה־מיידל; אַ דריטע, אַז די לערערן וועט מיר נישט דערלויבן צו טראָגן דאָס ווייסע קעלנערל, ווייל עס איז נישט ווי אַלע. איך בין אַזוי אַרום צוליב דעם קעלנערל געוואָרן דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט, און דאָס האָט מיר געמאַכט פילן אומרואיק און אומבאַקוועם.

מיט אַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר און עס איז אַריינגעקומען די לערערן, זי האָט אַ ווײַלע גערעדט צו די קינדער און איז צוגעקומען צו מיר נאָענט, באַטראַכט דאָס „באַרימטע" קעלנערל און באַמערקט: „ווי שיין עס איז! ווער האָט עס אויסגעהעפט? דיין מוטער מסתמא, ווי שיין עס פּאַסט זיך צו דער פאַרמע". און זי האָט זיך געווענדעט צום קלאַס בזה הלשון: „אויב ווער פון אייך האָט אַ ווייס קעלנערל, איז עס זייער שיין, טוט עס אָן".

אַ צופרידענע האָב איך געטראַכט: הלואי קומט מאָרגן כאָטש איינע אָדער צוויי שילערנס מיט ווייסע קעלנערלעך, וועל איך פאַרשפּאָרן זיין אַן אויסנאַם. מיין וואונטש איז אָבער נישט מקוים געוואָרן: קיין איינציקע פון זיי איז נישט געקומען מיט אַזאַ קעלנערל. מעגלעך אַז זיי וואָלטן עס געטאָן, אָבער זייערע מוטערס האָבן עס נישט געקענט מאַכן און אַפילו ווען זיי קענען, האָט שוין די קינדער נישט געפּאַסט (נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעלאַכט פון מיר) מיר נאָכצוטאָן. זיי האָבן אַזוי אַרום יעדן טאָג מיר געזאָגט שטעכווערטלעך, און פאַרשאַפט עמגת נפש ביז... איך האָב אָנגעהויבן בעטן די מאַמע זאָל אַראָפּנעמען דאָס קעלנערל פון דעם קלײדעלע, אָבער זי האָט נישט געוואָלט. „וואָס מיינסטו, איך וועל זיך לערנען ביי די קינדער ווי אַזוי דיך צו קליידן?!" — האָט זי געטענהט.

איך האָב אַזוי אַרום אַ לאַנגע צייט געליטן פון די קינדער וואָס האָבן נישט געקענט פאַרליידן, דאָס וואָס מיין קליידעלע איז אַביסל אַנדערש פון זייערע, און פון מיין מוטער, וואָס האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן „דער מעריטעט". אָבער צום קליינעם שיינעם ווייסן קעלנערל האָב איך געפילט אַ רחמנות און ליבשאַפט, ווי צו אַ לעבעדיקן וועזן וואָס ווערט פאַרפאַלגט אומזיסט און אומנישט...

דאָס גרינע סאַמעטענע היטעלע

צווישן די צאָלרייכע סוחרים, וואָס פלעגן קומען צו אונדז יעדן האַרבסט, פון פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך, איז געווען איינער אַ וואַרשעווער יונגערמאַן, מיט שוואַרצע, ברענענדיקע אויגן. זיין נאָמען איז געווען פשיטיצקי. ער איז, קענטיק, געווען אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער, און האָט ליב געהאַט צו „לעבן אַ טאָג"! יעדן טאָג פלעגט ער זיך אויספּוצן אין אַ קליין היטעלע מיט אַ שמאָלן דאַשעק, נעמען אַ בייטשל אין האַנט, דינגען אַ פערדל פאַר אַ פּאָר שעה צו פאָרן שפּאַצירן. ער פלעגט אַהיימקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ צוואַנציק ווייסע חברהניקעס, וואָס זענען נאָכגעלאָפן דעם טשיקאַווען סוחר, און אים באַטראַכט ווי אַ „בייז וואונדער".

מיט אַט דעם יחסן פשיטיצקי האָט מיין מוטער געהאַט אַ שווערן פּראָבלעם: ער האָט איר געלאָזט וויסן, אַז קיין אַנדערע פלייש, חוץ געבראָטענע קאַטשקע, עסט ער נישט.

דאָס האָט געמיינט אַ סך אַרבעט פאַר דער מאַמען, און האָט אויך געקאָסט אַ סך טייערער פון געוויינלעך רינד־פלייש. חוץ דעם, האָט די געבראָטענע קאַטשקע אויך אונדז קינדער פאַרשמעקט, און מיר האָבן אויך פאַרלאַנגט, אַנשטאָט רינד־פלייש, קאַטשקע.

„דו וועסט ביי פשיטיצקין נישט נאָר גאַרנישט פאַרדינען, נאָר וועסט נאָך עפּעס דערלייגן, אויב מיר וועלן ביי אים, פּונקט ווי ביי אַנדערע סוחרים, נישט נעמען קיין געלט פאַר „סטאָל און קוואַרטיר" — האָט געזאָגט מיין מוטער צו מיין פאָטער. — „דו ביסט טאַקע גערעכט — האָט געענטפערט מיין פאָטער — אָבער ווען איך נעם ביי קיינעם פון די סוחרים נישט קיין געלט פאַר עסן, ווי קען איך קעגן אים האַנדלען אַנדערש?"

ווען ביים אַוועקפאָרן האָט פישיטיצקי געפרעגט מיין מוטער: וויפל קומט אייך? — האָט זי געענטפערט: מיר נעמען נישט קיין געלט ביי קיין סוחרים פאַר עסן! — דאָס האָט דעם איידעלן מענטשן געשטעלט אין גרויס פאַרלעגנהייט. „ווען איך זאָל עס געוווען וויסן, וואָלט איך געווען געגאַנגען אין אַ גאַסט־הויז. אָבער איך וועל גוטמאַכן מיין חוב אויף אַן אַנדער אופן", האָט ער געזאָגט. זיך האַרציק געזעגנט מיט אַלעמען און איז אַוועקגעפאָרן.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז אָנגעקומען אַ פּאַסילקע (פּעקל) פון וואַרשע. אין דער פּאַסילקע זענען געלעגן: מענער־העמדער און קראַוואַטן, צוויי היטעלעך: איינס אַ בלויס — פאַר מיר, און אַ גרינס — פאַר דער מאַמען. צוויי ווייסע זיידענע זאַנטיקלאַך, עטלעכע פאַר העגטשקעס, צוויי „קאַטיקס" (פוטערנע קעלנער) און צוויי מופטעס. אַלעס איז געווען פּרעכטיקשיין, לויט דער לעצטער פּאַריזער מאָדע! אָבער דאָס שענסטע פון אַלע

זאַכן איז געווען מיין מוטערס גרין, סאַמעט־היטעלע: עס איז געווען מיט פּיצינקע סאַמעטענע פעלדלעך, זיידענע שמאָלע פּאַסיקלעך און צווי גאָלד־קאָלירטע בלומען ביי דער זייט. אַלע שכנים זענען געקומען אָנקוקן די זאַכן און באַוואונדערנדיק אַלעס האָט מען שמייכלענדיק געפרעגט: ווען וועט איר עס אָנטאָן אין אישיצע? — איר וועט מוזן פאָרן קיין וואַרשע!

עס האָט לאַנג נישט גענומען און ווייבער האָבן אָנגעהויבן קומען צו דער מאַמען לייען דאָס גרינע סאַמעטענע היטעלע: ווער עס איז געפאָרן צו אַ ברודער אויף אַ חתונה, אין אַן אַנדער שטאָט; ווער עס איז געפאָרן אויף אַ ברית, ווער — זיך אָנקוקן מיט אַ חתן. מיידלעך און ווייבלעך, — דאָס גרינע היטעלע איז אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט פון איין קאָפּ אויפן אַנדערן.

עס האָט געפּאַסט יעדן איינעם. אַ מאָל פלעגט אַריינקומען אַ קינד און זאָגן: די מאַמע האָט אייך זייער געבעטן איר לייען דאָס גרינע היטעטלע, און די מאַמע פלעגט אָפּשיקן דאָס קינד צו אַן אַנדער פרוי: דאָס היטעלע איז גראָד דאָן געווען ביי עמיצן אַנדערש.

איינמאָל זאָגט מיין מוטער: דאָס היטעלע איז שוין געווען אויף אַזוי פיל קעפּ קיין עין הרע, אַז איך פיל נישט ווי עס אָנצוטאָן.

זאָל עס אַרומגיין איבערן שטאָט, זאָלן די ווייבער זיך פּוצן אין דעם היטעלע, דו באַדאַרפסט עס סיי ווי נישט. דיינע האָר זענען אַזוי שיין, אַז עס איז אַ שאָד זיי צו פאַרדעקן — זאָגט מיין פאָטער. די מאַמע איז שטאַרק רויט געוואָרן, אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעשפּרייט איבער איר פּנים, און דאָס גרינע, סאַמעטענע היטעלע מיט די דינע פעלדעלעך, שמאָלע זיידענע פּאַסיקלעך און גאָלדענע בלומען, האָט נאָך יאָרן לאַנג אַרומגעוואַנדערט איבערן שטעטל פון איין קאָפּ אויפן צווייטן.

נחמן דער מוליער . . .

מ׳האָט נישט געוואוסט ווען און פון וואַנען עס האָט זיך באַוויזן ביי אונדז אין אישיצע אַ פאַרפאַלק, וואָס ער, דער מאַן, איז אַ מוליער, וואָס מאַכט הרובעס און אויוונס, און זי, וואַשט פרעמדע וועש, און דילן...

אישיצער האָבן ליב מענטשן, בפרט ניי־געקומענע! מ׳איז שוין היבשלעך מיד פון די עטלעכע געציילטע פּנימער, און ווען עס באַווייזט זיך אַ ניי פּנים אין שטעטל, איז מען שטאַרק נייגעריק עס צו זען און הערן.

דאָס ערשטע וואָס מ׳האָט אויסגעפונען וועגן נחמן דעם מוליער איז, אַז ער האָט „צווי גאָלדענע הענט״, אַז ער מאַכט אַ הרובע אָדער אַן אַנד׳ער

אַרבעט פון דעם געביט, איז עס אויסגעצייכנט, אַז ער איז ממש אַ קינסטלער און אַזוי ווייטער.

אויך וועגן דער מוליערקע האָט מען אויסגעפונען, אַז זי איז „אַ שטילע טויב", רעדט נישט קיין שלעכטס אויף קיינעם, אפילו אויף דער פרוי וואָס זיי האָבן ביי איר אַ צימער, אויף דער באַלעבאָסטע רעדט זי נישט קיין שלעכט וואָרט.

מ'ווייסט שוין אויך, אַז דאָס פּאָרל איז שוין אַ יאָר פופצן פאַרהייראַט און — גאָרנישט! מ'זעט נישט און מ'הערט נישט קיין קינד.

מיט דער צייט האָט מען אויסגעפונען נאָך איינצלהייטן: כאָטש נחמן דער מוליער, האָט „צוויי גאָלדענע הענט", האָט ער אָבער נישט קיין גרויסן חשק זיי צו נוצן, די הענט...

אַזוי, למשל, ווען מ'רופט אים ערגעץ פאַר אַ שטיקל אַרבעט, איילט ער זיך נישט צו קומען, און אויב ער קומט שוין יאָ אַמאָל, נעמט עס ביי אים וואָכן און מאָנאַטן ביז עס ווערט פאַרטיק.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז קיין גרויסער פאַרדינער קען אַזאַ איינער נישט זיין, און זיין פרוי מוז אים אַרויסהעלפן מיט וואַשן דילן, אָדער וועש, אין פאַרשידענע הייזער.

וואָס דען האָט ער פאָרט ליב, דער מוליער? אַ מענטש מוז דאָך עפּעס ליב האָבן, נישט אַזוי?

האָט אויך נחמן מוליער עפּעס ליב, און דאָס איז... דערציילן מעשיות.

מענטשן זאָגן, אַז אויף דערציילן מעשיות, איז ער נאָך אַ גרעסערער קינסטלער ווי אויף צו מאַכן אויוונס און הרודעס.

„נחמן מוליער האָט אונדז היינט דערציילט אַ מעשה, איז זי זיך ממש צעגאַנגען אין יעדן אבר", קען מען גאַנץ אָפט הערן פון אַ יידן, וואָס איז אַ מבין אויף אַ מעשה.

אויך איך, דאָס אַכט יאָריקע קינד, פלעג שטאַרק ליב האָבן צו הערן נחמן מוליערס מעשיות...

געדענקט זיך מיר איינמאָל, ווען מיין מוטער האָט אים געדונגען מאַכן ביי אונדז אַ הרובע.

זי איז געגאַנגען צו אים עטלעכע מאָל אים רופן, ביז ער איז ענדלעך געקומען.

אין הויז איז געוואָרן אַ גרויסער חורבן: נאַסע ליים, גיפּס, זאַמד, ציגל און דאָס גלייכן. עס איז נישט געווען קיין אָרט זיך אַוועקצוזעצן, קיין אָרט וואו זיך אַוועקשטעלן מיט די פיס און נחמן נעמט זיך דערציילן אַ מעשה.

מיין מוטער קוקט צום טאַטן, וועלכער האַלט קוים איין זיין שמייכל אונטער די געדיכטע שוואַרצע וואָנצעס, אָבער זיינע שוואַרצע, מילדע אויגן פינקלען.

ס׳האָט אויסגעזען, אַז עס וועט קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען צום חורבן אין הויז.

טאָמער איז עס ווייניק, האָב איך צו יענער צייט, אַלס אַ גרויסע פאַרערערן פון נחמנס מעשיות, אים געהאַלטן אין איין איבערפרעגן וועגן איינצלהייטן פון די מעשיות. איך האָב געמוזט וויסן די נעמען פון די פּערזאָנען, די צייט און דעם פּלאַץ ווען און וואו עס האָט געטראָפן און דאָס גלייכן. צומאָל פלעג איך גיין נאָך ווייטער:

איר האָט דאָך געזאָגט, אַז עס איז געווען אַ הייסער טאָג, טאָ צו וואָס האָט דער פּריץ באַדאַרפט טראָגן אַ פוטערנעם מאַנטל? — פלעג איך אים צומאָל כאַפּן אין אַ טעות.

— ער איז געווען אַן אַלטער מאַן, און אַלטע מענטשן פילן קאַלט, אַפילו זומער — ענטפערט נחמן.

חנהלע, אַז דו וועסט נישט אויפהערן איבערפרעגן דעם מוליער וועגן זיינע מעשיות, וועט די הרובע קיינמאָל נישט פאַרטיק ווערן — האָט געטענהט מיין מוטער ווען ער פלעגט אַוועקגיין, און ווען עס האָט נישט געהאָלפן, האָט זי מיר געזאָגט:

— אויב דו וועסט אים נישט צורו לאָזן, וועסטו כאַפּן די אמתע פּעטש!

און מיין מוטער, אַז זי פלעגט עפּעס צוזאָגן, האָט זי געהאַלטן וואָרט... איך פלעג דאַן דעם מוליער צורו לאָזן, אָבער... ווען די מאַמע פלעגט אויף אַ ווײַלע אַוועקגיין, פלעג איך זיך שטיל צושאַרן צו אים און אָנהויבן: ר׳ נחמן, וואָס איז געוואָרן מיט דער בת־מלכה?

נחמן קוקט זיך אַרום צי די מאַמע איז נישטאָ ערגעץ נאָענט און הויבט אָן: „דער פּרינץ האָט אַ כאַפּ־געטאָן די פּרינצעסין אויף די הענט, זי אַרויסגעטראָגן דורך דעם פענצטער און זי אויפגעזעצט לעבן זיך אויפן פערד״...

דאָס פערד איז געפלויגן ווי אַן אָדלער, איבער פעלדער, וועלדער, בערג און טאָלן.

אינמיטן אַ געדיכטן וואַלד האָבן זיי דערזען אַ קליין שטיבעלע, און זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגעגאַנגען אין שטיבעלע אין וועלכן די ווענט זענען געווען פון זילבער, און די פענצטער פון גאָלד.

אויפן אויוון זענען געשטאַנען גאָלדענע טעפּלעך און עס האָט זיך פון

זיי געטראָגן פאַרשידענע ריחות פון געשמאַקע מאכלים... אויף אַ סאַמע־טענער סאָפע ליגט און דרימלט אַ ווייסע קאַץ מיט שוואַרצע פלעקן...

אינמיטן „רעכטן געדעכטן" קומט אַריין מיין מוטער . . .

נחמן כאַפּט שנעל אַ ציגל, באַשמירט אים מיט אַ געדיכטער מאַסע, און גייט ווייטער אָן מיט זיין אַרבעט...

מיין מוטער דערקענט שוין, אַז עפּעס האָט ער זיך אַ שטאַרקן כאַפּ־געטאָן צו דער אַרבעט... וואַרפט זי אַ דורכדרינגענדיקן בליק אויף מיר, און איך טראָג זיך גלייך אָפּ אין אַ צווייטן צימער.

די קוואָקע

דאָס איז געווען מיין ערשטע טרויעריקע דערפאַרונג. איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר ניין.

מיר פלעגן האָבן אַ סך הינער אַרום דער הויז, מיין מוטער פלעגט אויף זיי אַכטונג געבן מיט גרויס ליבשאַפט. זי פלעגט אַרויסקומען אין דרויסן מיט אַ פאַרטוך, פול מיט קוקורוזע־זערנעס, און אַ וואָרף טאָן אַביסל זערנעס, און הינער, גרויסע, קליינע, ווייסע, שוואַרצע, ראַבע, געלע, ברוינע און גרויע, האָבן זיך באַוויזן פון אַלע זייטן פון אונטערן הויז, פון אונטערן קעלער, פון אונטערן מאַגאַזין, און מיט אַ פריילעכן „קוד־קדאַק" פלעגן זיי כאַפּן, רייסנדיק זיך, שטופּנדיק זיך, צו די זערנעס.

און אָט שפּרינגט איינע אַרויף אויף דער מאַמעס שולטער. דערזעט עס אַ צווייטע הון און שפּרינגט אַרויף אויפן צווייטן. שטייט די מאַמע מיט די צווויי הינער אויף די שולטערס און קוועלט אָן פון נחת.

איינמאָל זע איך די מאַמע טראָגט אין אַ שיסעלע אַביסל קוקורוזע־מעל פאַרמישט מיט וואַסער, ערגעץ אין אַ זייטיקער קאַמער. „איז די הון קראַנק, וואָס דו טראָגסט איר עסן אין קאַמער", פרעג איך זי.

„זי איז נישט קראַנק, זי זיצט אויף אייער און וועט האָבן הינדעלעך", ענטפערט זי מיר.

איך בין נאָכגעגאַנגען דער מאַמען און געזען ווי די הון זיצט אין אַ קוישל, צעשפּרייט אירע פליגל, און וואַרעמט מיט גרויס געדולד אירע צוקונפטיקע קינדער.

איך האָב שוין געהיט יעדעס מאָל ווען די מאַמע איז געגאַנגען אין קאַמער צו דער „שוואַנגערנדיקער" הון. און איינמאָל, ווען מיין מוטער איז געוואָרן שטאַרק פאַרנומען, לויפנדיק אין קאַמער אַלע ווילע, בין איך איר נאָכגעלאָפן און איך האָב געזען ווי פון די אייער באַווייזן זיך פּיסקעלעך, וואָס פּיקען די שאָלעכץ, און עס שיילן זיך אַרויס פּיצינקע הינדעלעך, כמעט

אָן פעדערלעך. איין הינדעלע האָט געהאַט צוויי קעפּלעך, אָבער עס איז געווען טויט. „דאָס איי האָט מסתמא געהאַט צוויי געלעכלעך" — האָט געזאָגט מיין מוטער.

די קוואָקע האָטגענומען אירע קינדערלעך אויף אַ שפּאַציר. זי איז געגאַנגען אַ שטאָלצע פאָרויס, און ווען זי האָט געפונען אַ קערנדל, האָט זי גערופן די קינדער: „קוואָ, קוואָ, קוואָ".

ווען דער הימל האָט זיך פאַרוואָלקנט, האָט זי צונויפגערופן אַלע הינדעלעך, און האָט זיי פאַרדעקט מיט אירע ברייט־צישפּרייטע פליגל. איינמאָל האָב איך געזען די מאַמע אַרומלויפן אין דרויסן, איר פּנים איז געווען שטאַרק באַזאָרגט און זי האָט עפּעס געזוכט.

— וואָס זוכט איר — האָט געפרעגט אַ שכנה.

— די הינדעלעך לויפן אַרום אַליין און איך ווייס נישט וואו די קוואָקע איז אַהינגעקומען, האָט זי געענטפערט.

די שכנה האָט אויך גענומען אַרומלויפן זוכן די קוואָקע.

אונטערן קעלער זענען אַרומגעלאָפן די קינדערלעך אין פאַרשידענע ריכטונגען, פּישטשען, קוויטשען און זוכן די מוטער.

איך בין אַוועק הינטערן הויז וואו עס איז געווען אַ גרויסער גאָרטן מיט קוקורודזע און געזוכט דאָרט, אָבער אומזיסט; איך האָב די קוואָקע נישט געקענט געפינען. די מאַמע, די שכנים, פעדאָראַ (די דינסט) און איך זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן ווען אַ שכנה האָט באַמערקט צו מיין מוטער: די טיר פון אייער באָד־צימער איז אָפן, אפשר איז זי דאָרטן, די קוואָקע. מיר זענען אַלע אַריין אין באָד־צימער וואו עס איז געשטאַנען אַ וואַנע מיט וואַסער.

מיין מוטער האָט אַריינגעלייגט אירע הענט טיף אין וואַסער, געזוכט אַ ווילע, און עס האָט זיך דערהערט איר היסטערישער געשריי: — „אוי ווי איז מיר!" בעת זי האָט אַרויסגעצויגן פון דאָרטן די דערטרונקענע קוואָקע.

יענעם טאָג האָב איך אַ סך טרערן פאַרגאָסן, צוקוקנדיק ווי די פאַר־יתומטע הינדעלעך בלאָנקען זיך אַרום, צעזייט און צעשפּרייט און פּישטשען מיט זייערע שוואַכע קעלעכלעך, וויינען, בענקען און רופן זייער מוטער. עס איז פון זיי וואָס אַמאָל געבליבן ווייניקער און ווייניקער.

עס איז געווען די ערשטע טרויעריקע דערפאַרונג אין מיין פריסטער קינדהייט.

„מאַרס"

אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן מיר געהאַט דריי סאָלדאַטן אַלס קוואַרטיראַנטן. ווען זיי זענען אַוועק, האָבן זיי אונדז

איבערגעלאָזט מאַרסן אַלס מתנה. מאַרס איז געווען אַ גרויסער הונט, אַ שוואַרצער, מיט ווייסע פלעקן, מיט אַ פּאָר גרויסע, קלוגע אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען אַ סך ווערטער, וואָס מען האָט צו אים גערעדט, איז געווען זייער געטריי. מיר האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט.

מיין פאָטער ע"ה פלעגט יעדע וואָך פאָרן קיין מאָהילעוו, און ער האָט זיך געדאַרפט אַריבערשיפן דעם דניעסטער, אַ פּאָר וויאָרסט פון שטעטל, — מאַרס פלעגט אים נאָכלויפן און שטיין ביים ברעג און וואַרטן ביז מיין פאָטער האָט זיך אַריבערגעשיפט אויפן אַנדערן ברעג, דאַן פלעגט ער ערשט אַהיימלויפן.

ווען מאַרס פלעגט צוריקקומען, האָבן מיר געוואוסט אַז דער טאַטע איז שוין פון יענער זייט דניעסטער. איינמאָל, ווען מיין פאָטער איז געפאָרן קיין מאהליוו און מאַרס האָט אים, ווי אַלע מאָל באַגלייט צום דניעסטער, האָט גענומען זייער לאַנג ביז ער איז צוריקגעקומען פון ברעג, און מיר זענען געווען שטאַרק אומרואיק.

ענדלעך איז מאַרס צוריקגעקומען מיט אַ שעה שפּעטער, אַ פריילעכער און ווי ער וואָלט אונדז ווי עפּעס געוואָלט דערציילן, אָבער .. עס האָבן אים אויסגעפעלט ווערטער. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דער טאַטע אַהיימגקומען, און ער האָט דערציילט, אַז אין זיין שיפל איז אַריינגערונען וואַסער, און מען האָט געמוזט זיך אומקערן פון מיטן וועג נעמען אַן אַנדער שיפל, מאַרס איז געשטאַנען ביים ברעג אַן אומרואיקער, געהאַוועקט און געוואַרט ביז דער טאַטע האָט זיך ענדלעך מיטן צווייטן שיפל אַריבער־געשיפט בשלום, און דערפאַר איז ער דאַן געקומען אַזוי שפּעט, געווען פריילעך, אָבער נישט געקאָנט דערציילן די סיבה פון זיין פרייד.

קיין חידוש וואָס מיר האָבן מאַרסן אַזוי ליב געהאַט.

איינמאָל בין איך מיט מיין פאָטער געגאַנגען אין גאַס. עס האָט זיך דערהערט פון ערגעץ אַ האַווקען פון אַ הונט, און מיין פאָטער איז געבליבן שטיין אַ בלאַסער, אַ דערשראָקענער. איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ און באַמערקט, ווי אַ היצעל האָט פאַרוואָרפן אַ שטריק איבער אַ הונט, און דער הונט ראַנגלט זיך מיט אַלע כוחות, אָבער דער היצעל שלעפּט אים און וואַרפט אים ענדלעך אַריין אין אַ גרויסער שטייג, וואָס שטייט אויף אַ וואָגן און איז אָנגעפילט מיט הינט. איך האָב געפילט שטאַרק דערשיטערט פון דער סצענע, אָבער איך האָב זיך גלייכצייטיק געוואונדערט אויף מיין פאָטער, וואָס אויך ער פילט ווי איך: ער איז דאָך עפּעס נישט קיין קינד נאָר אַ מאַן ,אַ טאַטע. ווען מיר זענען אַהיימגעקומען, האָט דער טאַטע פאַרזאָגט אַכטונג צו געבן אויף מאַרסן, ער זאָל נישט גיין אין גאַס, ווייל עס קען מיט אים טרעפן דאָס וואָס מיט די אַנדערע הינט. מיר האָבן מאַרסן

אָפּגעהיט פון דעם היצעל, אָבער עס האָט מיט אים געטראָפן אַן אַנדער אומגליק!

עס איז געווען אין די גרויסע אויגוסט היצן, מענטשן האָבן זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען, וואו זיך צו באַהאַלטן פון דער היץ, און עס האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר הינט וואָס זענען משוגע געוואָרן פון דער היץ! די פּאָליציי האָט באַפוילן צו סמען יעדן הונט וואָס מען טרעפט אין די גאַסן, מען האָט געוואָרפן פאַרסמטע שפּייז איבער די גאַסן, און הינט זענען געפאַלן פון אַלע זייטן.

ווען מיר האָבן זיך דערוואוסט פון אָט דער נייעס, איז מאַרס נישט געווען אין דער היים. מיר האָבן אים גענומען אַרומזוכן, אָבער אומזיסט. מיר האָבן אים נישט געקאָנט געפינען. איך בין געגאַנגען אים זוכן אין איין גאַס, מיין מוטער אין אַ צווייטער גאַס, פּעאַדאַראַ — אין אַ דריטער, אָבער ער איז ווי אין וואַסער אַריין!

ענדלעך האָבן מיר דערזען מאַרסן אַנקומען, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט: אין זיין גאַנג האָבן מיר גלייך דערקענט, אַז ער איז אַ פאַרסמטער. ער איז געגאַנגען וואַקלענדיק זיך און די גרויסע קלוגע אויגן האָבן געקוקט מיט ווייטאָג, טרויעריק. מיר זענען אים אַנטקעגנגעלאָפן, ער האָט זיך געטוליעט צו אונדז, אַרויפגעקוקט אין יעדנס פּנים און טרערן זענען געפאַלן פון זיינע אויגן. איך האָב אים געגלעט, ער האָט זיך אָנגעהויבן אַרומדרייען און מיר זענען אַלע געשטאַנען אַרום אים, און גאָר נישט געקאָנט טאָן. זיין יאָמערדיק געוויין האָט ממש געשניטן אונדזערע אַלעמענס הערצער.

ער איז געפאַלן, זיך אויפגעהויבן און ווידער געפאַלן.

אָט הויבט ער אַ האַלבן גוף, און די אַנדערע העלפט קען ער שוין נישט אויפהויבן. ער גיט אַ לעק מיין האַנט, און שטרעקט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג.

די גרויסע, ברוינע אויגן בלייבן אָפן, פאַרלאָפן מיט טרערן און אין זיי ווי אַ פאַרגליווערטע פראַגע: „פאַרוואָס?״.

אַ מעשה מיט אַ קוגל . . .

אַלע שבת פלעגט די מאַמע אונדז געבן אַן אַנדער סאָרט קוגל: פון מעל מיט שמאַלץ, פלוימען, פון לאָקשן, רייז און אַזוי ווייטער.

דער בעסטער קוגל איז אָבער געווען פאַר אונדז יונגוואַרג — אַ קוגל פון מעל מיט שמאַלץ.

איינמאָל אין אַ שבת ווען מיר (איך און מיינע צוויי ברידערלעך) האָבן געוואוסט אַז עס איז דאָ אין אויוון אַ קוגל פון מעל מיט שמאַלץ, האָבן מיר אומגעדולדיק געוואַרט אויפן טאַטן, ער זאָל שוין קומען פון שול.

אַלע ווילע איז אַן אַנדערער פון אונדז געלאָפן צום טויער קוקן צי עס קומט שוין דער טאַטע, אָבער אַ נעכטיקער טאָג: „מ׳זעט נישט און מ׳הערט נישט!״

מסתמא איז ער געגאַנגען ערגעץ אויף קידוש, זאָגט די מאַמע.

ווי מיר וואַרטן אַזוי אומגעדולדיק אויפן טאַטן, קומט אָן אַ קליין ייִנגעלע מיט אַ קוישל, און ער ווענדט זיך צו דער מאַמען בזה הלשון: אייער נחום איז ביי יעקב לעווינזאָן אויף קידוש, און ער האָט מיך געשיקט ברענגען דעם קוגל.

מיר קינדער קוקן זיך איבער, און די מאַמע, צי זי וויל, צי זי וויל נישט, אָבער אַז דער טאַטע האָט געשיקט נאָכן קוגל, וועט זי דאָך נישט צוריקשיקן דאָס ייִנגעלע מיטן ליידיקן קוישל. דערצו האָט מיין מוטער געהאַט אַ שוואַכקייט זיך אויסצושטעלן מיט אירע געשמאַקע מאכלים. האָט זי נישט געטראַכט קיין סך, אַרויסגענומען דעם קוגל פון אויוון, אים איינגעוויקלט אין אַ האַנטוך ער זאָל חלילה נישט קאַלט ווערן און האָט אים אַריינגעלייגט אין קוישל, אָנזאָגנדיק דעם ייִנגעלע, ער זאָל גיין גיך און ער זאָל זאָגן דעם טאַטן, ער זאָל אַהיימקומען וואָס פריער, ווייל די קינדער זענען הונגעריק.

אונדז קליינוואַרג האָט די געשיכטע שטאַרק פאַרדראָסן, אָבער, ווי מעג מען עפּעס זאָגן אַ מאַמען?

ענדלעך איז דער טאַטע אַהיימגעקומען, די מאַמע האָט געגרייט דעם טיש און מיר האָבן זיך אויסגעזעצט עסן.

— חנהלע, ברענג אַריין נאָך אַ מעסער פון קיך — זאָגט די מאַמע.

איך קום אַריין אין קיך, רייצט זיך מיט מיר פעדאָראַ: „אויפן באַרג שטייט אַ ציגעלע, חנהלע וועט היינט נישט עסן קיין קוגעלע״, זאָגט זי מיט אַ ניגון און לאַכט, קאַטשעט זיך פון געלעכטער. — און דו ווערסט דען עסן אַ קוגעלע: — פרעג איך זי.

מיין מוטער קען זיך נישט דערוואַרטן אויפן מעסער, קומט זי אויך אַריין אין קיך.

פעדאָראַ, וועלכע איז שוין ביי אונדז אַ סך יאָרן און פילט זיך ווי אַן אייגן קינד אין שטוב זינגט דאָס לידעלע אויך פאַר דער מאַמען.

אָבער וואָס איז אויף איר אַזאַ גדולה? זי וועט דאָך אויך נישט האָבן קיין קוגל! — טענה איך צו דער מאַמען.

— זי עסט נישט קיין שמאַלץ, עס איז „פּוסטשעניע", — ענטפערט די מאַמע. (פאַראַן אַ געוויסע צייט אין יאָר ווען קריסטן עסן נישט קיין פליישיקס). ,

איך נעם זיך אָן מיט מוט און ווענדע זיך צום טאַטן: — נישט גענוג וואָס מיר האָבן באַדאַרפט וואַרטן אויף דיר אַזוי לאַנג, האָסטו נאָך געשיקט צונעמען ביי אונדז דעם קוגל.

דער טאַטע קוקט מיך אָן פאַרוואונדעט: — וואָס פאַר אַ קוגל? — פרעגט ער.

— וואָס, דו האָסט נישט געגעסן דעם קוגל, — גיט זיך די מאַמע אַ כאַפּ.

דער טאַטע טראַכט אַ ווײַלע און לאַכט זיך פונאַנדער: — דאָס האָבן זיי זיך אַזוי געריסן איבער דיין קוגל, דער גוטער יאָר זאָל זיי נעמען, און מיר האָבן זיי אַפילו נישט געגעבן קיין שטיקל. אָבער וואָס איז איין קוגל פאַר אַזאַ כאַפּטע פרעסערס, קיין עין הרע, זאָגט ער און גיט צו: איך האָב אַפילו נישט געוואוסט צי זיי האָבן אימעצן געשיקט צו דיר.

— זיי האָבן וויניקסטנס דיר געמעגט כאָטש געבן אַ שטיקל צו פאַרזוכן, — טענהט די מאַמע מיט פאַרדרוס.

— איך זאָג דאָך דיר. אַז מ'האָט דעם קוגל ממש צעכאַפּט, זיך געריסן איבער אים ווי איבערן רבינס שריים — זאָגט דער טאַטע.

די מאַמע הערט „צעכאַפּט", געפעלט עס איר... — נו, מילא, מיר וועלן דערלעבן איבעראַכטאָג פרייטיק וועל איך מאַכן אַן אַנדער קוגל — זאָגט זי מיט אַ שמייכל און גיט צו: זאָל זיי וואויל באַקומען.

אַ מעשה מיט אַ ציג . . .

מיין פאָטער ע"ה פלעגט שטענדיק זיין שטאַרק פאַרהאָוועט, ווייל ער פלעגט פירן אַ סך געשעפטן מיט פאַרשידענע סוחרים, וואָס פלעגן צו אים קומען פון פאַרשידענע גרויסע שטעט. גאַנץ אָפט פלעגט די מאַמע האָבן צו אים טענות פאַרוואָס ער טראָגט דעם שניפּס נישט פּינקטלעך אויסגע־בונדן, די שיך נישט גוט פאַרשנורעוועט, און זי פלעגט אים מוזן עטלעכע מאָל דערמאָנען, אַז ער דאַרף שוין גיין צום שערער זיך אָפּשערן,

„גוואַלד, ווי קען אַ מענטש זיין אַזוי צוטראָגן?" — פלעגט זיך די מאַמע בייזערן אויף אים און פלעגט אין אָוונט צונעמען ביי אים די שיך און איבערשנורעווען די שנירלעך, זיי זאָלן נישט זיין איינס לענגער און דאָס צווייטע קירצער, און זי פלעגט זיי שוין אין איין וועגס אָפּפּוצן אויך.

מיין פאָטער פלעגט זיין אויפגערעגט און דענערווירט, ווען ער פלעגט פאַר האַנדלען וועגן געשעפט מיט פאַרשידענע סוחרים, אָבער גאַנץ אַנדערש איז ער געווען ווען ער פלעגט זיין אויסגערוט. דאַן פלעגט ער ליב האָבן צו דערציילן עפּעס אַ שיינע זאַך, אַ מעשהלע, אַ וויץ אָדער אַן אַנעקדאָט. ער פלעגט מיט גרויס הנאה אויך אויסהערן יענעם, ווען עס איז געווען וואָס צו הערן... זיין שטערן פלעגט זיך אויסגלעטן פון די קנייטשן, די שוואַרצע, סאַמעטענע אויגן האָבן געקראָגן אַ מילדן אויסדרוק, אַ צוציענדיקן גלאַנץ, און מענטשן האָבן מיט גרויס שפּאַנונג זיך צוגעהערט צו אים.

עס האָט אַפילו געמעגט זיין עפּעס וואָס מ׳האָט שוין געהערט פון עמיצן, צומאָל טאַקע פון אים אַליין, אָבער די שפּאַנונג אים אויסצוהערן איז שטענדיק געווען די זעלבע.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען דער טאַטע איז אַהיימגעקומען פון מאַהילעוו, און איז אַ מידער געזעסן ביי אַ גלעזל טיי, זענען אַריינגעקומען אַ פּאָר חשובע בעלי־בתים נאָך אַ „בויטיקער נדבה״.

מיין פאָטער האָט זיי באַגעגנט מיט אַ פריינטלעכן שמייכל, געבעטן זיצן: „איך בין זיכער, אַז איר האָט שוין פאַרענדיקט דאָס זאַמלען״ — האָט ער געזאָגט, וויסנדיק אַז מיר זענען די לעצטע יידישע פאַמיליע אין דער גאַס. נאָך אונדזער הויז האָבן שוין געוואוינט נאָר קריסטן. די יידן זענען קענטיק געווען צופרידן זיך אָפּצורוען אַביסל נאָך אַ טאָג „אַרומ־שלעפּן זיך איבער די הייזער״, האָבן זיי זיך אָוועקגעזעצט בעת איינער פון זיי האָט אין שפּאַס באַמערקט: „נחום מיינט אַז ער וועט אונדז דערציילן אַ לאַנגע מעשה וועלן מיר דערווייליע פאַרגעסן נאָך וואָס מיר זענען געקומען, עס וועט אים אָבער נישט געלינגען מיר וועלן אויסהערן די מעשה און ער וועט גוט באַצאָלן!״.

מיין מוטער האָט דערלאַנגט טיי מיט צובייסן צום טיש, און דער טאַטע האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט און טאַקע דערציילט עפּעס פון וואָס מ׳האָט געלאַכט און גרויס הנאה געהאַט. ווען די יידן האָבן זיך אויפגעהויבן, געקראָגן די נדבה און געוואונטשן: „מ׳זאָל קענען געבן און קיינער זאָל נישט באַדאַרפן״, איז שוין געווען אַרום איינס אַזייגער פאַרטאָג!

ענדלעך האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן. מיט אַ שעה שפּעטער האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּן אין טיר. מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט דערשראָקענע: ווער קען עס קלאַפּן אין אַזאַ שפּעטער שעה? „עס איז שוין באַלד צוויי אַזייגער״, באַמערקט מיין פאָטער אַ פאַרשלאָפענער, און ער האָט קענטיק מורא צו גיין צו דער טיר עפענען... פאַרשידענע שרעק־

לעבע געדאַנקען זענען געקומען אין אונדזערע מוחות: אפשר רויבער, אָדער חלילה אַן אומגליק מיט אונדזערע נאָענטע קרובים?

מיין פאָטער באַמיט זיך אָנצוטאָן די שיך, אָבער די הענט ציטערן אים און די שיך פאַלן אַרויס פון זיי. ענדלעך איז ער אַ פאַרשלאָפענער, אַ דערשראָקענער, צוגעקומען צו דער טיר:

„ווער איז דאָרט?", פרעגט ער.

„ס'איז איך, דיין שכן שטיפאַן", קומט אַן ענטפער. שטיפאַן איז געווען אַן אַלטער קריסט, אַ שטיקל עובר־בטל, וואָס האָט געדינט אַלס שומר אין אַ גאָרטן נעבן אונדזער הויז.

„עפן אויף די טיר", שרייט ער אַ פאַרסאָפּעטער. מיין פאָטער האָט געעפנט: וואָס ווילסטו, וואָס האָט געטראָפן?" — פרעגט ער.

„אַ ציג, אַ ציג...". איצקאָ'ס ציג האָב איך געכאַפּט, אַ פּאָהיבעל אויף איר, שוין דאָס דריטע מאָל די וואָך אַז זי קריכט אין גאָרטן אַריין פרעסן קוקורודזע!...

„טאָ וואָס ווילסטו פון מיר?" — פרעגט מיין פאָטער מיט אַ אויפ־גערעגטער שטים.

„שאַ, שריי נישט אַזוי, דו ביסט מיין נאָענטסטער שכן, וויל איך לאָזן די ציג ביי דיר אין הויז, ביז איך וועל אַוועקלויפן צו איצקאָן אים אויפוועקן און קריגן ביי אים אויסליייז־געלט. און נאָך עפּעס: וויפל דענקסטו באַדאַרף איך ביי אים מאָנען אויסליייז־געלט, אַזוי אַז עס זאָל נישט זיין צו פיל און נישט קיין קריוודע — דריי מאָל האָט זי זיך אָנגע־פרעסן מיט קוקורודזע, אַ פּאָהיבל אויף אירע פאַרשאָלטענע ביינער..

עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ מיט דער טיר, און דער טאַטע האָט זיך געלייגט שלאָפן, אָבער איך האָב די גאַנצע נאַכט נישט געקענט איינשלאָפן. עס האָט מיך געהאַלטן אין איין שטיקן אַ געלעכטער, דערמאָנענדיק זיך ווי מיין פאָטער איז געלאָפן צו דער טיר אין איין שוך אָנגעטאָן און דעם צווייטן טראָגנדיק אין דער האַנט...

דער באַרימטער סוחר

מיין פאָטער פלעגט זיך דורכשרייבן מיט אַ סך סוחרים פון גרעסערע שטעט, און מיט אייניקע פון זיי האָט ער יאָרן לאַנג געהאַנדלט, אָבער ער האָט זיי קיינמאָל נישט געזען.

איינער פון די סוחרים מיט וועמען מיין פאָטער האָט אַ סך יאָרן קאָרעספּאָנדירט, און וועלכער פלעגט קויפן מער סחורה ווי אַלע אַנדערע, איז געווען באַרימט אויף אַ „שטיק וועלט". מען האָט אים געקאָנט ווי אַ

זעלטענעם טיפּ. מען האָט וועגן אים גערעדט מיט רעספּעקט אין דער סוחרישער וועלט, און געזאָגט האָט מען, אַז ער איז די ערלעכקייט אַליין, און רייך איז ער — ממש אַ מיליאָנער.

מיין פאָטער איז געווען שטאַרק נייגעריק דעם דאָזיקן סוחר מיט וועלכן ער האַנדלט שוין אַזוי פיל יאָרן, און פון וועלכן אַלע רעדן מיט אַזוי פיל דרך ארץ, — צו זען פּערזענלעך. פון זיינע בריוו האָט מיין פאָטער נישט געקאָנט וויסן וועגן אים קיין סך, ווייל זיי האָבן ס׳רוב געהאַט צו טאָן מיט מסחר: אַ וואַגאָן קאָרן, אַ וואַגאָן ווייץ, פופציק זעק ניס און אַז ער מוז די סחורה האָבן נישט שפּעטער ווי אין דעצעמבער אָדער פריער און אַזוי ווייטער און ווייטער. ווי נאָר ער האָט געקראָגן די סחורה, האָט ער צוגע־שיקט די באַטרעפנדיקע סומע געלט און פּאַרטיק.

מיין פאָטער האָט אָבער שטאַרק געוואָלט קענען דעם מענטשן, רעדן מיט אים, נישט נאָר וועגן מסחר נאָר אויך וועגן וועלט־זאַכן.

ענדלעך איז געקומען אַ צייט ווען מיין פאָטער האָט באַדאַרפט פאָרן אין יענער שטאָט, וואו דער גרויסער סוחר האָט געוואוינט און ער איז פון דעם געווען העכסט צופרידן.

פון גרויס דערוואַרטונג פון דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש, איז ער געווען אַביסל נערוועז: ווער ווייס וואָס פאַר אַ גרויסע פּערזענלעכקייט דער ר׳ חיים איז, האָט ער געטראַכט. מעגלעך אַז ער וועט נישט קענען נאָכקומען יענעמס קלוגע שמועסן... און אַזוי טראַכטנדיק, איז מיין פאָטער ענדלעך אָנגעקומען צום באַשטימטן אַדרעס וואו דער סוחר האָט געוואוינט. ער איז אַריינגעקומען אין אַן איינפאַכן מאַגאַזין, און עס איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ ייד מיט אַ רויטער פּאַטשיילע אונטערגעבונדן די ציין אין אַ וואַטאָווען לייבל, אונטער אַ זייער אָפּגעטראָגענער צעשפּי־לעטער קאַפּאָטע...

„נישט קיין גרויסאַרטיקע משרתים פאַרמאָגט ווייזט אויס דער סוחר!”, האָט זיך אַדורכגעטראָגן אין מיין טאַטנס מוח, בעת ער האָט געפרעגט: קען איך זען ר׳ חיים ב—ן?

— דאָס בין איך — האָט געענטפערט דער יידישער מיליאָנער און ער האָט געפרעגט: ווער זענט איר? — איך בין נחום שפּירא, — האָט געענט־פערט מיין פאָטער און יענער האָט אים אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום עליכם, און זיך נאָכגעפרעגט ווי עס זיינען די פרייזן אויף קאָרן און ווייץ און פלוימען, דאַרע באַרלעך און קערלעך און אַזוי ווייטער און ווייטער.

— דערווייל איז אַריינגעקומען אַ יינגל פון אַ יאָר צען־עלף מיט אַ בינטל פּאַסאָלעס צום פאַרקויפן. דער מיליאָנער האָט זיך אַנטשולדיקט און

איז צוגעגאַנגען צום ייִנגל, ער האָט אָפּגעוואויגן די פּאַסאָלעס אויף אַ וואָג און געפרעגט: וויפל ווילסטו?

— דרייסיק קאָפּיקעס! — ענטפערט דאָס ייִנגל.

— און פופצן ווילסטו נישט נעמען? — פרעגט דער סוחר.

— רב חיים, עפּעס זענט איר מיר געוואָרן אַ צו גרויסער חכם, צי האָט איר אפשר געגעסן הײַנט נישט דערקאָכטע שוועמלעך? — קליגט זיך דער חברהמאַן.

מײַן פאָטער קוקט אויף זיי ביידע און טראַכט אַז דער סוחר וועט מסתמא אין כעס ווערן און אַראָפּוואַרפן דעם חברמאַן פון אַלע טרעפּ. עס איז אָבער נישט אַזוי געווען: אַנשטאָט אים אַראָפּוואַרפן פון די טרעפּ, האָט דער מיליאָנער גאַנץ רואיק און מיט אַ געלאַסן קול געענטפערט: „האָסט נישט געטראָפן, מײַן זון: איך האָב גראָד הײַנט געגעסן אַ יויך מיט קניידלעך, נישט קיין רויע שוועמלעך, אָבער איך בין סיי ווי אַ קלוגער. און מער ווי צוואַנציק קאָפּיקעס וועל איך דיר נישט געבן!“

ענדלעך האָבן זיך די צוויי סוחרים „אויסגעגלייכט“ מיט דעם פּרייז, און דער מסחר איז געשלאָסן געוואָרן. דער עלטערער האָט באַצאָלט פאַר די פּאַסאָליעס און ער האָט זיך אומגעקערט צום טאַטן, און ווידער גערעדט וועגן מסחר, וועגן פּרייזן אויף תבואה און מער איז אים קענטיק גאָרנישט אָנגעגאַנגען, און ער האָט איגנאָרירט יעדן אַנדערן ענין וואָס מײַן פאָטער האָט פּרובירט אָנרירן.

שלעכטע סחורה אין אַ גוטער צייט...

ווייט פונעם שטעטל, ביים ברעג דניעסטער, איז געשטאַנען אַ ריזיק גרויסער סאָד און עס האָבן דאָרט געוואַקסן פאַרשידענע פּרוכטן: עפּל, פלוימען, באַרן, ניס אאַ״וו. די פּרוכטן פלעגן געטריקנט ווערן טאָקע דאָ אין סאָד אויף „לאַזניצעס“. עס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן גריבער, אין וועלכע עס האָט געברענט אַ קליין פייער און פון אויבן זענען געלעגן קאַסטנס מיט פלוימען אָדער באַרן וועלכע פלעגן דורכגענומען ווערן מיטן רויך, און אַזוי אָרום זיך טריקענען.

נאָך פון גאַנץ ווייט פלעגט מען פילן דעם אָנגענעמען ריח פון די געטריקנטע פּרוכטן, פון די לאַזניצעס.

אַזוי ווי מײַן פאָטער פלעגט פון צייט צו צייט אָפּדינגען דעם סאָד פאַרן זומער, פלעגן מיר יונגוואַרג זײַן דאָרטן גאַנץ אָפטע געסט.

מיר פלעגן גרויס הנאה האָבן פון די פאַרשידענע פּרוכטן, פון דער גוטער לופט און פון די לאַזניצעס. מיר פלעגן קריגן שוואַרצע הענט פון

שיילן די ניס פון זייער גרינער שאָלעכץ, וועלכע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס פלעגט נעמען עטלעכע טעג ביז די שוואַרצע פאַרב איז אַראָפּ פון די הענט.

מיין פאָטער פלעגט שיקן די געטריקנטע פרוכטן וואַגאָנענווייז אין די גרויסע שטעט. איינמאָל, ווען ער האָט געהאַט אַ באַשטעלונג אַרויס־צושיקן אַ וואַגאָן געטריקנטע באַרן קיין וואַרשע, איז ער געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט; זיי זענען אַרויסגעקומען פון די לאַזניצעס ברוין נישט שוואַרץ. מיכאַילא און איוואַן, אונדזערע לאַנגיאָריקע אַרבעטער, האָבן געוואַרעמט שוואַרצע סאַנישניק אין גרויסע קעסלס וואַסער, פון וואָס עס איז אַרויסגעקומען שוואַרצע פאַרב, און זיי האָבן דאָס געגאָסן אין פעסלעך מיט באַרן. נאָכדעם האָבן זיי אויסגעשפּרייט ברעזענטן אויף דער פאָדווירע און אויסגעשאָטן די באַרן זיי זאָלן זיך אויף דער זון טריקענען...

ווען די באַרן זענען שוין געווען כמעט טרוקן, האָט געגומען גיסן אַ רעגן... מ׳האָט אויף שנעל פאַרדעקט די סחורה מיט ברעזענטן. דער רעגן האָט אָבער געגאָסן און געגאָסן. אַ טאָג, צוויי, דריי, און ווען עס האָט ענדלעך אויפגעהערט רעגענען און מ׳האָט אויפגעדעקט די ברעזענטן, האָט מען דערזען נישט קיין פויגלדיק בילד: די באַרן זענען געווען ווייס פון שימל און טיילווייז פאַרפוילט.

מיין פאָטער איז געוואָרן פאַרצווייפלט: עס איז גראָד געווען אַ שלעכט יאָר אין אַלגעמיין, און דאָ איז די גאַנצע סחורה געוואָרן כמעט ווי אויף אַרויסצואוואַרפן.

— וואָס טוט מען? אויב יענער סוחר וועט די סחורה נישט אַרונטער־נעמען אין וואַרשע, וועט מיין פאָטער נאָך באַדאַרפן דערלייגן די הוצאות, וואָס עס וועט באַטרעפן דאָס איבערשיקן די „שיינע״ סחורה.

— אויב דו האָסט שוין ריזיקירט מיט אַזוי פיל אַרבעט, שטעל איין אויך די הוצאות — האָט אים געראָטן מיין מוטער און ער האָט זי געפאָלגט.

נאָכדעם ווי מיין פאָטער האָט אָוועקגעשיקט די סחורה, האָט ער אומ־געדולדיק געוואַרט אויף אַ ידיעה פון וואַרשע, צי האָט דער סוחר אַראָפּ־גענומען די סחורה אָדער ער האָט זי געלאָזט אויף הפקר.

ענדלעך איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון וואַרשע... מיין פאָטער האָט געטראַכט אַז דאָס מאָנט מען מסתמא „כראָניעניע״ געלט, ד״ה פאַר היטן די פאַרפוילטע באַרן ביים וואָקזאַל. (דאָס פלעגט פאַסירן גאַנץ אָפט, ווען אַ סוחר פלעגט וועלן אָפּדינגען פאַר קערבלעך, נאָכדעם ווי די סחורה איז אים כלומרשט נישט געפעלן). די טעלעגראַמע האָט זיך געלייענט אַזוי: שיקט אַרויס נאָך אַ וואַגאָן, אַפילו אויב אַ העכערער פרייז״...

מיט אַ צייט שפּעטער איז יענער סוחר געקומען צו אונדז, און ער האָט דערציילט, אַז ער האָט געמאַכט אַ סך פּראָפיט אין די פאַרפוילטע באַרן, ווייל עס איז גראָד געווען צו יענער צייט אַ גרויסער מאַנגל אין געטריקנטע פּרוכטן. און ער איז געווען דער איינציקער אויפן מאַרק מיט די פאַר־פוילטע, פאַרשימלטע באַרן...

פאַרמאַכט די בריק . . .

אַלס יונג מיידל פלעג איך פון צייט צו צייט פאָרן קיין אטיק צו מיין טאַנטע.

אטיק איז געווען פונקט אַזוי „גרויס" ווי אישיצע, מיין שטעטל. עס האָט אָבער געהאַט בשכינות מאָהילעוו, אַ גרעסערע שטאָט מיט אַ פּאָר „אילוזיאָנען" (מואווים), אַ טעאַטער און אַזוי ווייטער.

אויך ביי דער טאַנטע אין הויז איז געווען פריילעך; עס זענען דאָרט געווען זיבן קינדער, פינף פון זיי גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס!

עס איז געווען אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען איך בין געווען אין אטיק, און אין איינעם אַ טאָג האָב איך זיך אַריבערגעשיפט קיין מאָהילעוו, כדי צו גיין אין אַ מואווי.

גייענדיק איבער דער וולאַדימירסקער גאַס, האָב איך געהערט ווי אַ מאַן האָט געזאָגט צו אַ צווייטען: „מ'זאָגט, אַז מען וועט היינט פאַרמאַכן די בריק".

איך האָב געמיינט, אַז עס איז נישט וויכטיק. איך גיי נישט מיט דער בריק סיי ווי, נאָר איך שיף זיך אַריבער מיט אַ שיפל, וואָס קאָסט דריי קאָפּיקעס, טאָ וואָס גייט עס מיך אָן די בריק, צי זי איז אָפן אָדער פאַרמאַכט!

איך האָב זיך געאיילט זען דאָס בילד „וואָסקרעסעניע", פון טאָלסטאָי, וואָס איז געווען צו יענער צייט זייער פּאָפּולער.

איך האָב דאָן נאָר וואָס געהאַט איבערגעלייענט דעם ראָמאַן, וועלכער האָט געמאַכט אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק.

איך האָב, אַלזאָ, געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון דער מואווי, אָבער אַרויסקומענדיק צוריק אויפן גאַס, האָב איך געהאַט אַ גרויסע איבעראַשונג. קיין איינציק שיפל איז ביים ברעג נישט געווען, און די גאַנצע בריק איז געווען באַוואַכט פון סאָלדאַטן.

איך בין געבליבן שטיין אַ צעטומלטע. וואָס טוט מען? וואוהין גייט מען?

איך בין אין אַ פרעמדער שטאָט, און האָב נישט מער ווי פינף און אַכציק קאָפּיקעס אין בייטעלע. וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך?

נאָך אַ סך טראַכטן האָב איך זיך דערמאָנט, אַז דאָ נישט ווייט געפינט זיך אַ באַקאַנטער סוחר וואָס פלעגט קומען צו מיין פאָטער יעדן האַרבסט, און איך בין אַוועק צו אים.

דער סוחר און זיין פרוי האָבן מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען: „איר זענט נישט אין אַ וואַלד, איר וועט, חלילה, נישט פאַרפאַלן ווערן, נעכטיקט איבער ביי אונדז, באַרואיקט זיך, נאָכדעם וועלן מיר זען וואָס צו טאָן!" — האָבן זיי צו מיר גערעדט, אָבער איך בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן!...

עס זענען פאַריבער אייניקע טעג און מיר האָבן אויסגעפונען, אַז די אַטיקער גימנאַזיסטן און גימנאַזיסטקעס איז דערלויבט צו גיין איבער דער בריק, אָבער זיי מוזן האָבן אַ „פּראָפּוסק" פון גימנאַזיע.

איך האָב וועגן דעם געשריבן צו מיין טאַנטע און האָב געשיקט מיין אַדרעס. און אין אַ שיינעם טאָג זענען געקומען מיינע צוויי קוזינעס גימנאַזיסטקעס און זיי האָבן מיר געבראַכט אַ ברוין קליידל מיט אַ שוואַרצן פאַרטוך און עטלעכע ביכער און האָבן מיך גערופן גיין מיט זיי!

„וואָס וועל איך טאָן ווען מ'וועט מיך פרעגן וועגן אַ פּראָפּוסק" — פרעג איך זיי.

„וועסט זאָגן, אַז דו האָסט אים פאַרלוירן" — ענטפערן זיי און גיבן צו, אַז פיל מאָל פרעגן זיי אַפילו נישט אויף קיין פּראָפּוסק; „עס איז גענוג, וואָס מען טראָגט אַ גימנאַזיסטישע פאָרמע און עטלעכע ביכער, און זיי מיינען אַז דו ביסט אַ גימנאַזיסטקע!"

איך האָב מיט ציטערדיקע הענט און זייער קלאַפּנדיק האַרץ זיך אויסגעפּוצט אין דעם ברוינעם קליידל מיטן שוואַרצן פאַרטוך און אין איין שרעק זיך געלאָזט מיט די צוויי מיידלעך אין וועג אַריין.

די בריק איז אַ לאַנגע, און איבער דער גאַנצער לענג שטייען סאָלדאַטן. איך שפּאַן איבער דער בריק און הער דעם „טיק־טאַק" פון מיין האַרץ!

אָט לאָזט זיך צו מיר צו איינער פון די וועכטער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט פאַרן פּראָפּוסק... איך עפן אַ בוך, איך האַלט אים, דאַכט זיך איבערגעקערט, „מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף", אָבער איך פאַרטיף זיך אין אים מיט טיפן ערנסט, מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק...

ער וואַרט, אָבער איך קוק זיך נישט אום אויף אים. נאָר איך נעם מישן און זוכן און שפּאַציר זיך דווקא זייער לאַנגזאַם, נישט איבערגע־

ראַשט... און אַט בלייב איך שטיין און נעם מיט אַן אומגעדולד און אויפרעגונג אַזוי שטאַרק מישן די בלעטלעך פונעם בוך, אַז זיי רייסן זיך אונטער מיינע נערוועזע פינגער... איך האָב מיין ביטער האַרץ אויס־געלאָזט צו די בלעטלעך פון אומשולדיקן בוך! דעם סאָלדאַט האָב איך איגנאָרירט; עס זאָל הייסן: „וואָס דולסטו מיר אַ ספּאָדעק מיטן פּראָפּוסק, בעת איך בין אַזוי פאַרטיפט אין אַ זייער וויכטיקן פּראָבלעם!"

דער סאָלדאַט האָט אַראָפּגעלאָזט די אויסגעשטרעקטע האַנט, אַ געניץ געטאָן אַ לאַנגן אויסגעצויגענעם געניץ און האָט זיך געלאָזט צו אַ פּאָר גימנאַזיסטן וואָס זענען געגאַנגען הינטער מיר.

איך בין אַריבער די בריק בשלום!

אָבער ווען איך בין אַריין אין הויז פון מיין טאַנטע, האָב איך צוזאַמענ־געבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין!...

עס איז געווען פאַר מיר, אַ יונג קינד, זייער אַ שווערע, אָנגעשטרענגטע ראָל דורכצופירן! אַהיים קיין אישיצע האָב איך שוין נישט געקאָנט פאָרן מיטן געוויינלעכן וועג, נאָר איך האָב געמוזט פאָרן דורך פאַרשידענע בעסאַראַביער שטעט און שטעטלעך און אָנשטאָט עטלעכע שעה, האָט דער וועג גענומען אַריבער אַ וואָך צייט. אָנשטאָט מיטן באַן אָדער פּאַראָכאָד, בין איך געפאָרן מיט פערד וועלכע האָבן זיך געשלעפּט אין בעסאַראַביער געדיכטע, טיפע בלאָטעס זייער לאַנגזאַם.

נאָכדעם ווי איך בין אַהיימגעקומען, איז דער דניעסטער אינגאַנצן פאַרמאַכט געוואָרן. עס האָט זיך דאָרט באַזעצט רומעניע און עס זענען פאַרביי יאָרן און מ'האָט גאָרנישט געהערט, גאָרנישט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אויף דער אַנדערער זייט דניעסטער!...

קרופּיצקי און מאַרוסיאַ...

וואַניאַ קרופּיצקי איז געווען אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער, העלדישער בחור, אַן אינטעליגענט.

ער איז געווען אַ שרייבער אין דער „אופּראַווע" און האָט אויך געקענט שפּילן פידל.

וואַניאַ פלעגט אַריינקומען אין בופעט צו די שוועסטער מאַלצי און שרהצי, וועלכע זענען געווען שיינהייטן, די שענסטע צוויי מיידלעך אין שטעטל.

די צוויי שוועסטער זענען געווען מיינע חברטעס, פלעג איך אויך זיין אַ כמעט שטענדיקער „קונה" אין בופעט.

וואַניאַ פלעגט אַריינקומען קויפן פּאַפּיראָסן, אָדער טרינקען סעלצער־וואַסער. עס איז אָבער געווען קענטיק, אַז ער איז מער געקומען צוליב די מיידלעך, ווי צוליב עפּעס אַנדערש. ער פלעגט שטונדן לאַנג זיצן אין בופעט און פאַרברענגען אין אַ געמיטלעכן שמועס מיט אונדז מיידלעך.

ווי פילע אינטעליגענטע קריסטן, פלעגט וואַניאַ זאָגן, אַז ער וועט הייראַטן מיט אַ יידישער מיידל; אַז יידישע מיידלעך זענען שענער, קליגער פון די קריסטלעכע און אַזוי ווייטער.

אין צייט פון דער רעוואָלוציע איז וואַניאַ קרופּיצקי געווען אַ סאָלדאַט אין „דראַגונסקי פּאָלק", וועלכער איז געשטאַנען אין פּעטראַגראַד, און ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער, נאַטירלעך, געהאַט צו דערציילן אַ וועלט מיט אינטערעסאַנטע, פאַרכאַפּנדיקע איבערלעבונגען.

קרופּיצקי איז דערפאַר ביי אונדז מיידלעך נאָך מער אויסגעוואַקסן אין די אויגן.

מיר האָבן אָבער אויף קיין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ קריסט און מער ווי פאַרברענגען מיט אים אין בופעט ביי אַ גלעזל סעלצער־וואַסער, האָבן מיר זיך נישט דערלויבט.

קרופּיצקי פלעגט אונדז צומאָל געבן אָנצוהערן וועגן גיין פאַר אַ שפּאַציר, אָבער מיר פלעגן זיך מאַכן נישט ווויסנדיק.

נישט ווייט פון אונדז האָט געוואוינט אַ פּויער, דעמיאַן, וועלכער איז געווען שטאַרק רייך, און ער האָט געהאַט אַ טאָכטער מאַרוסיאַ. מאַרוסיאַ איז געווען קליין־געוויקסיק, שטאַרק פעט, מיט רויטע באַקן און אַ „בעז־גראַמאָטנע", פּשוט נישט געקענט אַפילו אונטערשרייבן איר נאָמען. איינמאָל ווען איך בין, ווי געוויינלעך, אַריינגעקומען צו מיינע חברטעס אין בופעט, זענען זיי גראַד נישט געווען און נתן, זייער פאָטער, האָט מיך געפרעגט: „איז עס אמת, אַז קרופּיצקי האָט חתונה געהאַט מיט דיין שכנה, דעמיאַנס טאָכטער?"

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, און ער שמייכלט — „אויך איך האָב עס נישט געוואָלט גלויבן, אָבער אַזוי זאָגט מען". דערווייל זענען אַריינגעקומען די קינדער, און זיי פרעגן מיך די זעלבע פראַגע: איז עס אמת, אַז וואַניאַ האָט חתונה געהאַט מיט דער גראָבער מאַרוסיאַ? איך ווייס נישט — ענטפער איך, און איך גיב צו: מאַרוסיאַ קומט צו אונדז גאַנץ אָפט איינקויפן, וועל איך זי פרעגן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז טאַקע מאַרוסיאַ געקומען צו אונדז אין קראָם עפּעס קויפן

— איז עס אמת, אַז עס קומט דיך צו גראַטולירן? — פרעג איך זי.

— יאָ, מיר גייען חתונה האָבן קומענדע וואָך — ענטפערט זי, און לאַכט זיך פונאַנדער.

„כאַ—כאַ—כאַאַאַ!" — אַלע וואונדערן זיך, אַלע פרעגן מיך צי עס איז אמת, אַז קרופּיצקי וויל מיט מיר חתונה האָבן".

— איך האָב געהערט, אַז איר האָט שוין חתונה געהאַט — זאָג איך. מאַרוסיאַ איז אַ באַריידעוודיקע, זי רעדט אַ סך, און גיך, גיך.

— ניין, מיר האָבן נאָך נישט חתונה געהאַט, נאָר מיר גרייטן זיך צו דער חתונה וואָס וועט פאָרקומען נעקסטן זונטיק. וואַניאַ קומט צו מיר יעדן אָוונט „באַ וועטשערניצו" שוין פאַר די לעצטע צוויי חדשים. ער זאָגט, אַז ער גייט שוין נישט אין בופעט צו די יידישע מיידלעך וואָס האַלטן זיך גרויס קעגן אים (דאָס איז געווען אמת, ער איז טאַקע נישט געקומען מער אין בופעט).

מיין מוטער קאָכט פאַר אים וואַרעניקעס יעדן אָוונט און מיין פאָטער איז אים מכבד מיט בראָנפן, אַזוי, אַז ער ווערט גאַנץ אָפּט שיכור, כאַ—כאַ! שיין איז געווען ווען ער האָט זיך מיר דערקלערט אין ליבע. עס איז געווען נאָכדעם ווי מיין מוטער האָט אים מכבד געווען מיט אַ פולער שיסל וואַרעניקעס, און מיין פאָטער — מיט אַ פלאַש בראָנפן... ער האָט מיך אַרויסגערופן אין סאַד פאַר אַ שפּאַציר, און זאָגט מיר אַ שיכּורער, פאַלנדיק פון די פיס: „מאַרוסיאַ, אפשר ווילט איר מיט מיר חתונה האָבן?"

אויב איר ווילט, וויל איך טויזנט מאָל מער! — האָב איך געענטפערט.

קרופּיצקי האָט טאַקע חתונה געהאַט זונטיק מיט מאַרוסיאַן, אָבער מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָבן זיי זיך געגט.

איוואַן און מיכאַילאַ

איוואַן און מיכאַילאַ זענען געווען אונדזערע לאַנגיאָריקע אַרבעטער אין מאַגאַזין.

איוואַר איז געווען זייער אַן אַרבעטסזאַמער, אַ שטילער. מיכאַילאַ איז געווען אַ... דערציילער. ער פלעגט נישט ליב האָבן צו אַרבעטן, נאָר האַלטן אין איין דערציילן אַ וועלט מיט מעשיות פון נישט געשטויגן, נישט געפלויגן (גערעכטן אין מיר, ווייזט אויס...).

עלף אַזייגער אינדערפרי פלעגן שוין זייערע ווייבער ברענגען דעם „אָביעד" (מיטאָג), וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ באָרשט מיט מאַמעליגע, פלייש און פאַסאָליעס. די מאכלים פלעגן שמעקן געשמאַק, און וועקן דעם אַפּעטיט, אַפילו ביי מיר, וואָס האָב נישט געאַרבעט.ביידע פרויען

פלעגן טראָגן די טעפּ אין אַ לאַנגער פאַטשיילע, וועלכע זיי פלעגן פאַרבינדן ביי די עקן. זיי פלעגן טראָגן די פאַטשיילע ביי די קנופּן, און דער טאָפּ מיט באָרשט איז זיך געמיטלעך געהאַנגען אין דער פאַטשיילע, זיך געהוידעט, אָבער קיין טראָפּן האָט זיך נישט פאַרגאָסן, דעם גאַנצן וועג וואָס זיי האָבן אים געטראָגן, און נישט נאָס געמאַכט די פאַטשיילע!

איוואַן און מיכאַילאָ פלעגן זיך אַוועקזעצן אויף אַ קעסטל און זיך נעמען צו דער אכילה. מיט די הילצערנע לעפל האָבן זיי געשעפּט דעם באָרשט פון די טעפּ און זיך געלאָזט הערן. אויך ביידע ווייבער פלעגן זיך אַוועקזעצן אויף אַ קעסטל און דערציילן איינע דער אַנדערער רכילות, וועגן שכנים „קומעס" און אַנדערע: אַז סטיפּאַן האָט זיך אָנגעשיכורט און געשלאָגן דאָס ווייב און די קינדער האָבן געוויינט, — אַז די עלטערע שיקסל סטעפּאַנידאַ האָט זיך „פאַרדרייט מיט אַ מאָסקאַל" (סאָלדאַט) און זי גייט האָבן אַ קינד, אָבער דער סאָלדאַט (ווי די מאָדע איז) איז נעלם געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין!... — אַז ביי מאַריאַנען האָט זיך געקעלבט די רויטע קו, אאַ"וו.

די מענער האָבן גערעדט וועגן וויכטיקערע ענינים, זיי האָבן גערעדט פון פּאָליטיק. מיכאַילאָ האָט דערציילט, אַז זיינער אַ שכן האָט אַ זון אין דער אַרמיי, וועלכער איז לעצטנס אַהיימגעקומען אין „אָטפּוסק (אורלויב), האָט ער דערציילט, אַז ער האָט אַליין געזען מיט זיינע אויגן ווי... קעניג ווילהעלם מיטן צאַר ניקאָלאַי דעם צווייטן, וועלכע שלאָגן זיך אויך אין דער אַרמיי, האָבן זיך צופעליק באַגעגנט אויפן פראָנט, און זיי האָבן זיך מיט גרויס רציחה געוואָרפן איינער אויפן צווייטן, זיך פאַרטשעפּעט מיט די שאַשקעס, אַז מ'האָט זיי קוים מיט צרות פונאַנדערגעטיילט... ווען נישט די סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך אַריינגעמישט או זיי פונאַנדערגענומען, וואָלטן זיך די צוויי קיסרים געהרגעט אויף טויט! (און די וועלט וואָלט געבליבן ווי אַ בער אָן אַן עק!...)

ביידע ווייבער נעמען צונויף די פּאָר טעפּלעך און לעפל און גייען אַהיים.

רחל און פּיוול . . .

ער — פּיוול קאַרמאַנער, זי — רחל משה אברהמס. אַזוי האָט מען גערופן דאָס פּאָרל, וואָס פלעגן באַשיינען כמעט אַלע איש־צער חתונות מיט זייער טאַנצן. פּיוול, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט שוואַרצע וואָנצעלעך, רחל, אַ בלאָנדע, בלוי־אויגיקע, אַ צאַרטע און בויגעוודיקע, מיט שטילע צניעותדיקע באַוועגונגען.

ווען רחל און פּיווול זענען געווען אויף אַ חתונה, זענען אַלע געסט געווען אין אַ פריילעכער שטימונג, מ׳האָט געוואוסט, אַז מען וועט הנאה האָבן פון זייער טאַנצן אַ וואַלס, און אַפילו די מוזיקאַנטן פלעגן ווערן פריילעכער, ווען זיי האָבן דערזען דאָס פּאָרל. זיי פלעגן שפּילן אַ סך בעסער ווען פּיווול מיט רחלען האָבן געטאַנצט, און נישט נאָר בעסער, נאָר פיל לענגער. דער וואַלס וואָס זיי פלעגן שפּילן פאַרן פּאָרל פלעגט געדויערן צוויי מאָל אָדער דריי מאָל אַזוי פיל ווי ווען זיי פלעגן שפּילן פאַר עמיצן אַנדערש.

דאָס פּאָרל פלעגט ווי די פויגלען שוועבן אין דער לופטן, און די מוזיק האָט געקלונגען אויסערגעוויינלעך זיס, די קלעזמער פלעגט זיך נישט וועלן אויפהערן שפּילן.

כמעט יעדער איינער וואָס פלעגט חתונה מאַכן אַ קינד, נאָענטע צי ווייטע פריינט פון דעם פּאָרל — האָט זיי איינגעלאַדן; מ׳האָט געוואָלט באַשיינען די שמחה, אַמוזירן די מחותנים.

ווען איך זע איצט אַמאָל מואווי־טענצער, דערמאָן איך זיך אין יענעם פּאָרל, און עס שטעלט זיך מיר די פראַגע: וואו האָבן זיי דאָן גענומען זייער קונסט, געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ קליין דערפל, נעבן דניעסטער, וואו עס האָבן געוואוינט אַרום זעקס־אַכט יידישע פאַמיליעס, קיינמאָל אין ערגעץ נישט געפאָרן, גאָרנישט געזען, וואו האָבן זיי זיך אויסגעלערנט באַצויבערן הונדערטער מענטשן?!

פרעגט איין מיידל אַ צווייטער: „ביסט געלאַדן צו רבקה חיה רחלס אויף דער חתונה? פּיווול קאַרמאַנער און רחל משה אברהמס וועלן דאָרט זיין״. און דאָס איז גענוג, אַז דאָס מיידל זאָל שוין נעכט נישט שלאָפן, וואַרטנדיק אומגעדולדיק אויף דעם חתונה־בילעט. אויב אָבער עס איז פאָרט קיין בילעט נישט אָנגעקומען, איז אויך קיין אומגליק נישט: מ׳איז געגאַנגען אומגעבעטן, ווי אַ „קוקער!״.

מ׳פלעגט זיך אָנלויפן אין שאַלאַש „קאָפּ אויף קאָפּ״, מ׳פלעגט זיך אָנטרעטן אויף די פיס, אויף די „הינער־אויגן״ און קליינע קינדער זענען געווען איינגעשטעלט מיט זייערע לעבנס, מ׳האָט זיי שיער נישט צוטראָטן אויף טויט. אַזוי אָנציענד וואונדערלעך איז געווען דאָס טאַנצנדיקע פּאָרל, פון דערפל קאַרמאַן, ביים ברעג פון דעם דניעסטער.

מען האָט געמיינט, אַז זיי וועלן מסתמא חתונה האָבן, דאָס טאַנצנדיקע פּאָרל, רחל מיט פּיווולען, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן צוזאַמען בשכנות אַ טיר נעבן אַ טיר, אָבער מ׳האָט געמאַכט אַ טעות.

רחל האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער בחור.

— ווי קומט עס, וואָס זי האָט נישט געהייראַט מיט פּיוולען? — האָט מען זיך געוואונדערט.

— ווייל רחל האָט אַ רייכן טאַטן, וואָס גיט איר, זיין איינציקער טאָכטער, אַ פּאָר טויזנט קערבלעך נדן, בעת פּיוול איז אַן אָרעמער בחור, אָן אַ באַשעפטיקונג, וואָס חוץ לייענען ביכער און טאַנצן קען ער גאָרנישט, און דאָס לעבן איז נישט קיין טאַנץ — האָט עמעצער פילאָסאָפירט.

רחל האָט געהייראַט מיט אַ פאַרמעגלעכן בחור פון אַן אַנדער שטעטל.

מיט וועמען פּיוול האָט געטאַנצט נאָך רחלס חתונה, געדענק איך שוין נישט, מעגליך אַז ער האָט אינגאַנצן אויפגעגעבן דאָס טאַנצן.

די „טשיטאַלניע״

בשכנות מיט אונדזער הויז איז געשטאַנען אַ קליין, איינגעהויקערט שטיבעלע, די סטעליע איז דאָרטן געווען זייער נידעריק, ממש געהאַנגען איבערן קאָפּ, דער דיל איז באַשטאַנען פון לויטער גריבער, און סיי פון דער סטעליע סיי פון די ווענט פלעגן פון צייט צו צייט פאַלן שטיקער.

אין אָט דעם אַלטן, פאַרלאָזענעם שטיבעלע, האָבן אַמאָל געוואוינט מיין זיידע־באָבע. אין אָט־דעם שטיבל, האָב איך קינדוייז שטאַרק ליב געהאַט זיך צו שפּילן. איך פלעג זיך פאַרקלייבן אַהין אויף לאַנגע שעהן, זיך פאָרשטעלן אין מיין פאַנטאַזיע, אַז איך בין אַ באַלעבאָסטע, איך קאָך אָנבייסן, באַק ברויט, וואַש וועש און דאָס גלייכן. מיין מוטער פלעגט מיך וואָרענען איך זאָל נישט גיין אין דעם שטיבל, ווייל עס קען דאָרט אַמאָל אַרונטערפאַלן אויף מיר אַ שטיק וואַנט, אָבער ווען זי האָט נישט געזען, בין איך ווידער געוואָרן אַ „באַלעבאָסטע״ אין שטיבל.

איינמאָל זענען צו אונדז געקומען אַ פּאָר אינטעליגענטע בחורים און מיידלעך און זיי פרעגן מיין פאָטער צי וויל ער פאַרדינגען דאָס שטיבל פאַר אַ ביבליאָטעק (אָדער „טשיטאַלניע״). מיין פאָטער האָט זיי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט: — עס איז דען אַ שטיבל? עס איז דאָך אַ חורבה! — האָט ער געענטפערט, און אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— לאָמיר עס פאַר טשיקאַוועסט אָנקוקן! — שלאָגט פאָר איינער פון די בחורים.

— איך האָב מורא, עס זאָל, חלילה, נישט אַרונטערפאַלן אויף עמיצן אַ שטיק סטעליע — האָט געזאָגט מיין פאָטער. זיי אָבער גייען אַריין און באַטראַכטן דאָס שטיבל, ווי דאָקטוירים באַטראַכטן אַ חולה מסוכן.

ענדלעך זאָגט איינער פון זיי צו מיין פאָטער: „מיר דאַרפן נישט קיין פּאַלאַץ. מיר זוכן נאָר אַ מקום מנוחה, וואו מיר זאָלן קענען פאַרברענגען אַ פּאָר שעה אין אָוונט, און לייענען אַ בוך אָדער אַ צייטונג. אַלזאָ, וויפל ווילט איר, שפירא? — איר דענקט, אַז עס איז שוין גאָרנישט געבליבן אויף דער סטעליע אַרונטערצופאַלן, פרעגט מיין פאָטער, און ער גיט צו: „ווער וויל דען ביי אייך געצאָלט? איך וועל זיין צופרידן, אַז איר וועט נישט וועלן איך זאָל אייך עפּעס צוצאָלן!

אַלע לאַכן זיך פונאַנדער און דער טאַטע זאָגט זיי צו אַריינצושיקן איוואַנען (אונדזער לאַנג־יאָריקן אַרבעטער) ער זאָל אויסקערן דאָס שפּינ־וועבס, אויספּילן די לעבער פון דיל מיט ליים און אויסווישן די פענצטער.

און איך וועל אויפהענגען פאָרהענגלעך אויף די פענצטער, און פאַר־שפּרייטן דעם דיל מיט וואָרעטקעלעך — כאַפּט אונטער די מאַמע, מיט גרויס ענטוזיאַזם און גיט צו:

— מיר וועלן אויספּוצן דאָס שטיבעלע אַזוי שיין, אַז איר וועט עס נישט דערקענען.

די חברה איז שטאַרק צופרידן, סיי פון דעם וואָס זיי קריגן דאָס שטיבל אומזיסט, סיי פון דעם וואָס מיינע טאַטע־מאַמע זאָגן אַזוי פיל צו בייצוטראָגן.

אין מיטן דערינען גיט איינער אַ זאָג: „וואָס וועט זיין אויב עס וועט אונדז דערזען אַ גאָראָדאָוואָי?"

אַלע בלייבן שטיל, קענטיק אין גרויס פאַרלעגנהייט. רחל גאָלדמאַן גיט אַ זיפץ און זאָגט:

— מ'וועט אונדז אַרעסטירן אַלס סאָציאַליסטן!

— אפשר וואָלטן מיר געפּרוווט אַרויסקריגן אַ דערלויבעניש — שלאָגט פאָר בראָנשטיין, דער אַפּטייקער.

— דאָס קען מען נישט קריגן פאַר קיין געלט, מ'קען נאָך ערגער מאַכן: מ'וועט האַלטן אויף אונדז אַן אויג — ענטפערט לייב שניידער.

אַלע בלייבן ווידער שטיל.

— מ'דאַרף נישט קיין „ראַזרעשעניע" (דערלויבעניש), קיינעם וועט נישט איינפאַלן אַז מענטשן קומען זיך צונויף אין אַזאַ חורבה — האָט געזאָגט ישראל אברהם מאָרדער, און צוגעגעבן: — טראָגט צונויף די ביכער און צייטונגען, ווער וויפל עס האָט, און עס וועט זיין גוט!

אַלע שטימען צו צו ישראל אברהמס פאָרשלאָג, ווייל אַלע רעספּעקטירן אים ווילסנדיק, אַז ער איז זייער אַן אָרעמער און דאָך שטודירט ער אין אָדעס אויף אינזשינער. די חברה בחורים און מיידלעך זענען זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען אין אַ פרייידיקער שטימונג.

אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך אַריינגעקומען אין שטיבעלע, און איך בין איבעראַשט געוואָרן פון דער ענדערונג וואָס איז דאָרטן פאָרגעקומען. איך האָב דאָס שטיבל נישט דערקענט: די ווענט זענען געווען אויסגעווייסט מיט קאַלך, און עס זענען אויף זיי געהאָנגען בילדער פון באַרימטע שרייבער. די פענצטער האָבן געשיינט פון ריינקייט און עס זענען אויף זיי געהאָנגען אויסגענייטע פאָרהענגלעך. דער דיל — פאַרשפּרייט מיט וואָרעטקעלעך, אין מיטן איז געשטאַנען אַ טיש — און אויפן טיש אַ וואַזע מיט פרישע רויזן.

כאָטש איך האָב נאָך דאַן נישט געוואוסט, קיין דמיון נישט געהאַט וואָס עס מיינט לייענען, נישט געוואוסט פון טעם פאַרכישופט צו ווערן פון אַן אינטערעסאַנט בוך האָט מיין קינדיש הערצל אויפגעציטערט פון באַגייסטערונג, עפּעס איז מיר דער עניין געוואָרן שטאַרק צום האַרצן, ווי איך וואָלט איצט דערזען פאַר מיינע אויגן דאָס אויפגעלעבטע, פאַרפּוצטע שטיבעלע, ווי איך וואָלט איצט דערפילט אויף אַ מאָמענט די פרייד וואָס מיין יונג הערצל האָט דאַן איבערגעלעבט!

אין אָוונט האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען די יונגע בחורים און מיידלעך. זיי האָבן אָנגעבראַכט פאַרשיידענע צייטונגען און ביכער.

מיין מוטער האָט זיך אויסגעפּוצט אין אַ קלייד וואָס זי טראָגט נאָר ווען זי גייט צו גאַסט און מיין פאָטער האָט זי געגעבן אָנצוטאָן דאָס ווייסע רעקל, און זי האָט אים כמעט מיט גוואַלד אָוועקגעזעצט אויף אַ בענק און אונטערגעשוירן, אויסגעגלייכט די באָרד. מיך האָט זי אויסגעפּוצט אין אַ ווייס קליידעלע, און פאַרפלאָכטן צווי צעפּ מיט רויטע סטענגעס, אַט וואָס עס האָט זיך ביי אונדז אָפּגעטאָן צוליב דער „טשיטאַלניע"!

יעדן אָוונט פלעג איך וואַרטן אומגעדולדיק עס זאָל ווערן נאַכט און מיין מוטער זאָל אַריינגיין אין קליינעם שטיבעלע אָנגיסן גאַז אין לאָמפּ, און אויסווישן דאָס גלעזל, וואָס זי פלעגט טאָן זייער גערן, קענטיק, אַז עס איז איר שטאַרק געפעלן דאָס וואָס דאָס פאַרלאָזענע שטיבל איז מיט אַמאָל אַזוי אויפגעריכט און דערהויבן געוואָרן.

יעדן אָוונט פלעגן זיך פאַרזאַמלען יונגע מיידלעך און בחורים. זיי האָבן געלייענט, ווער אַ בוך, ווער אַ צייטונג. פון צייט צו צייט פלעגן פאָרקומען דיסקוסיעס וועגן פאַרשידענע ענינים. חברה האָט זיך געקאָכט, אַריין איינער אין דעם אַנדערנס רייד, גערעדט אַלע צוזאַמען און עס איז געווען אַ גרויסער יום־טוב.

איך פלעג זיצן אין אַ ווינקעלע און שטאַרק מקנא זיין די דערוואַקסענע, וואָס קענען לייענען. אָך, ווי עס האָט זיך מיר געוואָלט, אַז עס זאָל געשען מיט מיר אַ נס, און איך זאָל מיט אַמאָל אויסוואַקסן אַ גרויסע! מיין מוטער

פלעגט מיך נישט קענען אַהיימנעמען שלאָפן, ביז אַלע זענען זיך נישט צעגאַנגען, און מ׳האָט פאַרלאָשן דעם לאָמפּ.

איינמאָל אין אָוונט, ווען יונגוואַרג איז ווי געוויינלעך געזעסן און געמיטלעך אַריינגעקוקט, ווער אין אַ בוך, ווער אין אַ צייטונג, איז אַריינ־געקומען אַ בחור און ער האָט שטיל אַ זאָג געטאָן: „איך האָב געזען ביים טויער אַ גאָראָדאָוואָי״ (פּאָליציי־מאַן). אַלע האָבן אויפגעהויבן די קעפּ. מיין פאָטער, וועלכער איז אויך געזעסן און געלייענט אַ צייטונג, האָט זיך דערשראָקן איבערגעקוקט מיט אַלע, און זיין פּנים איז געוואָרן ווייס ווי קרייד. ער האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל, אַ סימן עס זאָל זיין שטיל און שנעל פאַרלאָשן דעם לאָמפּ. אַן אומהיימלעכע שטילקייט האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן פינצטערן שטיבל.

איך בין געזעסן אין מיין ווינקל און געהערט ווי מיין הערצל קלאַפּט: „טיק־טאַק־טאַק״. מען איז אַזוי געזעסן אַ היפּשע ווילע, נאָכדעם האָט מען זיך לאַנגזאַם, שטיל און איינציקווייז אַרויסגעשאַרט פון שטיבל.

* * *

אַ לאַנגע צייט נאָך יענעם טרויעריקן אָוונט האָבן זיך גאַנץ אָפּט געדרייט גאָראָדאָוואָיעס אַרום אונדזער הויז, און זיי האָבן געהאַלטן אַ שאַרף אויג אויפן פאַריתומטן שטיבל.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן וואָס מיין האַרץ האָט דאַן געפילט. איך פלעג פאַרבייגיין אין אָוונט און קוקן מיט טרערן אין די אויגן אויף די פּאָר פינצטערע שויבן. אויך בייטאָג פלעג איך אַריינגיין און קוקן מיט טיפער בענקשאַפט אויף די ערטער, וואו עס זענען געזעסן די יונגע מענטשן און האָבן געלייענט. עס איז געווען פאַר מיר ווי „חורבן בית המקדש״.

דער טעם פון בוך . . .

די לערערן פון דער שולע, וואו איך האָב געלערנט, איז געווען באַפריינדעט מיט מיין מוטער.

איינמאָל אין אַ פרייטאָג, ווען מיר קינדער האָבן זיך שוין געקליבן אַהיימצוגיין, האָט מיך די לערערן אָפּגעשטעלט און ווענדעט זיך צו מיר מיט די ווערטער:

— פרעג דיין מוטער צי איז זי וויליק מיר זאָלן האָבן מאָרגן ביי אייך אין הויז אַ פאַרלעזונג.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע איבעראַשונג: איין קלייניקייט, עס וועט זיך פאַרזאַמלען די גאַנצע שולע מיט קינדער ביי אונדז אין הויז.

איך בין אַהיימגעלאָפן (נישט געגאַנגען) מיט מיינער אַ חברטע און אַ פאַרסאָפּעטע, פאַרשוויצטע האָב איך זיך געווענדעט צו מיין מוטער בזה הלשון:

— מאַמע, די לערערן, מאַדאַם וועלטמאַן, האָט דיך געבעטן, דו זאָלסט פאַרלעזן... כ׳מיין — זי זאָל פאַרלעזן אין איר הויז... אין דיין הויז.

מיין מוטער האָט געקוקט אייף מיר און נישט געוואוסט וואָס איך וויל.

— באַרואיק זיך, וויש אָפּ דאָס פּנים, וואָס ביסטו אַזוי פאַרסאָפּעט און דערשוויצט, וואָס ווילסטו זאָגן? — האָט זי אָפּווישנדיק מיין פּנים מיט אַ האַנטוך געפרעגט.

מיין חברטע האָט גענומען דאָס וואָרט אין דער פראַגע. זי איז געווען פיל רואיקער פון מיר; ס׳האָט זיך דאָך געהאַנדלט וועגן מיין הויז. נישט וועגן אירן...

— די לערערן וויל, איר זאָלט דערלויבן אייער הויז פאַר די קינדער פון שולע; זי וויל עפּעס פאַרלעזן פאַר אונדז מאָרגן — האָט זי געזאָגט.

— טאָ רעדט זשע אַזוי! זאָל זי מיט זיי קומען, זיי וועלן זיין ביי מיר אָנגעלייגטע געסט! — ענטפערט מיין מוטער.

שבת זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אין שולע, און צוזאַמען מיט דער לערערן (דער לערערנס ברודער איז אויך געווען אַ לערער) מאַרשירט צו אונדז אַהיים.

איך וועל יענעם שבת קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

איך האָב געפילט, ווי איך בין מיט אַמאָל געוואָרן שטאַרק וויכטיק, דערהויבן געוואָרן. אַלע קינדער האָבן זיך גענומען פריינטלען צו מיר מער ווי שטענדיק; זיי האָבן מיט אַמאָל ווי געקראָגן גרויס דרך־ארץ פאַר מיר, מיך געשעצט אַ סך העכער ווי ביז אָט דער גרויסער געשעעניש.

די לערערן האָט אונדז אויסגעזעצט ווי נאָר ניט איז. וועמען — אויף אַ בענקל, וועמען — אויף אַ האַלבן בענקל, וועמען — אויף אַ קעסטל, וועמען — אויף אַ טישל און אַזוי ווייטער.

שטאַרק באַקוועם איז מען נישט געווען. אָבער מ׳האָט גרויס הנאה געהאַט טאַקע פון אָט דער אומבאַקוועמלעכקייט, וואָס איז געווען אַנדערש, נישט ווי טאָג־איין טאָג־אויס אין קלאַס.

די פאַרלעזונג איז געווען זייער אינטערעסאַנט — עס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס איך האָב געהערט לייענען אַ דערציילונג פון אַ זשורנאַל, נישט דאָס וואָס כ׳האָב ביז דערמאָלט געלייענט אין די געוויינלעכע לערן־ביכער.

ווען אַ פּאָר קינדער האָבן זיך נישט פאַרהאַלטן רואיק, האָט עס מיך שטאַרק פאַרדראָסן נאָך מער ווי די לערער.

נאָך דער פאַרלעזונג האָבן די לערער געהייסן די קינדער גיין שפּילן אין דרויסן. די קינדער זענען מיט פריילעכן טומל אַרויסגעלאָפן און גענומען שפּילן ווער אין פּילקע־באַל, ווער — אין באַהעלטעניש און אַזוי ווייטער.

איך בין צוגעגאַנגען צו דער לערערן און שעמעוודיק, אומגעוואַגט, שטיל געפרעגט: צי זי וועט מיר דערלויבן אַריינצוקוקן אין זשורנאַל.

— ביסט נאָך אַ קליין מיידעלע, וועסט נישט קענען לייענען — האָט זי געענטפערט מיט אַ מילדן שמייכל, גלעטנדיק מיינע האָר.

— איך וויל נישט לייענען, איך וויל נאָר קוקן אויף די מענטשעלעך — האָב איך געבעטן.

— גוט, נעם דאָס בוך, אָבער זאָלסט עס נישט צערייסן! — איך האָב געכאַפּט דאָס בוך און בין שנעל אַוועק, מורא־האָבנדיק די לערערן זאָל קיין חרטה נישט קריגן.

אין דרויסן איז געשטאַנען אַ גרויסע וואָג, אויף וועלכער מיין פאָטער פלעגט וועגן זעק מיט תבואה.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער וואָג און גענומען מישן די בלעטלעך, זוכן „מענטשעלעך".

צופעליק האָט זיך מיין בליק אָפּגעשטעלט אויף אַ קאַפּל פון אַ דער־ציילונג, איך האָב איבערגעלייענט אַ שורה, נאָך אַ שורה, אַ דריטע, אַ פערטע... איך פאַרשטיי יעדעס וואָרט! לייען איך ווייטער און ווייטער, אין די „מענטשעלעך" האָב איך שוין אינגאַנצן פאַרגעסן. איך לייען שנעל און שנעלער, עס גייט אַ גאַנג, איך פאַרשטיי כמעט יעדעס וואָרט אין אַ גאַנץ בלעטל! פון פריידיקער רעגונג האָט מיין האַרץ גענומען שטאַרק קלאַפּן; אַן אוצר האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט, אַ גייסטיקער אוצר!

איך האָב זשעדנע געשלונגען די שורות פון בוך, ווי אַ דאָרשטיקער — קאַלטע קוואַל־וואַסער.

אַרום מיר האָבן זיך צענדליקער קינדער געשפּילט, געטומלט, געשטיפט און געלאַכט, איך האָב גאָרנישט געהערט און גאָרנישט געזען, חוץ די שורות פון די בלעטלעך, וואָס האָבן געיאָגט פאַר מיינע אויגן, מיט אויסער־געוויינלעכער שנעלקייט!

מיט אַמאָל איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק: — וואָס וועל איך טאָן ווען די לערערן וועט וועלן אַהיימגיין, און מאָנען דאָס בוך? — אפשר זאָל איך זיך ערגעץ באַהאַלטן? אָבער וואו קען איך געפינען אַן אָרט וואו עס זענען נישטאָ קיין קינדער? זיי יאָגן אַרום אומעטום. איך האָב פאַרגעסן אין דער גאַנצער וועלט.

— חנהלע, וועסט אַ תל־מאַכן די אויגן לייענענדיק אין דער פינצטער

— האָט זיך צו מיר דערטראָגן ווי פון ווייטן אַ ווייכע, צאַרטע שטימע.

איך הויב אויף די אויגן, ס׳איז שוין טאַקע כמעט פינצטער... פאַר מיר שטייט אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער מאַן, מיט שוואַרצע, סאַמעטענע, מילדע אויגן...

— וואו זיינען די קינדער? וואו איז די לערערן? עס איז דאָך איר בוך — גיב איך זיך אַ כאַפּ ווי דערוואַכנדיק פון אַ חלום ערגעץ אין ווייטע וועלטן.

— דו ביסט געווען שטאַרק פאַרטיפט אין לייענען, האָט די לערערן נישט געוואָלט דיר איבערשלאָגן; וועסט איר ברענגען דאָס בוך אין קלאַס — ענטפערט מיין פאָטער.

איך האָב דאָן צום ערשטן מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון ליטעראַטור!...

דריי „טרעף״...

אַ שיין קינד, ציכטיק אָנגעטאָן און די בעסטע שילערן אין קלאַס איז געווען מישקע.

פון ערשטן טאָג וואָס איך האָב זי דערזען אין קלאַס האָט מיך צו איר געצויגן ווי מיט אַ מאַגנעט

איין מאָל, ווען מיר זענען אַהיימגעגאַנגען פון שולע, האָב איך געפרעגט מישקען צי וויל זי גיין מיט מיר צו אונדז אַהיים. מישקע האָט זיך דערפרייט און מיט גרויס פאַרגעניגן אָנגענומען מיין איינלאַדונג.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען צו אונדז אין הויז, האָט מיין מוטער, ווי געוויינלעך, זעענדיק ביי מיר אַ נייע חברטע, געפרעגט מישקען: „וועמענס ביסטו, מיידעלע?״

מישקע איז רויט געוואָרן און האָט שטיל געענטפערט: איציק וואַסער־פירערס״...

מיין מוטער האָט געוואָרפן אַ פיל־באַדייטנדיקן בליק צו מיין פאָטער און ווען מישקע איז אַהיימגעגאַנגען האָט זי זיך צו מיר געווענדעט בזה הלשון: „זאָג מיר, טאָכטער, צווישן אַזוי פיל קינדער, קיין עין הרע, האָסטו ניט געקאָנט אויסזוכן קיין בכבודיקערע חברטע ווי דעם וואַסער־טרעגערס מיידעלע?״

— אָבער, זי איז אַזאַ גוטע שילערן, לערנט בעסער פון אַלע קינדער, זי לערנט בעסער אַפילו פון מיר! — פּרוביר איך צו באַרעכטיקן מיין פריינטשאַפט מיט מישקען, אָבער מיין מוטער טענהט: „דו קענסט געפינען גענוג אַנדערע חברטעס, וואָס זענען אויך גוטע קינדער און לערנען זיך פלייסיק!״

איך טראַכט, אַז איך וועל מער מישקען צו אונדז נישט ברענגען, נאָר איך וועל... גיין צו איר!

אויפן צווייטן טאָג האָט מיך גראַד מישקע גערופן צו איר אַהיים, און איך בין גערן מיט איר מיטגעגאַנגען.

מישקע האָט געוואוינט אין אַ קליין שטיבעלע, וואָס האָט פאַרמאָגט נישט מער ווי צוויי צימערן: אַ שלאָף־צימער און אַ קיך. דאָס שטיבעלע איז אָבער געווען ריין און ציכטיק, און עס האָט ממש געשמעקט, געזונגען פון יעדן ווינקעלע!

דער דיל איז געווען פריש אָפּגעשמירט מיט ליים, די קליינע פענצ־טערלעך האָבן געשיינט ווי שפּיגלען, און עס זענען אויף זיי געהאָנגען שניי־ווייסע פאָרהענגלעך.

מישקעס מוטער האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלעך און איך האָב פאַרבראַכט דאָרטן אַ פּאָר שטונדן.

* * *

אין ביבליאָטעק, וואו איך פלעג נעמען ביכער, פלעג איך אָפט טרעפן מאַניאַ בערנשטיין, דעם שטאָט נגידס טאָכטער. איינמאָל האָט זי מיך געפרעגט צי איך בין באַקאַנט מיט איר יונגערער שוועסטער, בעלאַ.

איך האָב איר געענטפערט, אַז איך קען זי פון ווייטן.

— איך וואָלט זייער געוואָלט זאָלסט קומען צו איר, און איר זאָלט ווערן חברטעס! — האָט זי מיר פאָרגעשלאָגן.

איך בין אָבער נישט געווען פאַראינטערעסירט אין דער פריינטשאַפט מיט בעלאַן, ווייסנדיק פון אַנדערע, אַז זי איז אַ לייכטזיניקע, צובאַלעוועטע שטיפערקע.

מיט אַ צייט שפּעטער האָב איך באַגעגנט בעלאַן.

— מיין שוועסטער זאָגט, אַז דו לייענסט אַ סך ביכער, און דו ביסט אַ זייער וואויל מיידל, איז עס אמת?

אָט אַזוי האָט זיך צו מיר געווענדעט, אָן צערעמאָניעס, די רויט־האָריקע בעלא. (נאַטירלעך אין רוסיש, יידיש האָט מען, ווי די מאָדע איז, נישט גערעדט).

איך בין אין פאַרלעגנהייט פון אָט דער מאָדנער, אומדערוואַרטעטער פראַגע, אָבער איך ענטפער: „איך לייען ביכער, צי איז עס „אַ סך" ווייס איך נישט, און צי איך בין אַ וואוילע מיידל, ווייס איך אויך נישט, מעגלעך אַז יאָ".

בעלאַ לאַכט זיך פונאַנדער שטאַרק הויך, און זי גיט מיר דערביי אַ שטאַרקן קניפּ, אַזוי אַז איך פאַרקרים זיך פון ווייטאָג...

— איך וואָלט זייער געוואָלט זאָלסט קומען צו מיר, אָבער מאַניאַ זאָגט, אַז דו ביסט זייער אַ שטילע און שעמעוודיקע, וועל איך מאָרגן קומען צו דיר, און נאָכדעם וועסטו קומען צו מיר!

אַט אַזוי רעדט צו מיר בעלאַ, און איך ענטפער:

— עס וועט מיר זיין זייער אָנגענעם דיך צו זען — בעת איך פיל, אַז איך זאָג בפירוש אַ גרויסן ליגן; און פיל ממש ווי איך בין רויט געוואָרן.

אויפן צווייטן טאָג, צו דער באַשטימטער צייט, איז בעלאַ געקומען צו מיר. זי האָט זיך פאַרהאַלטן שטאַרק גוט־ברודעריש מיט מיינע עלטערן, זיך באַגריסט מיט דער האַנט און איך האָב געטראַכט, אַז מיר זענען נישט קיין גלייכע חברטעס: איך וועל נישט וואַגן זיך צו באַגריסן מיט אירע עלטערן, די נגידים, אַזוי גוט־ברודעריש ווי בעלאַ — מיט מיינע!...

אָבער מיין מוטער איז קענטיק שטאַרק צופרידן פון דעם „שידוך".

ווען מיר קומען אַריין אין מיין צימער, וויל בעלאַ זיך מיט מיר פאַרמעסטן אין שטאַרקייט, זי גיט זיך אַ דריי און קערט איבער אַ טינטער אויף אַ נייעם טישטוך...

מיין מוטער דערזעט וואָס בעלאַ האָט אָפּגעטאָן, ווערט זי בלייך פון ערגערניש, זי כאַפּט שנעל אַרונטער דאָס טישטוך און ווייקט עס איז עפּעס אַ פליסיקייט...

— נאָך גוט וואָס נישט מישקע האָט עס געטאָן — טראַכט איך און דאַנק דעם רבונו של עולם, וויסנדיק, אַז דאָס וואָס מיין מוטער קען פאַרגעבן דעם נגידס טאָכטער, וואָלט זי זייער שווער פאַרגעבן דעם וואַסערפירערס טאָכטער!...

בעלאַ גייט אַוועק זאָגנדיק, אַז זי וועט אויף מיר וואַרטן מאָרגן דריי אַזייגער.

מיין מוטער, כאָטש זי איז שטאַרק פאַרנומען מיטן פאַרפלעקטן טישטוך, הערט זיך גוט צו צו בעלאַס ווערטער און אויפן צווייטן טאָג דערמאָנט זי מיך איך זאָל זיך אויספּוצן אין מיין סאַמעטענעם קליידעלע, ווייל איך באַדאַרף גיין צו בעלאַן.

— מאַמע, איך וויל זיך מיט בעלאַן נישט חברן, מיר זענען נישט קיין גלייכע חברטעס — זאָג איך.

— און מישקע דעם וואַסערפירערס איז אַ גלייכע חברטע?

אָבער סיווי וואָלט איך געגאַנגען צו בעלאַן. איך האָב דאָך עס איר צוגעזאָגט און זי וועט וואַרטן.

איך בין אַריינגעקומען אין אַ גרויסן צימער, וואו איך האָב געטראָפן בעלאַס מוטער, שרה: אַ הויכע, דיקע, שיינע פרוי, וואָס טראָגט אויגן־גלעזער.

— וואָס ווילסטו זאָגן, טאָכטער? — האָט זי מיך געפרעגט, נאָכדעם ווי איך האָב זי באַגריסט (נישט ביי דער האַנט, נאָר מיט אַ געוויינלעכן „זדראַסטוואָיטיע״!).

— איך בין געקומען צו בעלאַן — ענטפער איך.

— ביסט אפשר נחום שפּיראָס טעכטערל, מאַניאַ האָט דיך געלויבט און געזאָגט, אַז זי וואָלט וועלן זאָלסט זיך חברן מיט בעלקען — זאָגט זי, און דרייט אויס דעם קאָפּ צו איינער פון אַרום אַ צענדליק טירן: „בעליוסיאַ, ק׳טעביע פּרישלי״! (בעלקע, מ׳איז צו דיר געקומען!).

די טיר האָט זיך געעפנט און בעלאַ איז דערשינען. ס׳איז מיר עטוואָס גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן, אָבער אַריינקומענדיק צו איר אין צימער האָב איך דאָרט געטראָפן אַ בחור מיט לאַנגע האָר, מעשה פּאָעט, קענטיק פון אַן אַנדער שטאָט, ווייל איך האָב אים קיינמאָל פריער נישט באַגעגנט אין אישיצע.

בעלאַ האָט מיך מיט אים באַקענט, און זיך פאַרמאָסטן מיט אים ווער עס איז שטאַרקער: פריער האָט זי פּרובירט אויפרייסן זיין פויסט און נישט געקענט, נאָכדעם האָט ער פּרובירט אויפרייסן אירן און... איך געדענק שוין נישט צי עס איז אים געלונגען צי נישט. קורץ, איך האָב זיי אויסגעפּעלט ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן!

אויף אַ טישל איז געלעגן אַ פראַנצויזיש בוך. איך האָב גענומען אים בלעטערן, און געקוקט ווי אַ האָן אין בני אדם.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מאַניאַ ווידער געשיקט בעלאַן צו מיר, און מיט אַ פּאָר טעג נאָך איר וויזיט צו מיר, האָט מיך מיין מוטער ווידער געשיקט צו איר. איך האָב זיך אויסגעפּוצט און איך האָב געזאָגט מיין מוטער, אַז איך גיי צו בעלאַן, אָבער אויפן וועג האָב איך זיך, מעשה שטן, פאַרקירעוועט צו... מישקען!

— זע נאָר, טאָכטער, ווער עס איז געקומען! — רופט אויס לאה, מישקעס מוטער, ווען זי דערזעט מיך. מישקע איז אַזש רויט געוואָרן פון גרויס שמחה, און מיר האָבן זיך גלייך גענומען לייענען אַ קינדער־מעשהלע, וואָס די לערערן האָט געליען מישקען.

לאה האָט אונדז מכבד געווען מיט צוויי פּלעצלעך.

— ווער איז דאָס מיידעלע? — פרעגט מישקעס פאָטער, איציק.

— נחום שפּיראָס מיידעלע — ענטפערט לאה מיט גרויסקייט, ווי אַ זעלטן גליק וואָלט זי געטראָפן.

ער נעמט אַרויס פון שאַפע נאָך אַ פלעצל און דערלאַנגט מיר...

— דיין מאַמע ווייס וואוהין דו ביסט געגאַנגען? — פרעגט מיך מישקע שטיל, קיינער זאָל נישט הערן.

— יאָ, זי ווייסט — ענטפער איך, און ווער רויט...

— וואָס ווייסט זי? — פרעגט זי ווידער, און קוקט מיר פאַרשנדיק אין די אויגן.

— זי ווייסט, אַז... איך בין געגאַנגען צו בעלאַן — כאַפּט זיך ביי מיר אַרויס.

מישקע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ: „זי וועט זיין בייז, מ׳טאָר נישט אָפּנאַרן אַ מאַמען" — זאָגט זי שטיל. עס רייסט זיך ביי מיר אַרויס אַ טיפער זיפץ...

ווען איך בין אַהיימגעקומען און מיין מוטער האָט מיר געגעבן עסן, האָב איך געזאָגט, אַז איך בין נישט הונגעריק, איך האָב געגעסן צוויי פלעצלעך.

— וואו איז זי געווען? — פרעגט מיין פאָטער.

— ביי ביילען — ביי מישקען! — ענטפערן גלייכצייטיק מיין מוטער און איך...

מיין מוטער גיט זיך אַ כאַפּ ווי אַן אָפּגעבריטע:

— וואָס זאָגסטו, ביים וואַסערפירער האָסטו געגעסן די פלעצלעך? — רופט זי אויס אַ פאַרצווייפלטע.

— שרעק זיך נישט, ס׳וועט איר חס ושלום גאָרניט שאַטן! — באַרואיקט מיין פאָטער די מאַמען און ער פרעגט מיך: געווען גוטע פלעצלעך? מ׳זאָגט, אַז לאה דעם וואַסערפירערס איז אַ זעלטענע באַלעבאָסטע...

* * *

איינמאָל האָב איך בעלאַן געזען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט.

עס איז געווען אין אַ שיינעם זומער פאַרנאַכט. מיר האָבן שפּאַצירט אויפן קאַרדאָן, נעבן דער פּאָטשט. בעלאַ האָט זיך געווענדעט צו מיר: דאָ נישט ווייט איז דאָס בית עולם, ווילסטו גיין אַהין פאַר אַ שפּאַציר?

דער פאָרשלאָג איז געקומען צו מיר אַזוי אומגעריכט, אַז איך האָב זי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, געמיינט אַז זי מאַכט שפּאַס. איך האָב אָבער דערקענט, אַז זי שפּאַסט נישט. האָב איך געזאָגט, אַז מ׳טאָר נישט גיין אויפן בית עולם ווען מ׳האָט טאַטע־מאַמע „ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר".

— מיין פאָטער איז שוין דאָרט, מעג איך גיין — ענטפערט זי, בעת איך טראַכט, אַז עס ווילט זיך מיר בפירוש זען ווי אַזוי עס קוקט אויס „יענע וועלט"...

— מיינסט, אַז אַלץ וואָס מענטשן זאָגן איז תורת לאָקשן? אַט זאָגט מען אויך, אַז ווען עס לויפט פאַרביי אַ שוואַרצע קאַץ טרעפט אַן אומגליק, אָבער מיר איז איינמאָל פאַרבייגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ, און יענעם טאָג האָב איך זיך באַקענט מיטן סטודענט פּאַליאַטשאַק (פּאַליאַטשאַק איז מיט יאָרן שפּעטער געוואָרן איר חתן).

— גוט, לאָמיר גיין אויפן בית עולם — האָב איך ענדלעך צוגע־שטימט.

מיר האָבן געשפּאַנט אַ לאַנגע צייט, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ ברייטן טויער, וואו עס האָט פון ווייטן געבלאַנקט אַ וועלט מיט ווייסע שטיינער. אַרום די שטיינער גרינע גראָז מיט רויטע מאַלינעס...

מיר זענען געבליבן שטיין ביים טויער און אויף אַ ווײַלע שטיל געבליבן, אָפּגעהאַקט דעם שמועס. ענדלעך זענען מיר אַריינגעגאַנגען, און גענומען שפּאַנען צווישן די מצבות און לייענען די אויפשריפטן.

— קום, אַט דאָרטן איז מיין טאַטנס קבר — זאָגט בעלוסיאַ און מיר דערנענטערן זיך צו אַ ברייטן, פּרעכטיק־געקריצטן שטיין.

בעלאַס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט איבער אירע באַקן מיט טיפע חן גריבעלעך...

די רויטהאָריקע, זאָרגלאָזע שטיפערקע, איז מיט אַמאָל געוואָרן אינ־גאַנצן אַן אַנדער מענטש, אַזאַ האָב איך זי נאָך קיינמאָל נישט געזען, עפּעס איז זי מיט אַמאָל ווי אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן...

עס איז אַזוי פיינלעך צו קוקן אויף אַ שטיין, און וויסן, אַז אונטער אים ליגט דער פּאַפּאַ... — זאָגט בעלוסיאַ, מיט אַ ציטערדיקער שטים.

— געוויס איז עס פיינלעך... אָבער איצט ווען איך זע דעם בית עולם, שרעקט מיך בכלל נישט דער פאַקט וואָס אויך איך וועל דאָ אַמאָל ליגן — ענטפער איך. (נישט אומזיסט האָט עס מיך נישט געשראָקן: אויף יענעם בית עולם וועל איך זיכער נישט ליגן). איך בויג זיך איין און רייס אָפּ אַ גרויסע, זאַפטיקע מאַלינע, אָבער איך כאַפּ זיך צוריק: עס איז נישט פּאַסיק אָט דאָ צווישן די קברים צו עסן מאַלינעס, און פאַרשעמענדיק זיך פאַר בעלוסיאַן, גיב איך שנעל אַ וואַרף אַוועק די מאַלינע, זי פאַלט אויף איר פאָטערס מצבה, און עס ווערט אַ רויטער פלעק. איך גיב אַ קוק אויף בעלוסיאַן, אויך אירע אויגן זענען רויט פון טרערן...

איצט, מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער, ווען איך טראַכט פון בעלוסיאַן, מישקען און מיר, קומט מיר פאָר ווי מיר וואָלטן געווען דריי טרעפּ:

פאַראַן טרעפּ פון שטיין, האָלץ, קאָנקריט און אַזוי ווייטער. בעלאַ, איך און מישקע זענען געווען טרעפּ פון... יחוס!

מ׳פּרעגלט פּאָווידלע . . .

אין האַרבסט, ווען די פּרוכטן זייַנען אַרונטערגענומען געוואָרן פון די ביימער, פלעגן באַלעבאָסטעס פּרעגלען „פּאָווידלע״ פון פלוימען.

די פלוימען זענען געווען צוויי סאָרטן: אונגאַרישע און טערקישע. פון די ערשטע זענען די קערעלעך אַרויסגעקומען רייַן. די טערקישע זענען געווען קיילעכדיקע, רויטלעכע און עס האָט זיך נישט אַזוי גרינג אַרויס־גענומען פון זיי דאָס קערל, און אויך נישט אַזוי ריין ווי די ערשטע!

מ׳פלעגט אַריינשטעלן אין אויוון גרויסע טעפּ מיט פלוימען און זיי צוערשט אָפּקאָכן, נאָכדעם האָט מען זיי דורכגעריבן אויף אַ זיפּ אונטער־שטעלנדיק שיסלען, אַזוי אַרום זענען די קערלעך געבליבן אין דער זיפּ, און די מאַסע וואָס אין די שיסלען האָט מען אַריינגעגאָסן אין אַ גרויסן קופּערנעם קעסל מיט צוויי אויערן, און מ׳האָט אים אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטיינערנעם אויוון אין דרויסן, און אונטערגעצונדן אַ פייער...

מ׳האָט די גאַנצע צייט געמישט מיט לאַנגע הילצערנע פּאַלאַנקעס, ווייל די פּאָווידלע האָט אַ טבע זיך שנעל צוצוברענען! די אַרבעט איז געווען זייער אַ שווערע, און עס האָט געדויערט לאַנגע שעהן, ווייל די פּאָווידלע האָט געדאַרפט זיין געדיכט, זיך שמירן ווי פּוטער אויף ברויט און שוואַרץ־גלאַנציק ווי אַן אָפּגעפּוצטער שטיוול!...

פאַר אונדז קינדער איז דאָס פּרעגלען פּאָווידלע געווען אַן אמתער יום־טוב!

אַלע שכנים זענען געווען אַרום דעם קעסל, יעדער האָט געוואָלט אַביסל מישן מיטן הילצערנעם פּאַלאַניק!

צומאָל פלעגט זיך פאַרציען דאָס פּרעגלען פּאָווידלע ביז 12 בייַנאַכט, און די שכנים האָבן געהאַט צוביסלעך פּאָווידלע אויפן פּנים, אויף די הענט און קליידער, ווייל עס פלעגט פון צייט צו צייט אַ שפּריץ טאָן פון קעסל און צומאָל האָט מען זיך אויך אָפּגעבריט...

מיר קליינוואַרג, האָבן זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. מ׳האָט אונדז געטריבן, געשריען אַז עס איז שפּעט, מיר דאַרפן גיין שלאָפן, אָבער עס איז געווען אומזיסט. מיר זענען וואַכעדיק און נישט געוואָלט אַריינגיין אין שטוב בעת אין דרויסן איז געווען אַזוי פריילעך!

פון הימל האָט אַראָפּגעקוקט אַ בלאַסע, שמייכלענדיקע לבנה, באַלייכ־טנדיק די שאָטנס פון די מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום דעם שטיינערנעם אויוון מיט די לאַנגע הילצערנע פּאַלאַנקעס, מישנדיק די שוואַרצע גלאַנצ־דיקע מאַסע אין גרויסן, שווערן קעסל און גיבן דעם איינדרוק פון אַ כאָפּטע ציגיינער ערגעץ אין מיטן פעלד...

נישט אַלע מאָל איז די פּאָווידלע אַרויסגעקומען געראָטן: צומאָל איז זי געווען אַביסל צו שיטער, צומאָל — צו געדיכט, צומאָל — אַביסל צוגעכאַפּט און געשמעקט מיט רויך... צומאָל ווייניק זיס, צומאָל — צו זיס...

מיין מוטער ע״ה פלעגט פּרעגלען אַ סך פּאָווידלע, ווייל זי פלעגט באַזאָרגן איר שוועסטער אין אַטיק־מאַליוו מיט אַ העלפט, זיי זענען געווען אַ גרויסע פאַמיליע: עלטערן און 7 קינדער.

די מי וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אָט דער אונטערנעמונג פון פּרעגלען פּאָווידלע, האָט זיך זיכער נישט געלוינט, אַפילו ווען עס איז אַרויסגעקומען געראָטן. עס איז געווען אַ גאַנץ געוויינלעך מאכל, און דער גאַנצער טאַראַראַם איז געווען אַן איבעריקער. מ׳האָט אַפילו צו יענער צייט געקענט קריגן אַנדערע מאכלים, ביליקער און געשמאַקער ווי די פּאָווידלע, אָבער ווייזט אויס אַז... עס איז טאַקע נישט געווען אַזוי פיל צוליב דעם מאכל ווי צוליבן טאַראַראַם, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אין מאָנאָטאָנעם, דרימלענדיקן שטעטל אַביסל לעבן...

מ׳האָדעוועט גענדז

יעדן ווינטער פלעגן באַלעבאָסטעס האָדעווען גענדז, כדי צו האָבן שמאַלץ אויף פּסח.

די אונטערנעמונג איז געווען אַ זייער אומבאַקוועמע, מ׳קען זאָגן, טאַקע אַ שווערע: מ׳האָט די גענדז געהאַלטן אין אַ שטייג אויפן בוידעם, און ווען מ׳האָט זיי געדאַרפט געבן עסן און טרינקען, האָט מען צוגעשטעלט אַ הויכן לייטער און מיט אַ שיסל עסן און אַן עמער, טשייניק וואַסער האָט מען זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן בוידעם און געגעבן די גענדז זייער „טעגלעך ברויט״ (זאָל מיר דער אַלמעכטיקער פּאָטער אין הימל אויסהיטן פון האָדעווען גענדז, זיי וואָלטן זיכער געשטאָרבן פון הונגער און דאָרשט — פלעג איך אַלס קינד טראַכטן).

דערפאַר אָבער, ווען מ׳האָט דיגענדז געשאָכטן, האָט זיך אַרונטער־גענומען פון זיי אַ סך שמאַלץ! אָבער מיטן שמאַלץ איז ווי מיט געלט: איינער איז מזלדיק און האָט אַ סך און אַ צווייטער — האָט גאָרנישט! ביי אייניקע באַלעבאָסטעס האָבן די גענדז געגעסן און געטרונקען מיט גרויס אַפּעטיט, און זיי זיינען געוואָרן פעט, און ביי אייניקע האָבן זיי נישט געוואָלט עסן, כאָטש „האַקט זיי און בראָקט זיי״, האָבן זיך די באַלעבאָסטעס געקלאָגט מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים.

און אַז די גענדז האָבן נישט געגעסן, זיינען זיי געווען מאָגער, און האָבן נישט געהאַט קיין שמאַלץ, און די גאַנצע אונטערנעמונג איז געווען אַ דורכפאַל.

ווען נאָכן שעכטן די גענדז האָט מען אַרונטערגענומען פון זיי די הויט, האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין „דראַבעס".

ווען אַ באַלעבאָסטע האָט געשאָכטן גענדז, האָט זי געליען צו אַנדערע באַלעבאָסטעס „דראַבעס" און מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט יענע געקוילעט אירע גענדז, האָט זי אָפּגעגעבן דעם חוב (דראַב).

ווען מ'האָט געוואויגן די דראַבעס איז געווען אַ ריינער חשבון, וויפל מ'האָט געליען און וויפל מ'באַדאַרף קריגן צוריק, אָבער ווען מ'האָט נישט געוואויגן דעם דראַב און זיך פאַרלאָזט אויף יושר, איז געווען צרות, און נישט איינמאָל האָט מען געקענט הערן אַ באַלעבאָסטע זיך קלאָגן פאַר איר שכנה, אַז זי האָט געליען שרה'ן ביילען אַ דראַב איז ער געווען צווייִמאָל אַזוי גרויס ווי שרה ביילעס, און ער האָט געהאַט אַ היפּש ביסל שמאַלץ אויפן קריזש און אויפן האַלדז, בעת יענע האָט איר אָפּגעגעבן אַ מאָגערן כראַנדזש. דערצו האָט זי אים אַזוי באַשונדן, אַז קיין סימן פון שמאַלץ איז אויף אים נישט געבליבן! איר זאָלט זאָגן אַ לויט שמאַלץ ער זאָל האָבן פאַר אַ רפואה!

אָבער נעקסט יאָר האָט מען פאַרגעסן אַלע קריוודעס, אַלע חשבונות און ווידער האָט מען געהאָדעוועט גענדז אויפן בוידעם, ווידער האָט מען זיי געשאָכטן און געליען דראַבעס (ווייל איין באַלעבאָסטע קען נישט פאַרנוצן קיין פלייש פון צען צוועלף גענדז, פלעגט מען טיילווייז פאַרקויפן, טיילווייז לייען די דראַבעס און זיך פאַרלאָזן אויף דער השגחה וואָס יענע וועט האָבן, וועט זי אָפּגעבן).

שעכטן די גענדז פלעגט מען אַרום חנוכה, און דאָס אויסגעפּרעגלטע שמאַלץ האָט מען געהאַלטן טאָקע ווידער אויפן בוידעם, פאַרפּאַקט אין סלאָיעס, דאָס איז געווען אויף פּסח. דער בוידעם איז געווען אַ וויכטיקע אינסטיטוציע.

דערווייל האָט מען זיך געלאָזט וואוילגיין מיט די גריוון, געקאָכט וואַרעניקעס, געבאַקן קנישעס, געפּרעגלט לאַטקעס לכבוד חנוכה און עס איז געווען פריילעך.

מ'שפּילט אין קאָרטן . . .

מיין מוטער פלעגט ליב האָבן אין די קאַלטע ווינטער־נעכט צו שפּילן מיטן טאַטן אין קאָרטן.

מיין פאָטער, אַ פאַרהאַרעוועטער סוחר, וועלכער האָט געפירט געשעפטן איבער אַ סך שטעט, האָט גראָד נישט זייער געהאַלטן פון דער פאַר־וויילונג, אָבער אַז די מאַמע פלעגט אַוועקלייגן דאָס טעשל קאָרטן אויפן טיש און אַ זאָג טאָן: „נחום, איך וויל דיר אָפּגעבן אַ בערדע!", האָט ער, נישט וועלנדיק איר אָפּזאָגן, גענומען די קאָרטן אין די הענט!

— אויף וויפל? — פרעגט די מאַמע מיט אַ שמייכל.

— אויף אַ גריוונע, און מיר וועלן זיין שותפות; ווער עס וועט געווינען, וועט זיך צעטיילן מיטן שותף — ענטפערט דער טאַטע.

— דו הויבסט שוין אָן מיט דיינע חכמהלעך!... — זאָגט די מאַמע און לאַכט זיך פונאַנדער...

זי נעמט די קאָרטן אין האַנט און פאַרטראַכט זיך... מ׳קען זען, אַז זי איז פאַראינטערעסירט און באַמיט זיך צו מאַכן אַ גוטן גאַנג. דער טאַטע ווידער איז קענטיק זייער ווייניק פאַראינטערעסירט אין דער שפּיל, כאָטש ער באַמיט זיך עס צו באַהאַלטן פון דער מאַמען. פון צייט צו צייט כאַפּט זיך ביי אים אַרויס אַ געשמאַקער צעצויגענער גענעץ: „האַ־האַאַאַ־האַ!"... און ער גיט אַ מיש אַ פּאָר בלעטלעך פון אַ בוך, וואָס ליגט כמעט שטענדיק לעבן אים אויפן טיש, בעת די מאַמע איז פאַרטיפט אין די קאָרטן, נישט קענענדיק אַנטשיידן אַ געוויסן פּראָבלעם!...

מיט אַמאָל גיבן זיינע שוואַרצע קלוגע אויגן אַ בליץ אין מיין זייט, עס זעט זיך אין זיי אַ קוים באַמערקבאַרער דינער שמייכל... ער גיט זיך אָבער מיט אַמאָל אַ כאַפּ צו די קאָרטן, מאַכט דעם אָנשטעל אַז ער פאַרמעסט זיך דאָ דער מאַמען אָפּצוטאָן דאָס אמתע שפּיצל. „אויב דו וועסט גיין אַזוי, וועל איך קאָנען נעמען אָט דאָס צענטל, וועסטו דאָך שוין מוזן גיין מיטן צווייטל", זינגט ער אויס מיט אַ גמרא ניגון און קוקט יעדע ווײַלע צו מיר מיט אַ שמייכלענדיקן בליק...

איך באַמי זיך צו העלפן דער מאַמען מאַכן אַ געלונגענעם גאַנג, ווייל ווי מאָדנע עס זאָל נישט זיין איז אָבער אַ פאַקט, אַז דער טאַטע פלעגט שטענדיק געווינען די שפּיל, כאָטש ער האָט זיך נישט אינטערעסירט צו געווינען און מ׳פלעגט אויף אים שטענדיק אַרויפצווינגען דאָס שפּילן אין קאָרטן. סיי ווען ער פלעגט שפּילן מיט דער מאַמען, סיי מיט אונדז קינדער, איז די שפּיל געווען אַרויפגעצוואונגען אויף אים און דאָך פלעגט אים גיין דורך טיר און דורך טויער!... צומאָל פלעג איך אַפילו באַמערקן אַז... ער מאַכט אומיסטן אַ „טעות" כדי זיין פּאַרטנער זאָל געווינען!...

— חנהלע, פאַרענדיג דו שוין פאַר מיר די שפּיל מיט דער מאַמען, איך בין זייער מיד און שלעפעריק! — זאָגט דער טאַטע און הויבט זיך אויף פון בענקל אַ גלייכער, אַ שיינער, אין זיין פולער הויך. איך נעם גערן

איבער זיינע קאָרטן, ווייל איך בין זיכער אַז ער האָט געמאַכט אַ סך מער פון דער מאַמען!... אָבער די מאַמע איז שוין אויך מיד און דערצו איז זי מער פאַראינטערעסירט צו געווינען ביים מאַן, אויף וועמען זי קוקט אַרויף מיט גרויס דרך ארץ, איידער ביים צען־יאָריקן קינד אויף וועמען עס איז גאָר אפשר אַ רחמנות זי צו מאַכן אומעטיק... עס נעמט נישט לאַנג או זאויך די מאַמע הויבט אָן געגעצן... „ס׳איז שוין שפעט, טאַכטער, מ׳דאַרף שוין גיין שלאָפן!״ — דערקלערט זי און הויבט זיך אויף פון בענקל.

מיט אַ האַלבער שעה שפעטער איז דאָס גאַנצע הויז־געזינדל פאַרזונקען אין אַ געשמאַקן שלאָף און יעדער פון זיי זעט זיינע פאַרשידענע חלומות!...

מ׳האָט זיך „געשטעלט צום פריזיוו״ . . .

יעדן האַרבסט האָבן בחורים אין עלטער פון 21 יאָר „זיך געשטעלט צום פריזיוו״. מ׳פלעגט זיך אויסדריקן: משה חיים ברוכס האָט זיך שוין „אָפגעשטעלט״ און דאָס האָט געמיינט, אַז ער האָט אַדורכגעמאַכט דעם „פריזיוו״, און איז באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט. אָדער מ׳האָט געזאָגט: בערל פראַדקין באַדאַרף זיך הײַנטיקס יאָר „שטעלן״, און דאָס האָט געמיינט, אַז ער באַדאַרף זיך שטעלן פאַרן פריזיוו פאַר אַ סאָלדאַט.

זייער ווייניק פון די בחורים האָבן געוואָלט דינען אַלס סאָלדאַטן, באַזונדערס יידישע בחורים האָבן אודאי נישט געוואָלט גיין דינען „פאַניע גנב״ (אַזוי פלעגט מען טיטולירן ניקאָלאַי דעם צווייטן, אונטער וועמענס רעגירונג יידן פלעגן באַגרענעצט, פאַרפאָלגט און פאָגראָמירט ווערן).

יידישע יונגע בחורים פלעגן זיך צערן, פאַרלירן וואָג, מאַכן זיך פאַר־שידענע חסרונות: קראַנק מאַכן אַן אויג, אַן אויער, אַ האַנט, אַ פוס און דאָס גלייכן, אַבי נישט זיין קיין סאָלדאַט.

גאַנץ אָפט האָט זיך עס געענדיקט זייער טרויעריק: דאָס אויער, אָדער דאָס אויג איז געוואָרן ענטצונדן, און נישט איין יונגער בחור איז „געגאַנגען פון דער וועלט״, וועלנדיק אויסמיידן צו ווערן אַ סאָלדאַט. פלעגן טאַקע אַ סך גיין, נישט וועלנדיק זיין אַ סאָלדאַט, מורא האָבנדיק צו מאַכן זיך אַ חסרון (פאַר וואָס מ׳איז שווער באַשטראָפט געוואָרן, ווען מ׳האָט אויס־געפונען, אַז עס איז געמאַכט).

די „נאָוואָבראַנצעס״ פלעגן פאָרן צום פריזיוו, און נאָכדעם ווי זיי זענען אַהיימגעקומען פאַר אַ פּאָר וואָכן, איידער מ׳האָט זיי אַוועקגעשיקט אין פאָלק — זיך לאָזן וואוילגיין: זיי פלעגן אַרומגיין שיכורע דורך די נעכט און זינגען, נישט לאָזנדיק שלאָפן די איינוואוינער, און גאַנץ אָפט

האָט זיך געהערט אַ „בריאָזג‟ פון צעבראָכענע שויבן פון אַ טיר אָדער פענצטער וואוהין מ׳האָט אַריינגעוואָרפן אַ שטיין. נאַטירלעך, האָט עס געטראָפן נישט אין אַ גויאישער שטוב, נאָר אין אַ יידישער...

די וואָס זענען געשטאַנען צום פריזיוו האָבן געקראָגן בילעטן פון פאַרשידענע קאָלירן: בלויע, גרינע, רויטע און ווייסע בילעטן. אַ בלויער בילעט איז געווען גוט, אַ ווייסער נאָר בעסער, אַ גרינער האָט געמיינט פאַר אַ יאָר פריי, און קומענדיקן יאָר זיך ווידער מעלדן. אַ רויטער... געדענק איך שוין נישט, וואָס עס האָט באַדייט, אָבער אַז דאָס זענען געווען די קאָלירן פון די בילעטן בין איך זיכער.

ווען די „נאָוואָבראַנצעס‟ (יונגע סאָלדאַטן), זענען אָוועקגעפאָרן קיין ליטנעוועץ (דאָרט איז געווען די „פריסוטסטוויע‟), פלעגן די עלטערן אומ־געדולדיק וואַרטן אויף אַ טעלעגראַמע.

די גליקלעכע פלעגן קריגן אַ טעלעגראַמע „סוואָבאָדען‟ (פריי).

די טעלעגראַמע פלעגט ברענגען מיקיטא, אַן עלטערער מאַן, מיט אַ פּאָר געדיכטע וואָנצעס וועמען אַלע האָבן געקענט, צוליב זיין טבע אָפּצוגעבן יעדן איינעם וואָס ער האָט באַגעגנט, אַ ברייטן „זדראַסטוואויטיע!‟ (אַנדערש וואָלט מען אים נישט געקענט, ווייל עס פלעגן נישט אָנקומען קיין אישיצע קיין אָפטע טעלעגראַמעס...) און מיט קיין אויסערגעוויינלעכע מעלות האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט, מ׳זאָל אים שענקען באַזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט. דערפאַר אָבער, ווען עס פלעגט קומען די צייט פון שטעלן זיך צום פריזיוו, איז ער געוואָרן ביי זיך (און אַנדערע) פיל וויכטיקער: ער פלעגט טראָגן די טעלעגראַמע אין דער רעכטער האַנט, און שפּאַנען מיט לאַנגזאַמע, געמאָסטענע טריט, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, און אַפילו זיינע וואָנצעס האָבן קענטיק געקראָגן אַן אַנדער אויסזען: זיי האָבן אויסגעזען פיל געדיכטער, ווי געוויינלעך, און זיי האָבן זיך באַוואויגן ווי זיי וואָלטן געווען אומאָפּהענגיקע, זעלבסטשטענדיקע וועזנס!...

אין דער צייט ווען חברה פאָרט אָוועק קיין ליטנעוועץ, אָדער נאָוואַיאַ אושיצאַ צום פריזיוו, ווערט מיקיטאַ אַ וויכטיקע, אָנגעזעענע פּערזענ־לעכקייט: מ׳היט אים ווי דאָס אויג אין קאָפּ! מ׳קוקט אים נאָך יעדן שפּאַן וואָס ער מאַכט, און ווען מען באַמערקט, אַז ער פאַרקירעוועט זיך צו אַ הויז, פון וועלכן אימיצער איז אָוועקגעפאָרן צום פריזיוו, נעמט מען אים נאָכלויפן! עס לויפן יונג און אַלט, די גאַנצע שטאָט יאָגט נאָך מיקיטאַן, דעם טעלעגראַמע־טרעגער, ווען מ׳זעט אַז ער לאָזט זיך גיין צו שרה־ביילע חיים איצעס, וועמעס זון, זיסע בערל, איז געפאָרן זיך שטעלן... אַלע לויפן, שטופּן זיך אין שטוב אַריין, אָבער עס איז שוין נישטאָ קיין

פלאַץ וואוהין אַריינצוקומען, שטייט מען ביי די פענצטער, אויף די טרעפּ...

ענדלעך גיט מען די טעלעגראַמע דעם שענסטן בכבודיקן בעל הבית אין שטעטל, וועלכער מ׳איז זיכער, אַז ער קען לייענען רוסיש, און יענער טוט אָן דיברילן, הוסט זיך אויס, און לייענט: „סוואַבאַדיען״! עס ווערט אַ פריילעכער טומל, אַלע גיבן אָפּ שרה־ביילען מזל־טוב! און מיקיטאַ קריגט אַ זילבערטע מטבע בראָנפן־געלט...

ש מ אַ ט ע ס...

ווי נאָר עס פלעגט אַ וואַרעם טאָן די פרילינג־זון אין שטעטל, פלעגן זיך באַווייזן „שמאַטולניקעס״ פון אַלע זייטן. זייערע וועגענער זיינען געווען אָנגעפילט מיט בערג מיט שמאַטעס.

אָט די „געשעפטן״ זענען איינגעשטאַנען אין גאַנצן אין די הענט פון קינדער.

חברה פלעגן זוכן שמאַטעס אין די שאַפעס, קאַמאָדן, קאַמערס, קעלערס און בוידעמער.

די שמאַטע געשעפטן פלעגן זיך פירן אָן געלט, נאָר די קינדער פלעגן קריגן באַצאָלט פאַר די בינטלעך שמאַטעס מיט... צירונג. פאַר יעדן בינטל שמאַטעס פלעגן די קינדער קריגן באַצאָלט אַ פינגערל מיט אַ רויט אָדער גרין שטיינדעלע.

איך פלעג שטאַרק מקנא זיין די קינדער וואָס האָבן געקראָגן פינ־גערלעך, פלעג איך זיך בעטן ביי מיין מוטער, זי זאָל מיר אויך געבן אַביסל „סחורה״ און איך זאָל אויך קריגן אַ פינגערל מיט אַ גרין שטיינדעלע, קיין רויטס איז מיר נישט אַזוי געפעלן ווי אַ גרינס.

מיין מוטער האָט אָבער אַפילו נישט געוואָלט הערן פון דעם „געשעפט״, און ווען איך האָב איר צו פיל געדולט אַ קאָפּ, איז זי גאָר בייז געוואָרן אויף מיר: טאָמער וואָלסטו מיר אויפגעהערט דרייען אַ ספּאָדיק מיט שמאַטעס — האָט זי זיך געבייזערט.

ביז איינמאָל האָט אַ שכנישע מיידל אויף מיר רחמנות געקראָגן: „נעם אַרויס פון קאַסטן, וואו איר האַלט די וועש צו וואַשן, אַ פּאָר שטיקלעך ווען דיין מאַמע וועט נישט זען, וועלן מיר עס אַוועקטראָגן צום שמאַטולניק און קריגן אַ פינגערל״ — האָט זי מיך גערעטן.

אירע רייד האָבן געפונען חן אין מיינע אויערן. איך האָב אַרויס־געשלעפּט אַ פּאָר ציכן, אַ טישטוך און אַ פּאָר האַנטוכער, געמאַכט פון דעם אַ בינטל און מיר זענען ביידע אַוועק.

ער זאָל כאַטש ווען נעמען דאָס פּעקל, עס קוקט גאָרנישט אויס ווי שמאַטעס וואָס אַנדערע טראָגן, — זאָרג איך זיך.

„ער וועט נעמען, ער וועט נעמען“ — באַרואיקט מיך מיין שכנה, וועלכע איז מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פון מיר.

זי האָט געהאַט רעכט — דער שמאַטולניק האָט שנעל אַ כאַפּ געטאָן מיין פּעקל און האָט מיר געוויזן אַ שאַכטעלע מיט פאַרשידנקאָלירטע פינגערלעך. „נעם דיר אַ פינגערל וואָס דיר געפעלט“, האָט ער ברייט האַרציק מיר פאָרגעשלאָגן. איך האָב אָנגעוויזן אויף אַ פינגערל מיט אַ גרין שטיינדעלע, און ער האָט עס מיר געגעבן.

איך בין אַ גליקלעכע געלאָפן איבער די גאַסן און מיין האַרץ האָט פריידיק געקלאַפּט.

איך האָב יענעם טאָג נישט געקענט עסן פאַר אויפרעגונג, אַלע ווײַלע האָב איך געקוקט אויף מיין פינגער מורא־האָבנדיק, איך זאָל חס ושלום נישט פאַרלירן דעם ווערטפולן דימענט, אָבער נישט דאָס איז געווען די הויפּט אורזאַך פון מיין אומרואיקייט. מיך האָט געפּלאָגט דאָס געוויסן, איך האָב געפילט, אַז איך בין באַגאַנגען נישט קיין שיינע זאַך און קיין ערלעכע — אודאי נישט.

טאָמער איז עס וויניק, גיט די מאַמע פּלוצים אַ פרעג: „וואו האָסטו גענומען דאָס פינגערל?“

איך פיל ווי אָוועקצוחלשן, אָבער איך נעם צונויף אַלע מיינע כוחות און ענטפער אַז דעם באַדנערס מיידל, אונדזער שכנה, האָט עס מיר געגעבן.

„ווי קומט, זי זאָל דיר אַוועקגעבן אַזאַ שיין פינגערל?“ — וואונדערט זיך די מאַמע, אָבער איך פיל שוין אַביסעלע דרייסטער: ס'איז שווער צו זאָגן דעם ערשטן ליגן, דעם צווייטען זאָגט מען שוין גרינגער — זאָג איך:

„זי האָט געהאַט אַ גרויסן פּעקל שמאַטעס, האָט זי געקראָגן צוויי פינגערלעך און זי האָט מיר געגעבן איינס“.

„אַ שיין פינגערל“ — חזרט איבער די מאַמע און איך טראַכט: ווען זי ווייסט וואָס איך האָב דערפאַר באַצאָלט, וואָלט עס איר נישט אַזוי געפעלן געוואָרן...

געפאָלגט אַ דאָקטאָר . . .

איך בין אַלט געווען אַ יאָר ניין, ווען איך בין קראַנק געוואָרן אויף סקאַרלאַטינע. די קראַנקהייט האָט אָנגעהאַלטן זעקס וואָכן, און דער דאָקטאָר האָט אָנגעזאָגט מיין מוטער, זי זאָל מיר נישט געבן קיין עסן.

די ערשטע צייט ווען איך האָב געהאַט הויכע היץ, האָב איך זיך באַנוגנט מיט אַביסל מילך, געזאָטענע וואַסער, און מאַראַנצן־זאַפט. איך האָב נישט געפילט הונגעריק און עס איז מיר נישט אָנגעגאַנגען קיין עסן. אָבער ווען די היץ האָט אָנגעהויבן אַפּטרעטן און איך האָב אָנגעהויבן ליידן פון הונגער, האָב איך גענומען מאָנען עסן.

מיין מוטער האָט מיך אָבער נישט געהערט, און איך פלעג ליגן גאַנצע טעג און חלומען פון אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער, אַ פליגעלע פון אַן עוף און אַזוי ווייטער.

ענדלעך איז געקומען די גליקלעכע מינוט, ווען מיין מוטער האָט מיר צוגעבראַכט צום בעט אַ לויז איי מיט אַ סוכאַריק (אויסגעדריקנט, דאַר ברויט) אָבער דאָס איז פאַר מיר געווען גלייך ווי גאָרנישט! דער הונגער האָט מיך שטאַרק געמאַטערט, מיר דערגאַנגען די יאָרן.

איינמאָל, אין אַ קאַלטן ווינטער־טאָג, די פענצטער זענען געווען פאַר־יאָגט מיט פראָסט, אַזוי אַז ס'איז געווען שטאַרק טונקל אין שטוב, איך בין געלעגן אין מיין צימער און געדרימלט.

— זאָלסט נישט זאָגן חנהן, אַז מיר האָבן שוין געעפנט דאָס פעסל אַרבוז! — האָב איך דערהערט דער מאַמעס שעפּטשענדיקע שטים, — עס וועט איר נעבעך איבערגיין דאָס האַרץ.

— זיי זיינען אָבער אַזוי געראָטן — די אַרבוזעס, אַז עס איז אַ גרויס רחמנות אויף איר וואָס זי קען זיי נישט פאַרזוכן, — האָט שטיל געענטפערט פעדאָראַ, אונזער לאַנג־יאָריקע דינסט. מיט אַמאָל דערטראָגט זיך צו מיר דער געשמאַקער אַפּעטיטנער ריח פון זויערן אַרבוז, און עס נעמט מיך נאָגן אַ שרעקלעכער הונגער.

איך פיל ווי עס וואַסערט מיר אין מויל, און איך זאַפּ אַריין דעם געשמאַקן ריח פון אַרבוז, קנאָבל און פעפער, וואָס צוטראָגט זיך פון קיך איבער אַלע צימערן.

די טיר האָט זיך געעפנט און פאַרמאַכט. איינמאָל און צוויי מאָל — די מאַמע און פעדאָראַ זענען אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. שטיל — — —

איך האָב נישט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר, נאָר מיטאַמאָל האָב איך זיך דערזען אַ באָרוועסע, אין הוילן נאַכט־העמדל אין קיך, לעבן פרימעסט וואו עס איז געשטאַנען אַ גרויסע, טיפע שיסל פון וועלכער עס האָט אַרויסגעקוקט אַ גרויסער, רויט צעשניטענער אַרבוז! — אין שיסל איז געווען אַ סך ראָסל מיט קליינע קערעלעך און קליינע שטיקלעך אייז.

איך האָב גענומען עסן אַרבוז און מיט אַ לעפל פאַרטרונקען דעם ראָסל מיט די קליינע שטיקלעך אייז. מיינע פיס האָבן געציטערט פון שוואַכקייט, קעלט און מורא, עס זאָל עמיצער נישט אָנקומען און מיך

כאַפּן ביי דער האַנט, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט באַהערשן און פון גאַרנישט געוואָלט וויסן.

ווען איך האָב שוין אויפגעגעסן אַ היפּש ביסל אַרבוז און האָב פאַר־טרונקען מיט ראָסל, האָב איך גענומען אַ האַנטוך און אָפּגעווישט דאָס מויל און... איצט וועל איך מסתמא שטאַרבן... האָט זיך דורכגעטראָגן אין מיין מוח און איך בין שנעל אַוועק צוריק אויף מיין געלעגער, זיך אײַנ־געדעקט מיט דער קאָלדרע און גענומען וואַרטן אויפן טויט.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט די מאַמע געשיקט פעדאָראַן אַרויפ־נעמען פון קעלער אַ צווייטן אַרבוז, און ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען, האָט די מאַמע געזאָגט: די קאַצאַפּקע האָט שוין צורעכט געמאַכט דעם אַרבוז. זאָל זי פרעסן, עס איז דאָ אַ גאַנץ פעסל — האָט געענטפערט דער טאַטע.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מיר דער דאָקטאָר דערלויבט עסן אַ שטיקל פלייש און אַרונטערגיין פון געלעגער. ער האָט מיר אויך אַ קניפּ געטאָן אין בעקל:

„ביסט אַ גוט מיידעלע, האָסט אויסגעפאָלגט וואָס איך האָב געהייסן, ביסטו געזונט געוואָרן".

ביים שוחט . . .

עס איז געווען אין אַ דאָנערשטיק, ווען מיין מוטער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז איך באַדאַרף היינט גיין צום שוחט שעכטן אַן עוף.

— פאַרוואָס שיקסטו נישט פעדאָראַן? — פרעג איך, ווייסנדיק, אַז טראָגן אופות צום שוחט איז איר אַרבעט שוין יאָרן לאַנג.

— פעדאָראַ איז נישט געזונט, זי האָט זיך פאַרקילט און וועט אַהיימגיין פאַר אַ פּאָר טעג — ענטפערט מיין מוטער.

איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר נײַן־צען, און דאָס גיין צום שוחט האָט געמיינט פאַר מיר זייער אַ שווער פּראָבלעם: ערשטנס, באַדאַרף מען דורכגיין די „טאָרהאָוויצע", וואו עס קומט פאָר יעדן דאָנערשטיק אַ יאַריד, וועלכער שטעלט פאָר אַ פאַרפלייצונג פון קי, אָקסן, פערד, חזרים, גענדז, הינער, קאַטשקעס, אאַ"וו. אַזוי אַרום איז שווער דאָרט זיך דורכצושטופּן אַפילו פאַר אַ דערוואַקסענעם מענטשן, בפרט פאַר אַ יונג קינד.

דערצו פאַסירט אָפט, אַז דאָס עוף נעמט זיך רייסן פון קוישל, און באַמיט זיך מיטאַלע כוחות צו באַפרייען די געבונדענע פיסעלעך, און צומאָל געלינגט עס אים און עס לאָזט זיך יאָגן צווישן די קי, פערד, חזרים, געננדז און דאָס גלייכן, און מ'קען גרינג כאַפּן אַ דריגע פון אַ פערדישן פוס אַזוי, אַז מ'זאָל עס האָבן לאַנג צו געדענקען!...

— מאַמע, איך האָב מורא צו גיין אויף דער „טאַרהאָוויצע" — טענה איך.

— פּעסי מאַטי דעם לאַנגנס גייט אויך שעכטן אַן עוף, וועט זי אויף דיר אַכטונג געבן — ענטפערט מיין מוטער.

פּעסי איז אונדזער שכנה, וועלכע איז מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר. איר פאָטער איז זייער אַ הויכער, מ'זאָגט אַז ער איז געווען אַ ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט. פּעסיס עלטערן זיינען גרויסע אָרימעלייט און טאָמער איז עס ווייניק, זענען ביי זיי געשטאָרבן דריי דערוואַקסענע קינדער, שיינע ווי די ליכט: רחל, רבקה און פנחס, און אויך אויף פּעסין זאָגט מען אַז... זי איז אַ קראַנקע. זי איז די איינציקע פאַרבליבן (פאַר אַ פּאָר יאָר).

דערווייל קומט אָן פּעסי מיטן קוישל און פרעגט צי איך וועל אויך גיין צום שוחט. מיט איר בין איך שוין אַביסל רואיקער צו גיין. מיין מוטער גיט מיר אַ קוישל מיט אַ געבונדענער הון און מיר לאָזן זיך ביידע אין וועג אַריין מיט דער לעבעדיקער סחורה.

מיט גרויס מי האָבן מיר זיך דורכגעשטופּט די טאַרהאָוויצע, וואו דער טומל און שטופּעניש איז געווען שרעקלעך. מיר קומען אַריין צו אשר שוחט און טרעפן דאָרט אַ היפּש ביסל „קליענטן": ווייבער, מיידלעך, יינגלעך — אַלע שטופּן זיך מיט די עופות צום שוחט, ווילן זיין די ערשטע.

דער שוחט, אָנגעטאָן אין אַ פאַרבלוטיקטן כאַלאַט, צו וועלכן עס האָבן זיך אָנגעקלעפּט אַ סך פעדערן, קוקט אויס ווי אַן אויסטערלישער פויגל, אַן אָדלער מיט קורצע פעדערן, נעבן אים שטייט אַ יונגערמאַן מיט אַ קורץ געקרייזלט בערדל, וועלכער לערנט זיך שחיטה.

אָבער אַלע מיידן עפּעס אויס דעם יונגן שוחט, און שטופּן זייערע עופות צום עלטערן שוחט אין די הענט אַריין.

— וואָס האָט מען נעבעך צו אים, פאַרוואָס וויל מען אים נישט געבן קיין איינציק עוף? — טראַכט איך, און ווען ער קוקט צו מיר, קריג איך אויף אים רחמנות און איך גיב אים די הון.

ער גיט אַ פּאָר מיטן חלף איבערן עופס העלדזל, נעמט האַסטיק פליקן די פעדערן פוןביידע פליגל, וועלכע פאַלן אַריין אין אַ גרויסן קאַסטן, און ער הענגט עס אויף עס זאָל אָפּרינען דאָס בלוט. נאָכדעם שטרעקט ער אויס די האַנט צו פּעסיס עוף, אָבער... זי בלייבט שטיין אין פאַרלעגנהייט און בעט זיך ביים עלטערן שוחט: „רב אשר, שעכט איר, איך בעט אייך!"

דער שוחט ווערט אין כעס: אַלע ווילן נאָר איך זאָל שעכטן! איך קען זיך נישט צערייסן, איר זעט דאָך, אַז איך האָב קיין צייט נישט!... נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, גיט זי איבער דאָס עוף צום יונגן שוחט...

דער שוחט גיט אַ פּאָר מיטן חלף און... בלייבט שטיין און קוקט אויפן העלדזל, קענטיק אין גרויס פאַרלעגנהייט. דער עלטערער שוחט כאַפּט אַ קוק אויפן עוף און קוקט זיך איבער מיטן יונגן שוחט...

פעסי ווערט בלייך ווי קרייד און אין אירע אויגן לויפן אָן טרערן...

— טריף! — ברענגט אַרויס דעם גרויזאַמען אורטייל דער עלטערער שוחט.

— איך האָב אייך געבעטן, רב אשר, — זאָגט פעסי שטיל און ווישט די אויגן...

מיר גייען אַהיים שווייגנדיקע, פעסי גייט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, אַ פאַרטראַכטע, זי גיט שוין אויף מיר ניט אַכטונג, ווי זי האָט עס געטאָן, ווען מיר זענען געגאַנגען צום שוחט. איר קאָפּ איז פאַרנומען מיט דער פראַגע ווי אַזוי זאָגט מען אָן דער מאַמען אַזאַ שלעכטע בשורה?...

איך מוז זיך אַליין שטאַרק היטן פון די פערד און בהמות אויף דער טאַרהאָוויצע, וואָס פאַרטויבן די אויערן. איך פיל פאַרשעמט מיטן כשרן עוף: „אויב עס האָט באַדאַרפט טריפה ווערן אַן עוף, פאַרוואָס איז עס בעסער ניט געווען מיין עוף? ביי אונדז זענען פאַראַן צענדליקער עופות, בעת פעסיס פאָטער וועט באַדאַרפן לייען ערגעץ אַ פּאָר גילדן צו קויפן אַן אַנדער עוף אויף שבת!“ — אַזוי האָב איך געטראַכט און עס האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף דער אומגליקלעכער מיידל. עס איז מיר אַפילו געקומען אַ מחשבה פאַרצושלאָגן איר זיך צו בייטן מיט די עופות, אָבער ערשטנס וואָלט עס געמיינט, אַז מיר וואָלטן געגעסן אַ טריפה עוף, צווייטנס וואָלט מען דערקענט אין דער וואָג, אַז מ׳האָט זיך פאַרביטן. מיין עוף איז געווען פיל גרעסער. דריטנס, וואָלט פעסי קיינמאָל נישט צוגעשטימט צו אַזאַ זאַך, זי איז געווען פון נאַטור זייער אַן ערלעכע...

גייען מיר אין דעם געדראַנג און טומל און איך פיל זיך אַליין ווי אַן „אָפּגעשאָכטענע“, קוקנדיק אויף פעסין נעבעך...

די „פאָלקס-באַנק“

ווען מ׳האָט געהערט די נייעס, אַז מרדכי וואלאשין איז אַהיימגעקומען פון אַמעריקע, איז אין אישיצע געוואָרן פריילעך. ערשטנס איז גלאַט אַ סענסאַציע אין שטילן פאַרשלאָפענעם שטעטל ווען עס קומט עמיצער, בפרט ווען מ׳קומט פון אַמעריקע! טאָמער איז עס ווייניק, איז מרדכי וואלאשין געווען זייער אַ חשובער, באַליבטער תשוב אין שטעטל צוליב זיין

אינטערעסאַנטער פּערזענלעכקייט, האָט מען זיך געטומלט און דאָס שטעטל איז ממש געגאַנגען אויף רעדלעך!...

אַלע זענען געגאַנגען אים זען, אָפּגעבן שלום און הערן פון אים די וואונדער פון דער גאָלדענער מדינה!

וואלאשין אַליין איז געווען אַ היפּש ביסל אָפּגעגילט: גאָלדענע ברילן, גאָלדענע ציין, גאָלדענע רינגען אויף די פינגער און אַ גאָלדענעם זייגער אויף אַ מאַסיוון גאָלדענעם קייטעלע.

איין מאָל האָט וואלאשין איינגעלאַדן צו זיך אייניקע סוחרים, קרעמער און אַרבעטער און האָט זיי פאָרגעשלאָגן צו גרינדן אַ באַנק, מ׳זאָל קויפן אַקציעס אויף אויסצוצאָלן און אַזוי אַרום וועלן נויטבאַדערפטיקע מיטגלידער קענען קריגן אַ גמילות חסד, און מיט דער צייט וועט מען אויך קענען עפענען אַ קראָם אין וועלכער מ׳וועט קענען קריגן פּראָדוקטן פאַר ביליקע פּרייזן.

מיין פאָטער ע״ה איז אַהיימגעקומען שפּעט ביינאַכט פון דער אסיפה און האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז די וועכנטלעכע זיצונגען וועלן פאָרקומען ביי אונדז אין שטוב, ווייל מ׳האָט אים אויסגעקליבן פאַר פּרעזידענט!

מיין מוטער איז פון דער נייעס נישט געווען שטאַרק צופרידן; מ׳וועט זיצן ביז שפּעט יעדן שבת אָוונט, עס וועט זיין אַ טומל און די קינדער וועלן נישט קענען שלאָפן — האָט זי פּרובירט פּראָטעסטירן, אָבער דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ גרויסע שטוב, און אַלע וויסן עס, טאָ ווי האָט ער געקענט אָפּזאָגן צו געבן די שטוב פאַר די וועכנטלעכע זיצונגען?

— מילא, איך וויל זיך מיט דיר נישט קריגן, אָבער ועסט שוין אַליין זען וואָס דו האָסט אויפגעטאָן! — ענטפערט די מאַמע.

שבת האָט געגאָסן אַ גאַנצן טאָג אַ רעגן, און מיין מוטער האָט געהאָפט, אַז עס וועט אויך אין אָוונט רעגענען, וועט מען נישט קומען, האָט זי גראָד געמאַכט אַ טעות: דער רעגן האָט אויפגעהערט, אָבער די טיפע בלאָטע איז געבליבן!

ווייל די בלאָטעס זענען שטאַרק טיפע, טראָגן אַ סך מענטשן נישט קיין קאַלאָשן נאָר שטיוול מיט הויכע כאַליעוועס...

עס איז זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער עולם, מ׳האָט זיך צוזאַמענגעדריקט ווי הערינג אין אַ פעסל, און פון די שטיוול זענען געפאַלן שטיקער בלאָטע, אַזוי אַז מ׳האָט באַדאַרפט אין הויז אָנטאָן קאַלאָשן!...

אַ רעש, אַ טומל, אַ יאַריד. יעדער וויל געבן אָנווייזונגען, איבערשרייען, און אַלע שרייען צוזאַמען. מיר, קינדער, זענען שטאַרק צופרידן פון דעם טומל, עס איז עפּעס נייעס, אָן אַטראַקציע, מיר האָבן נאָך קיינמאָל אַזוי פיל מענטשן נישט געזען, און עס איז נאָך קיינמאָל ביי אונדז אין הויז אַזוי פריילעך נישט געווען!

מיר פלאָנטערן זיך אונטער די שווער־באַשטיוולטע פיס פון סוחרים, קרעמער, שניידער, שוסטער, סטאָליאַרעס, בלעכער, קצבים, קאָוואַלעס און אַזוי ווייטער מיר ווערן שיער נישט צוטראָטן, אָבער... עס איז פאָרט פריילעך!

עס קומען אויך שכנים, קרובים און נאָך זייטיקע, וואָס האָבן נישט קיין אַקציעס, און הערן זיך צו וואָס ס׳קומט פאַר, אָבער די וואָס ווילן לייען געלט פאַסט נישט זייטיקע זאָלן עס וויסן, הענגט מען אויף אַ צעטל אויפן וואַנט אין רוסיש: „זייטיקע פאַרבאָטן״, אָבער יענע הערן דאָס צעטל ווי די וואַנט און זיצן ווי נישט זיי מיינט מען.

„אפשר קענען זיי נישט לייענען קיין רוסיש?״ — טראַכט דער בוכהאַלטער שייקע אַראַנזאָן און ער פרעגט אַ פּאָר זייטיקע (נישט קיין מיטגלידער):

— איר פאַרשטייט וואָס עס מיינט דאָרט דער אויפשריפט?

שמייכלט מען און איינער רופט זיך אָפּ: — וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? עס מיינט, אַז זייטיקע מענטשן זאָלן נישט זיצן דאָ, און זיך צוהערן ווער וויפל עס באָרגט געלט, עס איז טאַקע אַ שכל...

ער האָט טאַקע פאַרשטאַנען, אָבער — קיינער רירט זיך נישט פון אָרט!...

ווען מיין פאָטער זעט, אַז ס׳וועט גאָרנישט העלפן, זיי וועלן נישט גיין, זאָגט ער: — צו מיר קומען נישט קיין זייטיקע, אַלע וואָס קומען צו מיר אין הויז זענען היימישע!״

און יעדן שבת, ווען עס הויבט אָן ווערן נאַכט, קומען צו אונדז „היימישע״, וואָס זענען נאָך קיינמאָל ביי אונדז אין הויז נישט געווען!

איינער קומט פרעגן, ווען דער טאַטע פאָרט קיין מאָהילעוו, אַ צווייטער קומט איבערגעבן אַ גרוס זיין מחותן אין מאָהילעוו, אַ דריטע קומט צו דער מאַמען פרעגן וואו זי האָט זיך געמאַכט דאָס קלייד, וואָס זי האָט דאָ נישט לאַנג זיך אויפגענייט ביי אַ מאָדיסטקע, זי וויל אויך אַזאַ, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

ווען עס קומען די מיטגלידער פון באַנק, האָבן זיי שוין נישט וואו צו זיצן, ווייל אַלע בענקלעך און סאָפעס זענען שוין פאַרנומען פון די „היימישע״ מענטשן.

דאָס איז אָבער נישט קיין חסרון, נאָר אַ מעלה: זיי ווערן מיט דער צייט אויך מיטגלידער פון דער באַנק, און די באַנק וואַקסט, די אונטער־נעמונג איז אַ דערפאָלגרייכע.

מיט דער צייט האָבן די מיטגלידער באַשלאָסן אַרויסצוקריגן אַ דער־

לויבעניש אויף אַ קאָאָפּעראַטיווער קלייט, און מ׳נעמט זיך פֿאַרהאַנדלען וועגן דעם אין אַ גרעסערער שטאָט, ליטנעוועץ.

די אישיצער נגידים, וועלכע האָבן די גאַנצע צייט חוזק געמאַכט פון די אומערפאַרענע פירער, ווען זיי האָבן דערהערט אַז מען קלייבט זיך צו לעגאַליזירן די באַנק, האָבן זיי געשיקט זייערע אַ פּאָר אַדיוטאַנטן צו לאָזן וויסן, אַז זיי ווילן קומען ווערן מיטגלידער און... וועגווייזער, פירער!

„מיר בויטיקן זיך נישט אין קיין וועגווייזער, ווי מיר זענען אויסגעקומען אָן זיי ביז איצט, אַזוי וועלן מיר אויסקומען אויך ווייטער”, האָבן געענטפערט די אַקציאָנערן פון דער באַנק.

אַנדערע האָבן זיך געקאָכט: „ביז איצט זענען זיי געשטאַנען פון דער ווייטנס און אָפּגעלאַכט פון אונדז. איצט צום גרייטן, ווען מיר וועלן האָבן ביליקע פּראָדוקטן פון אַ קאָאָפּעראַטיוו, ווילן זיי קומען!” און באַשלאָסן זיי נישט אַריינצונעמען.

ווען די נגידים האָבן געקראָגן אָט דעם ענטפער האָבן זיי באַפוילן, אַז... צי מ׳וויל, צי מ׳וויל נישט, וועלן זיי דוקא ווערן די פירער פון דער באַנק!

עס איז געווען מיט אַ פּאָר טעג פריער, ווען עס האָט באַדאַרפט קומען אַ באַאַמטעטער פון דער גובערניע, אין וועמעס קעגנוואַרט עס האָט באַדאַרפט אויסגעקליבן ווערן די עקזעקוטיווע, און ער וועט אַרויסגעבן די דערלויבעניש פאַ רדער באַנק און „קאָאָפּעראַטיוונאַ לאַווקאַ”.

ביי אונדז אין הויז איז, ווי געוויינלעך אַלעשבת אָוונט, פאַרגעקומען די „זאַסעדאַניע”.

אַלע זענען געווען אין אַן אויפגערעגטער שטימונג סיי פון דערוואַרטונג, סיי פון נצחון מיט די נגידים.

די לופט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז דער לאָמפּ איז פאַרלאָשן געוואָרן, מ׳האָט אים אָנגעצונדן און ער האָט זיך געלאָשן ווידער און ווידער, האָט מען אָנגעצונדן ליכט און קוים מיט צרות געמאַכט עטוואָס ליכטיק.

אַלע שרייען, קאָכן זיך: — בלוט וועט זיך גיסן אויב מ׳וועט אַריינגעמען איינעם פון זיי! מיר האָבן געבויט און זיי וועלן קומען באַלעבאַטעווען! וואו זיינען זיי געווען פריער?

— זאָל זיין שטיל, איך בעט אייך, מ׳דאַרף נישט פאַרגיסן קיין בלוט, עס איז נישט שיין פאַר יידן אַפילו אַזוי צו רעדן, מיר וועלן זיי נישט אַריינגעמען, דאָס אַלעס — באַמיט זיך מיין פאָטער זיי צו באַרואיקן...

עס איז שוין פאַרטאָג, מיר די קינדער זיצן בלייכע, שלעפעריקע,

פּאַרמאַטערטע, אָבער ווי קען מען אונדז לייגן שלאָפן, אַז די געוואַלדן גייען עד לב השמים.

ענדלעך, מיט גרויס מי, געלינגט מיין פאָטער צו פועלן ביי דער חברה, זיי זאָלן זיך פאַנאַנדערגיין, און מיר גייען שלאָפן.

אַ טאָג פאַרן אָנקומען פון באַאַמטן, איז געקומען צו לויפן צו אונדז יעקב־ישראל, אַ קירזשנער, פאַרסאָפּעט, פאַרשוויצט, און בלייך ווי קרייד, ער וויל עפּעס זאָגן און קען נישט...

מיין פאָטער באַמיט זיך אים צו באַרואיקן און ענדלעך קומט ער צו זיך אַביסל, און ער דערציילט מיט אַ וויינענדיקער שטימע: „אַלע נגידים זענען איצט פאַרזאַמלט ביי ליפּע יחזקאלס, זיי טיילן לעקעך און בראָנפן צו די אַרבעטער, מ׳טרינקט לחיים און מ׳איז אַזוי פאַרשניאַשקעט, אַז מ׳טאַנצט אויפן טיש!..."

מיין פאָטער קוקט אים אָן, ווי ער וואָלט געקומען פון אַן אַנדער פּלאַנעט, ערגעץ פון יענער וועלט, און ער פרעגט:

— ווי איז עס מעגלעך, זיי האָבן דאָך ערשט שבת ביינאַכט געשריען ביי מיר אין הויז, אַז בלוט וועט פאַרגאָסן ווערן, אויב מ׳וועט אַרייננעמען עמיצן פון די נגידים?!

— ווען מ׳גיט בראָנפן איז אַלעס מעגלעך! — ענטפערט ער.

מאָטיע באַדנער, וועלכער וואוינט ביי אונדז אין אַ שטוב שוין היפּשע עטלעכע יאָר, און איז נאַטירלעך אויך אַ מיטגליד פון דער באַנק, זעט ווי דער טאַטע טענהט עפּעס מיט יעקב־ישראלן, קומט ער צו, און ווען ער הערט אויס דעם באַריכט הויבט ער זיך אויף און גייט אַוועק צו ליפּע יחזקאלס אויסגעפינען וואָס דאָרטן קומט פאָר.

עס נעמט נישט לאַנג און ער קומט צוריק מיט אַ ריינעם ענטפער: „עס איז אמת, מ׳טרינקט און מ׳טאַנצט, אַז עס גייט אַזש אַ רויך!"

* * *

אין טאָג פון די וואַלן זענען די גבירים געקומען צוזאַמען מיטן באַאַמטן אין אופּראַווע, וואו עס האָבן באַדאַרפט פאָרקומען די וואַלן און זיי זענען מיט אים געווען „אויף דו". זיי זענען אַלע געווען פאַרשניאַש־קעט, און אַזוי אויך די פּאָליציי, וואָס האָט געזאָלט האַלטן אָרדנונג.

מ׳האָט נאָמינירט די גבירים און יעדער איינער האָט אַריינגעוואָרפן צו עטלעכע באַלאָטס אין שטים קעסטל, אַזוי אַז נאָכן ציילן האָבן זיי געהאַט צוויי מאָל אַזוי פיל שטימען, וויפל מענטשן עס זענען געווען אַנוועזנד.

ווען עמיצער האָט פּרובירט אָנווייזן די געזעץ־היטער אויף דעם לעכער־לעכן פאַקט, האָט מען אים גלייך אַרויסגעפירט אַלס אַ „טומל מאַכער וואָס שטערט די אָרדנונג".

מיין פֿאָטער איז אַהיימגעקומען דריי אַזייגער פֿאַרטאָג, אַ בלייכער, אַ פֿאַרשעמטער.

— ביי מיר האָט מען אָנגעטראָגן בלאָטע, אָנגערויכערט, אָנגעשפּיגן אויפֿן דיל, אויפֿגעוועקט אָדער אײַנגאַנצן נישט געלאָזט שלאָפֿן די קינדער, און זיי וועלן איצט האָבן ביליקע פּראָדוקטן! וואָלטן כאָטש די אַרבעטער עפּעס געקראָגן, וואָלט מיר נישט ווי געטאָן, ווערט מען זיי אָבער געבן אַ פֿייג! מ׳האָט זיי אָנגעטרונקען מיט בראָנפֿן, און דאָס איז פֿאַר זיי דאָס בעסטע! אַ בראָך צו די יאָרן, וואָס פֿאַר אַ ווערט עס האָט זייער וואָרט, און מיט ווער מען זענען דאָ געגאַנגען עפּעס אויפֿטאָן!...

גיי ווייס, אַז זיי זענען אַזעלכע אומוויסנדע פּערד, אַזעלכע אידיאָטן, וואָס פֿאַר אַ גלעזל בראָנפֿן וועלן זיי פֿאַרקויפֿן דאָס הייליקסטע. ווער איז דען מער געווען קעגן די גבֿידים ווי זיי אַליין? מיר האָט גאָר פֿאַרדראָסן וואָס זיי קאָכן זיך אַזוי, און שרייען, אַז בלוט וועט פֿאַרגאָסן ווערן, אויב מ׳וועט אימיצן פֿון זיי אַריינגעמען, אָבער אויך איך האָב געטראַכט: דער אמת איז דאָך, אַז מיר האָבן געבויט, נישט זיי, און זיי האָבן דאָך אָפּגעלאַכט פֿון אונדז, טאָ פֿאַרוואָס קומט זיי צו ווערן די פֿירער?

אַזוי רעדט מיין פֿאָטער, און ער לייגט זיך אין בעט נישט אויסגעטאָן אַפֿילו די קליידער.

— נחום, זאָלסט מיר געזונט זיין, באַרואיק זיך, טו זיך אויס — בעט זיך ביי אים די מאַמע מיט אַ וויינענדיקער שטימע, בעת איך שטיי נעבן טאַטנס בעט און טרערן פֿליסן פֿון מיינע אויגן...

דער טאַטע באַמערקט עס, גיט ער מיר אַ גלעט איבערן קאָפּ:

— אַזאַ יושר הערשט אויף דער וועלט, מיין קינד... — זאָגט ער מיט אַ זיפֿץ און גיט צו: וועסט עלטער ווערן וועסטו ערשט געוואויר ווערן וועגן מענטשלעכן יושר און גערעכטיקייט...

* * *

מיט אַ צייט שפּעטער נאָך דער פּאַסירונג איז אַריינגעקומען צו אונדז אַן אַרבעטער עפּעס קויפֿן אין קראָם.

וויסנדיק, אַז ער איז אַ מיטגליד פֿון באַנק, פֿרעגט אים מיין פֿאָטער: „קריגסט פּראָדוקטן פֿאַר ביליק פֿון דער קאָאָפּעראַטיווער קלייט?"

— עס איז דען אַמאָל דאָ עפּעס? די גבֿידים נעמען צו פֿאַר זיך אַלעס גלייך ווי מ׳ברענגט עס אַריין אין קלייט, אָבער וואָס מיך פֿאַרדריסט אַמערסטן איז... ווען מ׳טיילט בראָנפֿן, גיט מען מיר אַלע מאָל דאָס קלענסטע גלעזעלע — האָט זיך געקלאָגט דער פּראָלעטאַריער מיט אַ זיפֿץ...

דאָבע

אַ קליינגעוויקסיקע, אַ בויגעוודיקע, מיט שוואַרצע, סאַמעטענע, פאַר־חלומטע אויגן, מיט שוואַרצע' געדיכטע לאַנגע וויעס, וואָס דערמאָנען אין פאַרהאַנגען, שניי־ווייסע, פערלדיקע ציין צווישן העל־רויטע (אָן ליפּסטיק) דינע ליפּן, מיט צוויי דיקע, לאַנגע צעפּ ביז די קני, — דאָס שטעלט מיט זיך פאָר דאָבע, דעם פעטער ישראלס פון וועטראַנקע.

ווען דאָבע קומט צו אונדז פון דאָרף, קומען אַלע אישיצער אינטעלי־גענטן־בחורים זי זען. אַלע האָבן זיי ליב די „פאַרפירערישע ציגיינערן", אַזוי רופן די קאַוואַליערן דאָבען.

— פון וואַנען געפינען זיי אויס אַזוי שנעל אַז דו ביסט דאָ? — פרעגט מיין מוטער דאָבען.

— דער טייוול ווייסט זיי, „טשודאַקעס" זיינען זיי און אַלע דערקלערן זיי זיך מיר אין ליבע, — און זי לאַכט מיט איר כישופדיק־פאַרפירערישן געלעכטער.

ווען דאָבע גייט זען אַנדערע קרובים, זאָגט מיין מוטער: „איך האָב נאָך נישט געזען אַ מיידל זאָל האָבן אַזוי פיל בחורים און אַלע זיינען זיי ממש די כפרה פאַר איר".

— וואָס איז דער חידוש, זי איז דאָך אַ קראַסאַוויצע! — ענטפערט מיין פאָטער קענטיק אַ שטאָלצער, ווייל זי איז זיין קוזינע.

ער טראַכט אַ ווײַלע און זאָגט: — הלואי האָט זי חתונה איצט, ווען זי איז יונג, אַ מיידל האָט בעלנים אויף זיך, ווען זי איז יונג און שיין. קוים בליט זי אָפּ, איז אויס, — הויבט ער אָן דאָס באַקאַנטע לידל, ער גיט אַ זיפץ — זאָל זי פון אַלע גליקן חלילה נישט פאַרבלייבן אַן אַלטע מויד".

מיין פאָטער ע"ה איז, ווייזט אויס, געווען שטאַרק צופרידן פון זיין שידוך. ער האָט אַלעמען געוואָלט זען פאַרהייראַט, און וואָס גיכער, אַלץ בעסער. אַזוי איז געווען מיט זיין ברודער דאָדי, מיט זיין קוזינע דאָבע און אויך מיט מיר, זיין טאָכטער.

דאָבע שלאָפט מיט מיר אין מיין צימער, אין איין בעט. זי דערציילט מיר פון אירע וויזיטן צו איר רייכן אָנקל פלאַטאָן, וועלכער וואוינט אין אָדעס, און איז אַ דענטיסט, אַז אַ דאַנק דעם אָנקל, זיינען אירע צוויי ברידער, מאַנעס און יעפים, געוואָרן דענטיסטן. וואָס וואָלט פון זיי געוואָרן אין דאָרף, ווען נישט אָנקל פלאַטאָן, מאַכט פון זיי מענטשן — זאָגט זי.

אויך ווען איך קום קיין אָדעס, קומען צו מיר אפשר צוואַנציק בחורים, און אַלע ווילן זיי מיט מיר הייראַטן. טשודאַקעס, ווי קען איך

הייראַטן מיט אַזוי פיל בחורים? — דאָבע לאַכט זיך פונאַנדער אַזוי שטאַרק, אַז עס וויגט זיך דאָס בעט.

איינמאָל דערציילט זי מיר, אַז זי איז פאַרליבט אין אַן... אָפיציר.

— עס זיינען דאָ יידישע אָפיצירן?! — גיב איך זיך אַ כאַפּ פאַר־וואונדערט.

— „דוראַטשקאָ" (נאַרעלע), עס זיינען נישטאָ קיין יידישע אָפיצירן, ער איז אַ קריסט, ער איז אַזאַ הויכער, שלאַנקער, מיט בלויע אויגן ווי דער הימל, און וואָס פאַר אַ ליבעס־בריוו ער שרייבט מיר — טענהט זי.

— איך האָב דיך מער נישט ליב — זאָג איך, און דריי זיך אויס צו איר מיטן רוקן.

— ביסט אַ קינד, וואָס ווייסטו, וואָס האָסטו געזען און וואָס פאַר־שטייסטו? — ענטפערט זי.

איך האָב יענע נאַכט נישט געקאָנט איינשלאָפן. אויפן אַנדערן טאָג גיט מיר דאָבע אַ שטיקל „איריס" (צוקערקע), אָבער איך וויל נישט נעמען.

— זינט ווען זאָגסטו זיך אָפּ פון „איריס"? — וואונדערט זיך מיין מוטער. דאָבע פאַררויטלט זיך: — זי איז אויף מיר ברוגז — ענטפערט זי פאַר מיר. מיין מוטער קוקט אויף דאָבען און אויף מיר; זי זעט, אַז עפּעס איז צווישן אונדז נישט גלאַטיק, אָבער מיר דערציילן איר, באַטירלעך, נישט די סיבה פון „פּלוצלונגדיקן אומחן אויף איריס". שפּעטער, ווען דאָבע פּוצט זיך אויס אין איר ווייסן קלייד, וואָס זי האָט געקויפט אין אָדעס, און זי צעלאָזט אירע לאַנגע, געדיכטע, שוואַרצע צעפּ, וועלכע פאַרדעקן אַ העלפט פון איר פיגור, און מאַכן זי, האַלב שוואַרץ און האַלב ווייס, ווערט זי אַזוי באַצויבערנדיק, אַז... „זאָל זי זיין פאַרליבט אַפילו אין צען אָפיצירן, האָב איך זי פאָרט ליב", — טראָגט זיך דורך אין מיין מוח. ווי זי וואָלט לייענען אין מיינע אויגן, מיין אַנטציקונג, דאָבע, כאַפּט זי מיך אַרום און דריקט מיך צו פעסט צו זיך.

* * *

איינמאָל, ווען דאָבע איז געווען ביי אונדז אַ לענגערע צייט, האָט איר דער פּאָסטמאַן אָפּגעגעבן אַ ראָזאָווע בריוועלע, מיט אַ בלימעלע אויפן קאָנווערט. זי האָט עס שנעל איבערגעלייענט, און באַמערקנדיק ווי איך קוק אויף איר נייגעריק, האָט זי מיך געפרעגט: — ווילסטו לייענען? — עס איז פון וולאַדימירן. איך האָב געשוויגן... זי האָט עס מיר דערלאַנגט. כאָטש איך האָב געפילט אַ פאַרדרוס ביז וויטאָג, האָב איך אָבער נישט געקענט באַהערשן די נייגעריקייט און גענומען לייענען: „מיין האַרץ ווערט פאַרברענט פון בענקשאַפט נאָך דיר, מיין נשמה! די זון שיינט נישט פאַר

מיר ווען דו ביסט ווייט פון מיר, מיין הימלישער מלאך, ווען איך וועל נאָר קריגן אורלויב, וועל איך לויפן צו דיר". — און אַזוי ווייטער.

דאָבע נעמט נישט אַרונטער אירע אויגן פון מיר, דאָס באַמערק איך, ווען איך קען נישט איבערלייענען אַ פּאָר ווערטער און קוק צו איר פרעגנדיק. זי קוקט נישט אין בריוול, אָבער ווייסט שוין אויף אויסנווייניק, וואָס עס גייט דאָרט אָן, זאָגט זי מיר אונטער... — ענדלעך גיב איך איר צוריק דאָס בריוועלע מיטן בלימעלע, אַ שווייגנדיקע.

— עס געפעלט דיר נישט? — פרעגט זי.

— ווען עס זאָל זיין פון אַ יידן וואָלט עס מיר געפעלן. זי קוקט אויף מיר מיט פאַרנעפּלטע, אומעטיקע אויגן און עס רייסט זיך ביי איר אַרויס אַ טיפער זיפץ. איך נוץ אויס די געלעגנהייט און כאַפּ אונטער... שטעל דיר פאָר, ווי דיינע טאַטע־מאַמע וועלן פילן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן.

— איך וועל דען מיט אים הייראַטן, ווי אַזוי וועלן זיי וויסן?

— וואָס דען, וועסט נישט הייראַטן מיט אים? — האָסט דאָך אים ליב? — טענה איך.

דאָבעס אויגן אונטער די לאַנגע שוואַרצע „פאַרהאַנגען" ווערן ווי אויסגעלאָשן, אירע ליפּן ציטערן נערוועז.

זי וויל עפּעס זאָגן, און קענטיק, אַז זי האָט מורא, אַז זי וועט זיך פאַנאַנדערוויינען. זי וואַרט אַ ווײַלע באַהערשט זיך, און זאָגט: „נאַרעלע, איך וועל עס נישט טאָן צו מיינע עלטערן, אונדזער ליבע וועט בלייבן אַ שיינע, אַ ריינע און הייליקע, ווען מ'וויל, אַז אַ ליבע זאָל בלייבן הייליק, איז בעסער נישט צו הייראַטן".

מיט אַמאָל פאַלן אויף מיינע קני ראָזעווע „שנייעלעך". איך הויב אויף די אויגן: דאָבע, רייסט מיט נערוועזע פינגער דאָס בריוועלע אויף קליינטשיקע, פּיצענקע שטיקעלעך, ווי זי וואָלט נישט וועלן קיין איינציק וואָרט זאָל בלייבן גאַנץ. „דאָס צערייסט זי, איר גרויסע ליבע", טראַכט איך, און מיין האַרץ טוט אַזוי וויי פון רחמנות צו דאָבען. איך פיל מיט איר האַרץ און איך האָב גלייכצייטיק רחמנות אויפן אומבאַקאַנטן, רוסישן אָפיציר וולאַדימיר — ער וועט ליידן. אמת, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אַ רוסישער אָפיציר קען זיך פאַרליבן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק אין אַן אַנדער מיידל, אָבער נישט, ווען די מיידל איז דאָבע... אין איר וועט וולאַדימיר נישט אַזוי גרינג פאַרגעסן, אַפילו מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער וועט באַגעגענען אַ פרוי, וואָס וועט נאָר האָבן אָט אַזעלכע לאַנגע ווייעס איבער אירע שוואַרצע, ברילליאַנטענע אויגן, וועט בענקען זיין האַרץ. אָרעמער וולאַדימיר, וואָס האָב איך צו אים? — האָט ער מיר אַמאָל שלעכטס געטאָן? מיר האָבן זיך

אַפילו קיינמאָל נישט געזען, טאָ פאַרוואָס האָב איך איצט צובראָכן זיין האַרץ, זיין גליק? איך טרייסט זיך אָבער מיטן פאַקט, וואָס מענטשן זאָגן, אַז אַ געמישטע הייראַט, איז זעלטן דערפאָלגרייך. אַז ווען אַ קריסט הייראַט אַ יידישע טאָכטער, וואַרפט ער איר אויף ביי יעדער געלעגנהייט, אַז זי איז אַ „זשידאָווקע", אַז קריסטן זיינען גרייט גאַנץ אָפט צו דערלאַנגען דער פרוי קלעפּ אַפילו ווען זי איז אַ קריסטין, בפרט, ווען זי איז אַ זשידאָווקע, איז דאָך עס פּשוט אַ מצוה־זאַך.

אָט די געדאַנקען, וואָס ווערן אָפט אַרויסגעזאָגט פון דערוואַקסענע, און איך האָב זיך אין זיי איצט דערמאָנט — ברענגען פולע באַרואיקונג צו מיין יונגן, אומשולדיק נאַאיוון געוויסן. איך ווישׁ אויס די אָנגעלאָפענע טרערן אין מיינע אויגן און... עס טוט מיר נישט באַנג.

י ע ק ב . . .

איך בין דאָן אַלט געווען אַ יאָר 15, ווען יעקב האָט אָנגעהויבן אַריינ־קומען צו אונדז אין הויז, יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען אין שטאָט אַריין.

יעקב האָט געוואוינט אין אַ דאָרף נישט ווייט פון אישיצע.

כאָטש אישיצע איז געווען גרויס ווי אַ גענעץ, האָט עס אָבער פאָרט געהייסן אַז „מ'פאָרט אין שטאָט אַריין".

יעקבס אויסזען איז געווען נישט קיין געוויינלעכער. ער איז געווען זייער אַ הויכער, אַ שלאַנקער, מיט גרויסע, בלויע אויגן און ער פלעגט טראָגן לאַנגע האָר. דערצו האָט ער געלייענט אַ סך ביכער און זיך געחברט מיט דער קריסטלעכער לערערן פון דאָרף.

יעדעס מאָל ווען ער איז געקומען, האָט ער מיר געבראַכט אַ בוך פון די רוסישע קלאַסיקער.

מער פון אַלע אַנדערע איז ביי יעקבן געווען באַליבט טאָלסטאָי, און ער פלעגט פאַר מיר לייען די ביכער ביי דער לערערן.

אין דאָרף האָט מען נישט געהאַלטן פון יעקבן; סיי זיין האָבן צו טאָן מיט ביכער, סיי דאָס חברן זיך מיט אַ „שיקסע", האָבן אים קיין גוטס נישט געטאָן אין די אויגן פון די דאָרפס־יידן, און אַפילו אין די שטאָטישע!

אויך בייאונדז אין הויז זענען מיינע עלטערן קענטיק נישט געווען צופרידן פון מיין פריינטשאַפט מיט יעקבן. יעדעס מאָל ווען ער פלעגט קומען, פלעגן מיר גיין שפּאַצירן צום טייך.

יעקב האָט זיך אויך געחברט מיט מיינעם אַ קאַזין וועלכער איז געווען אַ מוזיקער. ער האָט געשפּילט פידל און אויך אויף אַ קלאַרנעט.

אויך איך האָב געשפּילט פידל אַ דאַנק מיין קאָזין. ער פלעגט מיר געבן מוזיק־לעקציעס.

איינמאָל, ווען יעקב איז געווען ביי אונז און מיר האָבן זיך געקליבן גיין צום טייך פּאַר אַ שפּאַציר, איז אָנגעקומען מיין קאָזין דער פידל־שפּילער. מיר האָבן געקוקט אויף אים מיט גרויס דרך־ארץ, סיי ווייל ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, סיי דערפאַר וואָס ער איז געווען עלטער פון אונדז מיט היפּשע עטלעכע יאָר.

— וואוהין גייט איר? אויב צום טייך גיי איך אויך מיט אייך! — האָט ער אויסגערופן.

— מיט פאַרגעניגן — האָבן מיר ביידע געענטפערט צופרידענע פון זיין קאָמפּאַני, און מיר זענען אַלע דריי אַוועקגעגאַנגען.

יעקב האָט יענעם פאַרנאַכט געקוקט אויף מיר מיט זיינע גרויסע, בלויע אויגן און עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט מיר עפּעס וויכטיקס געהאַט צו זאָגן, אָבער ווייל עס איז אַזוי וויכטיק, קען ער עס נישט זאָגן!...

מיט אַמאָל האָט ער זיך געווענדעט צו מיין קאָזין: — ווי דענקסטו, ווען איינער דערקלערט זיך אָט דער חנהקען אין ליבע און ער פאָרט אַוועק פאַר עטלעכע יאָר, וואָלט זי געקענט וואַרטן ביז ער וואָלט זי געקענט נעמען צו זיך?

יענער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פאַרשנדיקן בליק, אַ ווײַלע געשוויגן און ענדלעך געענטפערט:

עס ווענדט זיך אויף וויפל זי האָט אים ליב: אַמאָל קען זי אים געדענקען אַ יאָר, אַמאָל צוויי און אַפילו עטלעכע יאָר אויב זי האָט אים שטאַרק ליב...

— אויב זי האָט אים שטאַרק ליב — האָט איבערגעחזרט יעקב און ער האָט אַ זיפץ געטאָן.

יעקב האָט געוואוסט אַז איך קען אים נאָך ווייניק און דערצו בין איך מיט היפּשע עטלעכע יאָר יינגער פון אים, כמעט אַ קינד.

איך בין געגאַנגען צווישן די צוויי עלטערע בחורים אַ שטילע, אַ שווייגנדיקע. איך האָב נישט געוואוסט אַז יעקב איז שוין צוואַנציק יאָר אַלט און קלייבט זיך צו „אַנטלויפן" קיין אַמעריקע, כדי אויסצומיידן מיליטער־דינסט.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַרג קלעצער וואָס זענען געלעגן ביים ברעג טייך...

עס איז געווען איינער פון די כישופדיקע זומער־פאַרנאַכטן אין אוקראַינע!

די זון האָט זיך גענומען אָפּרוקן אונטערן באַרג, וואַרפנדיק אירע לעצטע שטראַלן אויף דעם קינסטלערס טונקעלן, כמעט ציגיינערשן פּנים...

מיין קאָזין האָט געזונגען אַ רוסישן ראָמאַנס און האָט נישט אַרונטער־גענומען זיינע פאַרשנדיקע אויגן פון יעקבן. ער האָט קוים באַמערקבאַר געשמייכלט, זיין בליק האָט אויסגעדריקט אי מיטגעפיל אַ סקעפּטיציזם, ווי ער וואָלט געחוזקט פון קינדער... מיר האָט עס זויי געטאָן.

עס האָט גענומען ווערן טונקל און מיר האָבן זיך אויפגעהויבן פון די קלעצער און זיך געלאָזט צוריק אין שטאָט אַריין.

יעקב האָט מיר דערציילט עפּעס וועגן אינהאַלט פון טאָלסטאָיס אַ דערציילונג און ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט. דאָס איז געווען פאַר מיר מאָדנע; ער האָט עס קיינמאָל פריער נישט געטאָן, ווען מיר זענען געווען אַליין, און דאָ איז דער אָנוועזנהייט פון מיין קאָזין!...

ערשט מיט אייניקע טעג שפּעטער, ווען איך האָב דערהאַלטן אַ קאַרטל פון „יענער זייט גרענעץ", האָב איך עס פאַרשטאַנען:

„אַנטשולדיקט, מיין ליבסטע, וואָס איך האָב אייך נישט געזאָגט, אַז איך פאַרלאָז דאָס לאַנד, און האָב זיך מיט אייך נישט געזעגנט. איך האָב מורא געהאַט פאַר טרערן... אייגנטלעך האָב איך זיך מיט אייך געזעגנט, אָבער איר האָט נישט געוואוסט: איר געדענקט בעת איך האָב אייך דערציילט דעם אינהאַלט פון אַ דערציילונג, האָב איך אָנגענומען אייער קליין הענטל?!...

„איך שיק אייך מיין האַרציקן דאַנק פאַר די אַלע שעהן וואָס איר האָט מיט מיר פאַרבראַכטביים טייך, איך וועל זיי קיינמאָל נישט פאַרגעסן!...

אייער יעקב."

איך פאַרלאָז מיין היים

עס איז געווען אין צייט פון בירגער־קריג, ווען מיר האָבן דורכגעלעבט אַ סך שרעק פון די פאַרשיידענע באַנדעס מערדער. איך בין געווען אַ פּאָר מאָנאַטן פאַרהייראַט, ווען מיר האָבן באַשלאָסן אויסצואוואַנדערן קיין רומעניע, מיט דער האָפנונג, אַז מיר וועלן מיט דער צייט עמיגרירן קיין בראַזיל אָדער קאַנאַדע, וואוהין עס וועט זיך לאָזן. מיר האָבן דאַן געוואוינט אין קאַליס, און מיין יונגערער ברודער, וועלכער האָט באַשלאָסן צו פאָרן מיט אונדז, האָט אונדז געשריבן מיר זאָלן קומען אין מיין היים־שטעטל, וואו מיר וועלן „גנבענען די גרענעץ". עס איז דאַן געווען זייער שטרענג ביי די גרענעצן, און מ'האָט אויסגעשאָסן אַ סך מענטשן...

אונדזער קומען קיין אישיצע איז געווען אין געהיים, קיינער פון מיינע נאָענטע פריינט האָט נישט געוואוסט' אַז מיר זענען געקומען אַהיים. מיינע עלטערן זענען געווען זייער באַטריבט און נידערגעשלאָגן סיי פון אונדזער אָפּפאָרן, סיי פון שרעק פאַרן קרייצן די גרענעץ אין אַזאַ געפערלעכער צייט!... זיי זענען אַרומגעגאַנגען שווייגנדיקע, ווי אין אַ הויז, וואו עס געפינט זיך אַ געפערלעכער חולה. מיר אַלע דריי האָבן געוואַרט אומגעדולדיק אויפן קאָנטראַבאַנדיסט, וואָס האָט באַדאַרפט קומען אין אָוונט אונדז פירן צום דניעסטער. עס איז געווען אַ קאַלטע ווינטער נאַכט. מיר זענען געווען גרייט ווען דער פויער איז אַריינגעקומען און אונדז קורץ אַ רוף געטאָן: קומט!...

איך גיי צו צו מיין פאָטער און זאָג: „זיי געזונט, טאַטע!"... — „אוי!" — רייסט זיך אַרויס אַ זיפץ פון זיין ברוסט, ער נעמט מיך אַרום און עס פאַלן טרערן פון זיינע אויגן... איך דערנענטער זיך צו דער מאַמען... שנעלער, מאַכט עס שנעלער!", שעפּטשעט דער מאַן, וואָס וואַרט אויף אונדז אומגעדולדיק.

איך זעגן זיך מיט מיין דרייצניאָריקן ברודערל, און גיי צו צו דער שיקסל, וואָס אַרבעט ביי אונדז זינט פעדאָראַ האָט חתונה געהאַט. זי וויינט אויף אַ הויך קול, און דרייט זיך אַוועק ווען איך וויל איר געבן אַ געלט מתנה... מיין מוטער נעמט דאָס געלט: איך וועל עס איר שפּעטער געבן, זאָגט זי.

מיר כאַפּן זיך שנעל אַרויס פון הויז... דער מאַן גייט פאָרויס און מיר אַלע דריי — נאָך אים... פאַרן פאַרנעמען זיך אין אַ זייטיק געסל בלייב איך שטיין, איך וואַרף אַ לעצטן בליק אויף דעם הויז, וואו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן, געלאָזט די ערשטע צוויי און צוואַנציק יאָר פון מיין לעבן.. „איך וועל שוין דאָס הויז מער קיינמאָל נישט זען"... — טראָגט זיך דורך אין מיין מוח. און טרערן גיסן פון מיינע אויגן. דער קאָנטראַ-באַנדיסט קוקט זיך אום אויף צוריק. שנעלער! שנעלער! בייזערט ער זיך מיט אַ פאַרקרימטן פּנים פון כעס...

מיר זענען געגאַנגען מיט הינטערגעסלעך אַרום אַ שעה און ענדלעך האָט ער אונדז געבראַכט אין אַ קליין שטיבל, נישט ווייט פון ברעג דניעסטער. דאָרט זענען געווען נאָך אַ פּאָר פויערים און אַ גרופּע פון אַרום אַכט מענטשן, צווישן זיי אַן עלטערע פרוי, האָט זיך געקליבן צו גיין מיט אונדז...

מיר גייען אַלע אַרויס אין דער פינצטערער נאַכט. ס'איז שאַ-שטיל, אָט זענען מיר שוין ביים ברעג פון דניעסטער... עמיצער גיט אַ הוסט... „שטיל!", שיפּיעט דער קאָנטראַבאַנדיסט מיט כעס... עס הערט זיך אַ

שאָס פון אַ ביקס... „בויגט זיך אַראָפּ צו דער ערד!"... באַפעלט איינער פון די קאָנטראַבאַנדיסטן. מיר בויגן זיך אַלע אַראָפּ אויף דעם קאַלטן שניי און אייז, בעת די הערצער קלאַפּן האַסטיק פון שרעק...

ענדלעך ווערט שטיל. מיר הויבן זיך אויף און שפּאַנען ווייטער... מיט אַמאָל צעוועטלען זיך שטיל די דריי פּויערים, און עס ברעכט אויס אַ קריג צווישן זיי. זיי הייסן אונז זיך אומקערן צוריק... מיר גייען צוריק. אַ ברירה האָבן מיר? אָט זענען מיר שוין צוריקגעקומען אין קליינעם שטיבעלע און זיי, די פּויערים קריגן זיך נאָך אַלץ, און עס האַלט ביי קלעפּ... „ווער ווייסט וואָס עס וועט נאָך זיין, מעגלעך אַז מיר וועלן זיך מוזן אומקערן אַהיים", רעדן צווישן זיך די אומגליקלעכע מענטשן, און עס איז אונדז ביטער און פינצטער! ענדלעך האָט גאָט רחמנות געהאַט אויף אונדז. די פּויערים האָבן זיך אויסגעגלייכט און זיי פירן אונדז ווידער צו דער גרענעץ.

מיר שפּאַנען שווער, אין אונדזערע שווערע, ווינטערדיקע קליידער, מיט פּעקלעך און קלומעקעס אין די הענט. מיט אַמאָל באַמערק איך די עלטערע פרוי איז ווייט הינטערשטעליק פון אונדז. איך בלייב שטיין, מיין מאַן רופט מיך, מיין ברודער איז בייז, אָבער איך וואַרט אויף דער פרוי. וואַרטן זיי אויך. ענדלעך יאָגט זי אונדז אָן. עס נעמט אָבער נישט לאַנג און ווידער דאָס זעלבע. זי איז ווידער הינטערשטעליק פון אונדז... איך רוף איינעם פון די קאָנטראַבאַנדיסטן, ער ווערט אין כעס, אָבער ער גייט צוריק און ברענגט די פרוי צו דער קאָמפּאַניע...

מיר גליטשן זיך איבער בערג, קריכן איבער ריזיקע שטיינער, פאַר־טשעפּען זיך אין ביימער... איך דערמאָן זיך אין דער פרוי, איך זוך זי, זי איז נישטאָ... איך בלייב שטיין אַ ווײַלע.

— גייט נאָך דער פרוי! — ווענדע איך זיך צו איינעם פון די דריי קאָנטראַבאַנדיסטן.

— וואָס ווילט איר, אַז זי קען נישט גיין, האָט זי זיך נישט באַדאַרפט אונטערנעמען! — שרייט ער מיט כעס.

איך ווענדע זיך צו אַ צווייטן:

— האָט גאָט אין האַרצן! ווי מעג מען לאָזן אַליין אַ מענטשן אויסגיין פון הונגער און קעלט? — טענה איך צו אים. און איך גיי נישט ווייטער.

מיין מאַן און ברודער שטייען אין פאַרלעגנהייט.

ענדלעך לאָזט זיך איינער פון די פּויערים גיין זוכן די פרוי, און מיר בלייבן אַלע שטיין און וואַרטן... עס האָט גענומען אַ היפּשע ווײַלע ביז ער איז צוריקגעקומען, אָבער נישט אַליין: נאָר מיט דער פרוי אויף די

פלייצעס, און ער האָט זי שוין געטראָגן אַזוי דעם גאַנצן וועג, ביז ראָמאַנ־קאָוויץ, אַ דאָרף נישט ווייט פון בריטשאַן, וואוהין מיר זענען אָנגעקומען מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער.

מעגלעך, אַז די קאָנטראַבאַנדיסטן וואָלטן מיך נישט געוועזן באַהאַנדלט אַזוי גוט, ווען זיי וואָלטן נישט באַדאַרפט קריגן באַצאָלט פאַר אונדז אין אישיצע, ביי מיין פאָטער ע״ה. מיר האָבן באַדאַרפט שיקן מיט זיי אַ סימן, אַז מיר זענען אַריבער די גרענעץ בשלום. דער געהיימער סימן וואָס איז צווישן אונדז אָפּגעמאַכט געוואָרן, האָט באַדאַרפט זיין מיט מיין האַנט־שריפט געשריבן: „אַ גרוס פון דריי צו דריי״ (איך, מיין מאַן און מיין ברודער, צו מיינע טאַטע־מאַמע און ברודער). איך האָב אָנגעשריבן דעם סימן און געגעבן די פּויערים. זיי האָבן זיך מיט אונדז פריינטלעך געזעגנט און זענען אַוועק...

אַ מוראדיקע קאַשמאַרנע נאַכט . . .

מיר זענען אָנגעקומען קיין בריטשאַן, און איך האָב געלאָזט וויסן מיינע קרובים אין האטיק מאַליוו, אַז מיר זענען אין בריטשאַן, אָבער מיר האָבן נישט קיין פּאַספּאָרטן און מיר קענען נישט פאָרן צו זיי. עס איז אָנגעקומען אַן ענטפער, אַז מיין אָנקל וועלכער פאָרט אָפט קיין בריטשאַן צוליב געשעפטן, וועט קומען מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, און ער וועט אונדז באַזאָרגן מיט די נויטיקע פּאַפּירן.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ער טאַקע געקומען, אָבער עס איז נישט געווען אַזוי גרינג אַרויסצוקריגן פּאַפּירן.

מיר האָבן דאַן באַשלאָסן, איך זאָל דערווייל פאָרן מיטן אָנקל קיין האטיק, און זיי, די צוויי מענער, וועלן וואַרטן ביז זיי וועלן קריגן די פּאַפּירן.

מיר זענען אַרויסגעפאָרן שפּעטלעך, און דער וועג איז נישט געווען קיין גוטער, האָבן די פערד אָנגעהויבן צושטיין, און עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט...

— ווייסט אפשר פון אַ שטוב אין דער געגנט וואו מיר וואָלטן געקענט איבערנעכטיקן? — האָט זיך געווענדעט מיין אָנקל צום פורמאַן.

דער פּויער האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין דער „פּאַטילניצע״, געטראַכט אַ ווײַלע און ענדלעך געענטפערט, אַז ער האָט דאָ נישט ווייט אַ באַקאַנטן, וואָס וועט אונדז אַריינלאָזן.

מיר זענען צוגעפאָרן צו אַ שטוב מיט אַ הויכער „פריזבע״, אויף

װעלכער עס איז געלעגן אַ גרױסער שװאַרצער כלב. ער איז גלײך אַרונטער־געשפּרונגען און איז אונדז באַפאַלן מיט אַ װילדן האַװקען. עס איז אױך אַרױס דער באַלעבאָס. ער האָט אײנגעשטילט דעם הונט, און האָט זיך באַגריסט פרײנטלעך מיט אונדזער פורמאַן.

— װעלן מיר קענען איבערנעכטיקן בײ דיר? מיר װעלן באַצאָלן! — האָט זיך געװענדעט מײן אָנקל צו דעם פּױער.

דער פּױער איז נאָך פרײנטלעכער געװאָרן: — זיכער װעט איר קענען איבערנעכטיקן, געװיס, פּאַרװאָס נישט! — האָט ער געענטפערט און געעפנט פאַר אונדז ברײט די טיר.

מיר זענען אַרײן אין אַ קוים באַלױכטענער כמעט פינסטערער „כאַטע״. אַ פרױ װאָס האָט זיך געפּאָרעט בײ אַ נידעריקן אױװן, האָט זיך אױפגעהױבן און אונדז באַטראַכט. אַ פּאָר קינדערישע קעפּלעך, מיט פאַרשלאָפענע אױגן, האָבן זיך אַרױסגעשטעקט פון „אױפן אױװן״, זײ האָבן אַרונטערגעקוקט און אונדז באַטראַכט מיט גרױס נײַגעריקײט...

ענדלעך האָט מען אונדז אָנגעװיזן װאו מיר װעלן שלאָפן. מײן אָנקל האָט מען אָפּגעגעבן אַ „לאַװקע״, אַ ברײטע באַנק װאָס איז צוגעבױט צו דער װאַנט, און דינט טײלװײז פאַר זיצן און טײלװײז פאַר אַ געלעגער. דאָס הײסט בײטאָג איז עס אַ באַנק און בײנאַכט װערט עס אַ בעט.

מיך האָט די באַלעבאָסטע אַרײנגעפירט אין דער צװײטער זײט שטוב. דאָרט איז דאָס צימער געװען פיל גרעסער. עס איז געשטאַנען אַ גרױסער טיש באַדעקט מיט אַ פּרעכטיק װײס טישטוך מיט האַנט אַרבײט בליאַנדען. אױפן טיש איז געשטאַנען אַ גרױסער לאָמפּ, װעלכן די פּױערטע האָט גלײך אָנגעצונדן, און עס איז געװאָרן ליכטיק. אױף די װענט האָבן געהאָנגען האַנט־אַרבעטן, טעפּיכער מיט פּרעכטיק־קאָלירטע קװײטן: רױטע, גרינע, געלע, בלױע, אאַז״װ. אין אַ װינקל האָט געהאָנגען דאָס בילד פון דער הײליקער מאַריע מיט איר קינד, באַפּוצט מיט קינסטלעכע, קאָלירפולע קװײטן געמאַכט פון „פּאַפּיראָס״, און אונטערן בילד האָט געברענט אַ קלײן „קאַניצל״ (לעמפּעלע). אַ בעט מיט שנײ װײסע קישנס איז געשטאַנען בײם װאַנט.

דער דיל איז געװען אָפּגעשמירט מיט פרישן לײם, און האָט געשמעקט טוכלע שימלדיק...

קײנער איז אין דעם צימער מאַנאַטן לאַנג נישט אַרײנגעקומען, סײדן װען עס זענען געקומען גרױסע געסט, װען מ׳האָט געפּראַװעט אַ חתונה, און אַזױ װײטער.

די פּױערטע האָט מיר אױסגעבעט דאָס געלעגער, װאָס האָט אױסגעזען גאַנץ באַקװעם, און איז אַרױס פון צימער...

איך האָב זיך געפילט שטאַרק מיד און אויסגעמאַטערט פון די שו־עקלעכע איבערלעבונגען בעתן גנבענען די גרענעץ, בין איך גלייך איינגעשלאָפן...

איך האָב זיך אָבער באַלד אויפגעכאַפּט אָן אומרואיקע. איך האָב נישט געוואוסט די אורזאַך פון מיין אומרואיקייט און שרעק: „מעגלעך אַז עס האָט זיך מיר עפּעס געחלומט, האָב איך געטראַכט, און גלייך האָב איך דייטלעך דערהערט ווי מענטשן רעדן שטיל הינטער מיין פענצטער... איך האָב געהערט ווי דער פורמאַן איז אַרויסגעקומען, שטיל געטענהט עפּעס, אַרגומענטירט שטיל, סודותדיק.

מיין אָנקל איז אַ רייכער סוחר, ער פירט צומאָל גרויסע סומען געלט, — טראַכט איך, און איך פיל ווי עס שטיקט מיר אין האַלדז די טוכלע לופט... עס וואַרגט מיר די שרעק, צי ד יטוכלע לופט, פון דעם ליימיקן דיל... אפשר ביידע זאַכן צוזאַמען...

„גרויסער גאָט, האָב אויף מיר רחמנות, העלף אונדז וואָס גיכער זיך אַרויסצוקריגן פון דער טוכלער, פאַרפעסטעטער לופט, העלף אונדז צו פאַרלאָזן דעם פינצטערן קאַשמאַר!״, בעט איך שטיל, אָבער די נאַכט ציט זיך, ציט זיך ווי אַ יאָר, ווי יאָרן, צענדליקער יאָרן!... און אין דרויסן, אונטער מיין פענצטער, דריי גויאים סודען זיך, שעפּטשען זיך עפּעס... איינער פון זיי רעדט זיי צו צו עפּעס און די אַנדערע קווענקלען זיך, קענען נישט צושטימען...

פויערים זענען געוואוינט צו גיין פרי שלאָפן, און איצט מוז שוין זיין אַרום צוויי דער זייגער, און זיי זענען וואַכעדיק, טראַכט איך מיט אַנגסט, און פיל ווי עס באַדעקט מיך אַ קאַלטער שווייס... עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר... מיין האַרץ איז פאַרשטאַרבן געוואָרן פון שרעק...

— חנהלע, שטיי אויף, מיר וועלן פאָרן! — האָב איך דערהערט מיין אָנקלס שטימע.

מיר זענען שוין געווען אין וואָגן און ווייטער געפאָרן, האָב איך געפרעגט מיין אָנקל: „איר האָט געהערט ווי די פויערים האָבן זיך די גאַנצע נאַכט אַרומגעדרייט, אַריין און אַרויס פון הויז, זיך געסודעט און זיך געפּאַרעט, געטאַמפּערט איבער עפּעס?״

ער שאָקלט מיטן קאָפּ, אָבער עס איז קענטיק, אַז ער הערט בכלל נישט וואָס איך רעד צו אים, ער איגנאָרירט מיך, און רעדט עפּעס שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן פורמאַן, פרעגט אים עפּעס אויס ווי אויף אַ קרייץ־עקזאַמען אין מאַלדאָוואַניש...

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין וואַלד. עס האָט זיך דערהערט אַ סווישטש, נאָך איינער... אַ לאַנג אויסגעצויגענער פייף... איך באַמערק, אַז מיין אָנקלס פּנים איז ווייס ווי קרייד...

— טרייב די פערד! — האָט ער באַפוילן דעם פורמאַן. יענער האָט געטריבן די פערד „פייל אויסן בויגן", די פערד זענען געלאָפן, געפלויגן...

— שנעלער! שנעלער! — האָט מיין אָנקל געטריבן דעם פויער, און דער פויער — די פערד!...

ווען מיר זענען אַרויס פון וואַלד איז שוין געווען גאַנץ ליכטיק. דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוויזן שטיבעלעך, קליינע פינצטערלעך, מיט קאָלירטע פאָרהענגלעך און בלומענטעפּ מיט רויטע, סאַמעטענע געראַניעס...

מיין אָנקל האָט אָפּגעזיפצט: מיר דאַרפן בענטשן גומל! — האָט ער געזאָגט — דער גוי ביי וועמען מיר האָבן איבערגענעכטיקט און זיין שכן, האָבן זיך באַמיט איינצורעדן אונדזער פורמאַן אונדז צו באַראַבעווען, אָבער ער האָט נישט געוואָלט (נישט ווייל ער איז בעסער פון זיי, נאָר ער האָט מסתמא מורא געהאַט...). דאָך זענען זיי אַוועק און געוואָרט אויף אונדז אין וואַלד, דאָס האָבן זיי געסווישטשעט... זיי האָבן געהאָפט, אַז אונדזער פורמאַן וועט זיך איבעררעכענען און בלייבן שטיין, זיי העלפן דורכפירן זייער פּלאַן. ער איז אָבער נישט קיין גרויסער חכם, האָב איך ביי אים אויסגעפונען וועגן וואָס זיי האָבן זיך געשושקעט ביינאַכט.. ער זאָגט זיי האָבן געוואָלט „עפּעס טאָן", נאָר ער וויל נישט אויסזאָגן וואָס... ער האָט צוערשט זיך נישט שטאַרק געאיילט צו טרייבן די פערד, ווען עס האָט זיך דערהערט דאָס פייפן פון זיינע צוויי פריינט. ערשט ווען איך האָב אַ זאָג געטאָן: טרייב די פערד אָדער וועסט נישט קריגן אַ גראָשן באַצאָלט, האָט ער גענומען יאָגן!...

איך האָב גאַליק געשמייכלט, נאָך די פּאָגראָמען אין דער היים, נאָך דעם גנבענען די גרענעץ אונטער אַ רעגן פון קוילן, איז אָט די פינצטערע, קאָשמאַרנע נאַכט אַ גאַנץ פאַסיקער „פאָרבייסן" — האָב איך געטראַכט, און... געדאַנקט זיין ליבן נאָמען פאַרן כוח וואָס ער האָט מיר געגעבן אָט די אַלע אָנשיקענישן איבערצוטראָגן...

פ ע ר ע ל ע

אַ קליינע, אַ דאַרע, אין אַ פּאָר מענערשע שטיוול אויף די פיס, מיט אַ פּאָר הינער, גענדז און קאַטשקעס אין די הענט, אַמאָל מיט אַ קאָשעק פיש, זעט מען פערעלען גאַנצע טעג אַרומטאָפּטשענדיק אין די טיפע, געדיכטע אישיצער בלאָטעס!...

פערעלעס מאַן איז שוין אַלט און שוואַך, אַזוי, אַז זי מוז פאַרזאָרגן די פאַמיליע מיט פרנסה. דריי קינדער זענען דאָ, צוויי זין און אַ טאָכטער, מוז מען דאָך זיי אויסהאַלטן!

ווען איינער פון אירע זין ווערט 21 יאָר אַלט און מ׳רופט אים צום „פריזיוו״, לאָזט זיך פּערעלע אַרויס איבער דער שטאָט זאַמלען חתימות, אַז... אברהם איז אַ קראַנקער!

געוויינלעך פירט זיך, אַז דאָקטוירים אונטערזוכן די מענער וואָס מ׳רופט אין מיליטער־דינסט, אָבער דאָ טענהט פּערעלע, אַז איר זון איז אַן „עפּילעפּטיקער״ און דאָס קענען דאָקטוירים נישט אויסגעפינען. ער איז ווי אַלע געזונטע מענטשן, אָבער אין געוויסן צייטן פאַלט ער אַוועק און עס קומט מיט אים פאַר דער געוויסער אומהיימלעך־שרעקלעכער פּראָצעס וואָס מאַכט אַ פיינלעכן איינדרוק אויף די וואָס זעען דעם קראַנקן אין אַזאַ אָנפאַל.

אַלזאָ, פּערעלע גייט פון הויז צו הויז און זאַמלט צונויף נישט ווינציקער ווי הונדערט און פופציק אונטערשריפטן אַז איר זון אברהם ליידט פון דער אויבנדערמאָנטער קראַנקהייט.

ווען עמיצן ווילט זיך נישט אונטערשרייבן דאָס פּאַפּיר, צעקאָכט זיך פּערעלע: „אַ וויטאָג איז מיר, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! ס׳איז דאָך דאָ ערגער ווי סדום! וואָס הייסט איר ווילט נישט אונטערשרייבן דאָס פּאַפּיר און ראַטעווען אַ יידיש קינד פון גויאישע הענט!״

פּערעלע קען רעדן שטונדן לאַנג און נישט מיד ווערן, אַזאַ טאַלאַנט ביי איר פון אַלע יאָרן זינט זי האָט אָנגעהויבן רעדן.

אַלזאָ, זי האָט צונויפגענומען אַרום הונדערט און פופציק אונטער־שריפטן, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן געזען אברהמען בעת אַן אָנפאַל פון דער „פאַליקער״ קראַנקהייט, און זי האָט ד׳אָס פּאַפּיר אַוועקגעשיקט אין דער „פּריסוטסטוויע״, אָבער גלייכצייטיק איז דער „קראַנקער״ אַריבער די גרענעץ און אַוועק קיין אַמעריקע.

די הונדערט און פופציק מענטשן ווערן אַרעסטירט! לויפט מען נאָך אַדוואָקאַטן, און יענע פאַרהאַנדלען מיט די ריכטער וועגן „בעיל״ און אַ סך פון די אונטערגעשריבענע זיינען גרויסע קבצנים, מוזן די מער פאַרמעגלעכע אויך איינצאָלן פאַר זיי און — דאָס שטעטל גייט אויף רעדלעך!

טאָמער איז דאָס וויניק, איז אין אישיצע נישטאָ קיין געריכט, מוז מען פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט (דוכט זיך נאָווא־אושיצא), און אָט פאָרט מען שוין אַרויס אַ פופצן פורלעך מיט מחותנים. עס קוקט אויס ווי אַ גרויסע חתונה, אָבער דער חתן איז אַוועק קיין אַמעריקע.

מיך, אַ קינד פון אַ יאָר אַכט, פאַרדריסט שטאַרק וואָס מיין פאָטער איז נישט צווישן די אונטערגעשריבענע... גראָד איז ער נישט געווען אין שטאָט, ווען פּערעלע איז געקומען צו אונדז מיטן „פּאַפּיר״. איך

פיל נישט באַקוועם פאַר די אַנדערע קינדער, וועמענס פאָטערס זענען אין דער „שפּיל". עפּעס ווילט זיך מיר מיין טאַטע זאָל זיין „מיט לייטן גלייך".

מ'געזעגנט זיך מיט ווייב און קינדער, ווייבער וויינען, קינדער קוויטשען און טומלען און די צען־פּופּצן פורלעך לאָזן זיך אין גרויס פּאַראַד אין וועג אַריין.

עס גייען פאַרביי אַ פּאָר טעג, די פרויען קוקן אַרויס אומגעדולדיק אויף אַ טעלעגראַמע, זיי האַלטן זיך אַלע צוזאַמען!... מאָדנע, ווי אַ צרה פאַרבינדט מענטשן מיט פריינטשאַפט! מען שעלט פּערעלען מיט שרעקלעכע קללות, און זי, פּערעלע, האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן, מ'זעט זי נישט, נישט די קאַטשקעס, נישט די הינער, נישט די פּיש...

ענדלעך קומט אָן אַ טעלעגראַמע: — „פריי!" עס ווערט אַ פריילעכער טומל, דאָס שטעטל גייט אויף רעדלעך! אָט פאָרן שוין די מחותנים! מ'לויפט זיי באַגעגענען מיט גרויס פרייד. ווען פרייט זיך אָן אָרעמאַן? ווען ער פאַרלירט און געפינט! — פילאָסאָפירט אַ פרוי. „מילא, זאָל זיין געשראָקן, אַבי ניט געשטראָפט" — כאַפּט אונטער אַ צווייטע. „אפשר וואָלטן מיר געמאַכט פאַר פּערעלען אַ באַנקעט?" — קליגט זיך אַ דריטע.

* * *

אייניקע יאָר שפּעטער, נאָך דעם בירגערקריק אין רוסלאַנד, ווען עס איז געוואָרן אַ מיש־מאַש און נאָענטע פריינט האָבן זיך נישט געקענט צונויפזוכן, בין איך געווען אין דער באַסאַראַביער שטאָט יעדעניץ.

איינמאָל בין איך געשטאַנען אין גאַס און גערעדט מיט אַ באַקאַנטער. מיך האָט פלוצים אַרומגעכאַפּט עמיצער: „אוי, חנהלע, וואו בין איך שוין נישט אויסגעלאָפן דיך זוכן, איבער דער גאַנצער שטאָט בין איך זיך אַנגעלאָפן! וואָס טוסטו? האָסטו בריוו פון דיינע עלטערן? וואָס שרייבן זיי, — איך פּרוביר עפענען דאָס מויל, קומען צום וואָרט, אָבער — פּרוביר ביי פּערעלען קריגן דאָס וואָרט!

איך זע, עס שטייט שוין אַרום אונדז אַ היפּש רעדל, רוף איך זי צו זיך, און זי זאָגט: „שרייב מיר אָן אַ בריוול צו מיין שרה־דבורהן!" „וואו געפינט זי זיך?" — וויל איך וויסן. „אין בראַזיליע" — ענטפערט פּערעלע.

איך נעם זיך שרייבן, אָבער ווען איך שרייב אָן אַ וואָרט, זאָגט זי צוואַנציק נייע, לויף איך מיט דער פּען ווי פייל אויסן בויגן, אָבער איך קען בשום אופן נישט נאָכהאַלטן. טראַכט איך: אפשר נישט שרייבן אַלץ מיט אַן אַנדער, האָב איך אָבער מורא, אַז זי וועט מיר הייסן איבערלייענען

וואָס איך האָב אָנגעשריבן און ווען זי וועט זען, אַז איך האָב נישט געשריבן אַלץ וואָס זי האָט געהייסן, וועט מיר שוין קיין צרות נישט פעלן...

מיט אַמאָל נעמט זי זיך שלאָגן מיטביידע הענט אין קאָפּ אַריין:

— אַ ווייטאָג איז מיר! פינצטער איז מיר!

אין צווייטן צימער כאַפּט זיך אויף פון שלאָף מיט אַ דערשראָקענעם קוויטש מיין באַלעבאָסטעס קינד און זי לויפט אַריין האַלב בייז, האַלב דערשראָקן: „וואָס איז דאָ, וואָס האָט דאָ געטראָפן?" — „איך האָב פאַרלוירן דעם אַדרעס!" — ענטפערט פערעלע.

איך דערמאָן זיך ווי זי איז אַרומגעלאָפן מיטן פּאַפּיר נאָך חתימות, כדי צו ראַטעווען איר זון פון גויאישע הענט, די „ברכות" וואָס זי האָט דאַן אַריינגעכאַפּט פון די אויפגערעגטע דערשראָקענע יידן, בפרט פון די פרויען!...

„הערט זיך איין, פערעלע, באַהאַלט דעם בריוו, נישט גרינג איז מיר אָנגעקומען אים אָנצושרייבן!... און ווען עס וועט אייך אָנקומען אַן אַנדער בריוו פון אייער טאָכטער, וועט איר דאָרט געפינען איר אַדרעס און איר וועט אַוועקשיקן דעם בריוו!"

אָט אַזוי רעד איך צו איר. זי באַרואיקט זיך צוביסלעך, כאָטש זי ווישט נאָך אַלץ די אויגן.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זיינען מיר אָפּגעפאָרן קיין קאַנאַדע, און וואָס עס איז געוואָרן מיט פערעלען, צי זי האָט געקראָגן אַן אַדרעס, ווייס איך נישט!...

עמיגראַנטן...

עס זענען אַוועק דריי יאָר זינט מיר האָבן „געגנבעטט" די גרענעץ און מיר האָבן זיך אַלץ געפּלאָגט אין בעסאַראַביע.

ענדלעך האָבן מיר געהערט, אַז פון בוקאַרעסט שיקט די „איקא" עמיגראַנטן קיין קאַנאַדע. מיר האָבן אויספאַרקויפט אַלץ וואָס מיר האָבן נאָך פאַרמאָגט, און מיר זענען אָפּגעפאָרן קיין בוקאַרעסט. דאָ האָבן מיר צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר עמיגראַנטן געדונגען אַ צימער אין אַן אָרעמען האָטעל אויף „קאַלי גריוויצאַ" גאַס, און מיר האָבן זיך רעגיסטרירט אויפן נעקסטן צו פאָרן קיין קאַנאַדע.

עס זענען אַוועק וואָכן, מאָנאַטן און מען שיקט אונדז נישט. אַלע צוויי וואָכן איז אָפּגעגאַנגען אַ טראַנספּאָרט מיט עמיגראַנטן, אָבער אונדז (מיין מאַן און מיך) לאָזט מען נישט ווייסן פון גאַרנישט. דער הויפּט פון דער געזעלשאַפט איז געווען איינער מאַסיס, אויף וועמען מ'האָט געזאָגט,

אַז ער איז זייער אַ שלעכטער מענטש. מעגלעך, אַז ער איז געוואָרן שלעכט ווייל אַ סך האָבן אים אָפּגנאַרט, געזאָגט אַז זיי האָבן נישט קיין געלט און ער האָט זיי געשיקט פריי פון אָפּצאָל, נאָכדעם האָט ער אויסגעפונען אַז יענע האָבן געפירט מיט זיך גרויסע סומען געלט... אַזוי אַרום האָט ער קיין צוטרוי נישט געהאַט צו קיינעם, און ביי דער טיר פון זיין אָפיס איז געשטאַנען אַ געזונטער מאַן, וואָס האָט גאַנץ אָפט אַרויסגעוואָרפן עמיגראַנטן וואָס האָבן זיך געקריגט און זיך געוואָרפן שלאָגן מאַסיסן.

דאָס ביסל געלט וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט איז זיך צוקראָכן, עס איז אַוועק אַכט מאָנאַטן זינט מיר זענען דאָ אין בוקאַרעסט, און אָט הערן מיר אַ ביטערע נייעס: מ'שיקט שוין איצט דעם לעצטן טראַנספּאָרט עמיגראַנטן און מער וועט מען נישט שיקן!!!

מיין מאַן איז שוין געווען מיד צו גיין אַזוי פיל מאָל זיך בעטן ביי מאַסיסן, האָב איך איבערגענומען דאָס גיין צו אים.

אין וואַרט־צימער זענען געזעסן אומגליקלעכע, פאַרפינצטערטע מענטשן און געוואַרט אויפן נעקסט. ווען מ'האָט מיך אַריינגערופן האָבן אַלע געקוקט אויף מיר מיט גרויס שפּאַנונג און אַזוי האָט מען געקוקט אויף יעדן איינעם, וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין דער „פאַרכישופטער טיר" צו מאַסיסן, און ביים אַרויסקומען האָט מען אויפן פּנים געזען דעם ענטפער...

— וואָס ווילט איר זאָגן? — האָט מיך מאַסיס געפרעגט מיט אַ שטרענגן טאָן.

— איך וויל אייך בעטן איר זאָלט אונדז שיקן מיט דעם טראַנספּאָרט, מיר האָבן שוין באַלד נישט קיין געלט מיט וואָס אַ טאָג איבערצולעבן! — האָב איך געענטפערט.

— ווען איך וויל אייך שיקן וואָלט איך עס געטאָן, און אויב איך וויל נישט וועט נישט העלפן דאָס וואָס אַנשטאָט אייער מאַן זענט איר געקומען! — האָט געענטפערט מאַסיס.

— פאַרוואָס ווילט איר אונדז נישט שיקן? איר שיקט מענטשן וואָס זענען געקומען פיל שפּעטער פון אונדז — טענה איך.

— יענע האָבן נישט קיין געלט, און איר האָט, אַ סימן — יענע וואוינען אין „אַבשטשעזשיטיע" און איר זענט אין אַ האָטעל! — ענטפערט ער.

— אפשר ווילט איר אָנקוקן דעם „פּרעכטיקן" האָטעל, וועט איר זיך איבערצייגן, וואָס פאַר אַ גבירים מיר זיינען... — זאָג איך.

— צאָלט איין הונדערט דאָלאַר, וועט איר פאָרן — ענטפערט ער.

— מיר האָבן פופציק דאָלאַר, וועלן מיר איינצאָלן — האָב איך געזאָגט. ער האָט אָבער מער נישט געוואָלט הערן, און אַ וואונק געטאָן

צום מאַן וואָס האָט געהאַלטן וואַך איבער דער טיר ער זאָל אַריינרופן עמיצן אַנדערש...

אַן אַנטוישטע, אַ מידע, האָב איך זיך אומגעקערט אין האָטעל און דערציילט מיין מאַן און די שכנים וועגן דעם ענטפער וואָס איך האָב געקראָגן פון מאַסיסן.

— איר מוזט זיך לייען ערגעץ פופציק דאָלאַר, אַנדערש וועט מען אָוועקשיקן דעם לעצטן טראַנספּאָרט מיט עמיגראַנטן און איר וועט בלייבן דאָ. וואָס וועט איר טאָן אין דער גרויסער בוקאַרעסט עלענדע אָן געלט? — אַזוי האָט געטענהט צו מיר איינע פון אונדזערע שכנהס.

— ווער וועט אונדז לייען געלט? קיינער קען אונדז נישט. און אויב מיר האָבן אַ פּאָר באַקאַנטע, האָבן זיי נישט קיין איבעריק געלט. דערצו פאָרן זיי אַלע אין פאַרשיידענע טיילן וועלט: ווער קיין בראַזיל, ווער קיין אַרגענטינע, ווי קענען זיי האָפן דאָס געלט צוריקצוקריגן? — האָב איך געענטפערט.

— איר וועט נעמען זייערע אַדרעסן און איר וועט זיי אָפּשיקן, ווענדעט זיך צו די עמיגראַנטן זיי זאָלן אייך לייען צו צען דאָלאַר. איר זענט נישט אין אַ וואַלד, נאָר צווישן מענטשן, צווישן יידן. זיי וועלן פאַרשטיין און העלפן. און אויב זיי וועלן אייך אָפּזאָגן זאָלן זיי זיך שעמען, נישט איר! — אַזוי האָט געטענהט מאַדאַם פּערעווערסקי און... האָט מיר געגעבן די ערשטע צען דאָלאַר.

אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר שוין געהאַט די איבעריקע פיר צענערלעך פון פאַרשיידענע עמיגראַנטן וואָס זענען געפאָרן אין פאַרשיידענע טיילן וועלט, און מיר זענען גלייך אַוועק צו מאַסיסן און איינגעצאָלט דאָס געלט...

דער כוס פון ליידן איז נאָך אָבער אַלץ פאַר אונדז נישט פאַרפילט געוואָרן: אויפן צווייטן טאָג האָט אונדז מאַסיס געהייסן גיין אויף אַ געוויסן אַדרעס, וואו מיר וועלן קריגן די שיפס־קאַרטן. ווען מיר זענען געקומען אַהין, האָבן מיר שוין געטראָפן אַלע עמיגראַנטן וואָס האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן מיט דער גרופּע. מ'נעמט אויסרופן די נעמען פון די אַנוועזנדע, אַלעמענס נעמען זענען שוין אויסגערופן געוואָרן, חוץ אונדזערע צוויי נעמען. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז... זיי זענען נישטאָ אין צעטל...

מיין מאַן, וועלכער איז שטענדיק דער זאָרגלאָזער און דערמוטיקט מיך אין די ערגסטע צייטן, איז איצט פאַרצווייפלט געוואָרן, ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אויף די טרעפּ און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט...

— שטיי אויף! אַלע קוקן אויף דיר. עס פּאַסט פאַר אַ יידענע, נישט פאַר קיין מאַן! — האָב איך צו אים געטענהט, בעת מיין האַרץ האָט געוויינט, און איך האָב דערביי געפילט אין מיר אַ ציטער פון אַ ניי לעבן...

ער האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן און אין דעם מאָמענט איז אַריינגעקומען דער מאַן וואָס שטייט ביי מאַסיסעס טיר, און האָט דערלאַנגט דעם באַאַמטן אַ שטיקל פּאַפּיר, מיט צוויי פּאַרשפּעטיקטע נעמען: לייב און חנה ווי־דערמאַן!... — האָט אויסגערופן דער באַאַמטער.

און ווען עס הויבט אָן גיין — גייט עס דורך טיר און דורך טויער: ווען מיר זענען צוריקגעקומען אין האָטעל, האָבן מיר געטראָפן אַ בריוו מיט געלט, פון אַן אָנקל אין ניו יאָרק, פּונקט גענוג אָפּצוגעבן די גוטע מענטשן דאָס וואָס זיי האָבן אונדז געליען...

צוליב אַ „קאַדילאַק״

(מאָנאָלאָג)

אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט: היינטיקע מיידלעך! זיי זענען אַזוי פאַרגלויבט און פאַרקאַכט אין לוקסוס, אַז עס איז שוין פּשוט פון זיי נישט אויסצוהאַלטן. אויב אַ בחור האָט נישט זיין אייגנס אַ קאַר, איז ער דאָך ביי היינטיקע מיידלעך, רחמנא לצלן, כלל קיין מענטש נישט, באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן!

איר קענט דאָך די ייִנגערע טעכטערל מיינע, פּיליס. זי איז דאָך אַ שיינהייט, קיין עין הרע, און יעדער בחור וואָס דערזעט זי, ווערט ממש פאַר איר די כפּרה.

צו דרייצן יאָר איז זי שוין אויסגעגאַנגען מיט מאָריסן, צו פערצן — מיט דייוון, צו זעכצן — מיט מעקסין און מיט אים האָט עס אויסגעזען, וועט שוין טאַקע ווערן אַ שידוך. זי האָט אויפגעהערט זיך באַגעגענען מיט אַלע אַנדערע בחורים, און איז אויסגעגאַנגען נאָר מיט אים. אַלע האָבן זיי באַטראַכט ווי חתן־כלה, און ער האָט זיך שוין אַפילו געקליבן צו געבן איר אַ דיימאָנד רינג.

מיט דייוון, נישט זי האָט זיך געחברט, נישט ער איז איר געלעגן אין זינען, פּונקט ווי די אַנדערע בחורימלעך מיט וועמען זי פלעגט זיך אַרומפירן אַלס קינד, ביז זי האָט זיך באַפריינדעט מיט מעקסן

ווי איר ווייסט, און אפשר ווייסט איר נישט, וואוינט דייוו פּונקט אַנטקעגן אונדז אויף דער זעלבער גאַס.

מאַכט זיך, אַז צוריק מיט עטלעכע וואָכן גייט דייוו און... קויפט זיך אַ קאַדעלאַק, און ווען פּיליס האָט אים דערזען צופאָרן צו זיין הויז מיט אָט דער פּרעכטיק־שיינער קאַר, האָט זיך איר פאַרדרייט דער קאָפּ, און זי האָט שיער נישט אַוועקגעחלשט פון קנאה. טאָמער איז עס וויניק, האָט זי לעצטנס געוואָרפן אַן אומחן אויף מעקסן און שיקט מיך צום טעלעפאָן, יעדעס מאָל ווען ער רופט זי, צו זאָגן, אַז זי איז נישטאָ אין דער היים. זי איז אומעטיק, גייט אַרום פאַרטראַכט, ווייסט נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט זי איז, און איז קענטיק שטאַרק פאַרצווייפלט.

בין איך דאָך עפּעס אַ מאַמע, און אַ מאַמען טוט דאָך וויי דאָס האַרץ פאַר אירע קינדער, איר ווייסט דאָך ווי עס איז, אייך באַדאַרף מען עפּעס דערציילן וואָס עס מיינט אַ מאַמע?... טראַכט איך, איך וועל פאַרבויגן

מיין כבוד, זיך זען מיט מעקסן, אַז פּיליס זאָל נישט וויסן, און אַ שמועס טאָן מיט אים מכוח „אַכצן און דרייצן", דאָס הייסט, ער זאָל זען זיך איינשאַפן אַ קאַר.

געטראַכט און געטאָן. איך האָב זיך מיט אים געזען, און גערעדט. ענטפערט ער מיר: ערשטנס קען ער נישט אַפאָרדן צו קויפן אַ קאַר. צווייטנס, ווען אַפילו ער זאָל קענען, וואָלט ער עס נישט געטאָן, ווייל ער וויל זיין מיידל זאָל וועלן אים — נישט די קאַר!... ווען איינער האָט חתונה מיט אַ מיידל וואָס מיינט נאָר די קאַר, איז אַ בראָך צו זיינע יאָרן!

טאָמער איז עס וויניק, האָב איך לעצטנס באַמערקט דייוון אַרומ־פאָרן אין זיין קאַדילאַק נישט אַליין, נאָר עס זיצט שוין נעבן אים עפּעס אַ יונגע „ספּרינג טשיקן", מיט אַ רויטן קאָפּ האָר, אַ רויטע העט, רויטן מאַנטל און רויטע שיך...

די ירושה...

(מאָנאָלאָג, אויסגעהערט פון מיין מחותן משה קליין, ע"ה)

מיר זענען געווען אַכט קינדער, פון וועלכע עס זענען געבליבן נאָר צוויי: איך און אַ ברודער. מיין פאָטער האָט געהאַלטן אַ קרעטשמע אין דאָרף און געהאַט שיין פּרנסה. מיר, די צוויי אינגלעך, האָבן געלערנט אין שטעטל ביי אַ מלמד און געוואוינט האָבן מיר ביי אַ בעקער.

מיר זענען געווען גאַנץ צופרידן עסנדיק אַלע טאָג פריש ברויט און „פּופּאָלקעס".

יעדן פרייטיק פלעגן מיר אַהיימפאָרן אויף שבת. צומאָל האָט אויס־געבראָכן אַ שטורעם און מ'האָט אונדז נישט געקענט אַהיימנעמען, איז שוין דער שבת געווען פאַר די עלטערן, און אויך פאַר אונדז קינדער אַ פאַרשטערטער! און זונטיק איז געקומען דער טאַטע, אָדער די מאַמע זען וואָס מיר טוען. דאָך אַז מיר פלעגן זיך פאַר עפּעס פאַרשולדיקן, פלעגט אונדז דער טאַטע דערלאַנגען אַ פּאַטש! מיך האָט עס נישט געאַרט, ווייל אויך אַנדערע טאַטעס פלעגן דאָך „מכבד" זיין זייערע קינדער פון צייט צו צייט מיט אַ פּאַטש, אָבער מיין עלטערן ברודער פלעגט עס שטאַרק פאַרדריסן...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווי איך האָב געפילט ביים געזעגענען זיך, פאַרן אָפּפאָרן קיין ענגלאַנד, ווען איך האָב, צום ערשטן מאָל געזען דעם טאַטן וויינען!...

ווען איך האָב געאַרבעט און פאַרדינט, האָב איך פון צייט צו צייט געשיקט אַהיים אַ פּאָר דאָלער, אָבער מיין ברודער האָט עס קיינמאָל נישט

געטאָן; דער תירוץ איז געווען, אַז דער טאַטע פלעגט אים צומאָל דער־לאַנגען אַ פּאַטש. ער פלעגט נאָר דערמאָנען די מאַמען, וועגן טאַטן פלעגט ער כמעט קיינמאָל נישט רעדן...

מיט דער צייט האָבן מיר אויך זיך צעשיידט. איך בין אָפּגעפאָרן קיין קאַנאַדע און מיין ברודער איז געבליבן אין ענגלאַנד. איך האָב דורכגעמאַכט זייער שווערע צייטן: סטרייקס, אַרבעטסלאָזיקייט. דאָס ערגסטע איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס איך האָב נישט געקענט אַהיימשיקן אַ פּאָר דאָלער. איך האָב זיך אָבער פאַר קיינעם נישט באַקלאָגט, נאָר געטראָגן מיין פּעקל צרות שווייגנדיק.

איינמאָל האָט זיך צו מיר געווענדעט אַ גוטער ברודער בזה הלשון: „זאָג מיר, משה, פאַרוואָס הער איך נישט מער דיך זינגען דיינע שיינע לידעלעך, עפּעס ביסטו אינגאַנצן ווי אַ נעכטיקער".

עס זינגט זיך נישט ווען מ'איז פאַרשולדיקט אין חובות איבער די אויערן, און מ'פאַרמאָגט נישט אַ סענט ביי דער נשמה" — ענטפער איך אים.

יענער האָט אַרויסגענומען אַ צענערל פון דער טאַש (צו יענער צייט אין צען דאָלער געווען אַ גרויסע סומע געלט!), און געזאָגט: „נאַ דיר, און ווען דו וועסט האָבן, וועסטו מיר אָפּגעבן".

איך האָב דערפילט ווי גערעטעוועט פון אַ הונגער־טויט.

אַ צווייטער פריינט האָט גראָד אָנגעגעבן מיין נאָמען אויף אַ בילעט וואָס ער האָט געוועט אויף אַ פערדל, און עס האָט געוואונען, האָט ער מיר אויך געגעבן אַ פּאָר דאָלער. איך האָב אויך פּרובירט וועטן אויף פערדלעך און איך בין געווען מזלדיק. איך האָב געהאַלטן אין איין געווינען. און אַז עס גייט שוין, איז „דורך טיר און דורך טויער". איך האָב אויך געקראָגן אַ גוט באַצאָלטן דזשאַב.

מיט דער צייט האָב איך געהייראַט, געוואָרן אַ פאָטער פון אַ זונעלע, פון צוויי, און פון דריי קינדער. איך האָב יעדן יום־טוב אַהיימגעשיקט אַ פּאָר דאָלער. איינמאָל בין איך געווען זייער פאַרענגט אין געלט, און איך האָב באַמערקט צו מיין שוויגער: „איך האָב מורא, אַז איך וועל דעם יום־טוב, צום ערשטן מאָל זינט איך בין אין קאַנאַדע, נישט אַהיימשיקן קיין געלט".

„דו וועסט אויך איצט אַהיימשיקן דיינע עלטערן אַ פּאָר דאָלער אויף יום־טוב, איך וועל דיר לייען צען דאָלער" — האָט זי געזאָגט און איך האָב אויך יענעם יום־טוב מיינע טאַטע־מאַמע נישט אַנטוישט...

ווען מיין פאָטער איז קראַנק געוואָרן און ער האָט געפילט אַז עס קומט דער סוף, האָט ער גערופן אַ פּאָר פריינט, און האָט זיי געגעבן 45

דאָלער: „דאָס איז מיין ירושה פאַר מיין יינגערן זון משה, אין קאַנאַדע" — האָט ער געזאָגט, — שיקט עס אים איבער".

עס איז פון דעם געלט עפּעס אַרונטערגענומען געוואָרן פאַר זיינע לויה־קאָסטן און די פּוילישע רעגירונג האָט אויך עפּעס אַרונטערגענומען און עס איז מיר אָנגעקומען 24 דאָלער ירושה פון מיין פאָטער אין פּוילן...

פון אַ גראַמאָפאָן ביז טעלעוויזיע

(מאָנאָלאָג, אויסגעהערט פון מיין מאַן ליאָלי ווידערמאַן, ע"ה)

איך געדענק, מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, איך בין דאַן געווען אַ קינד פון אַ יאָר זעקס, האָט אין אונדזער שטעטל קאַליס אַ ייד מיטן נאָמען מענדעל, אַראָפּגעבראַכט אַ גראַמאָפאָן. דאָס איז געווען דער ערשטער גראַמאָפאָן וואָס מיר האָבן געזען, און דאָס שטעטל איז ממש געגאַנגען כאַדאָראָם. וואו מ'איז געשטאַנען און וואו מ'איז געגאַנגען, האָט מען נישט אויפגעהערט רעדן וועגן דער מאַשינדעלע, וואָס זינגט און רעדט ווי אַ לעבעדיקער. אַנשטאָט אַ רעקאָרד ווי איצט, איז דאַן געווען אַ מין מאַנזשעט, וואָס האָט זיך געדרייט, און הערן האָט נאָר געקענט איין מענטש, ווען ער האָט צוגעלייגט אַ טרובקע פון קעסטעלע צום אויער.

מענדעלאַש (אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייזט אויס צוליב זיין מגושמדיק־גרויסער רויטער באָרד; וואָלט ער נישט געווען אַזוי הויך, ברייט־פּלייציק און אָן אַזאַ „אָנגעזעענער" באָרד, וואָלט מען אים מסתמא גערופן מענדל), האָט גענומען ביי יעדן איינעם אַ קאָפּיקע פאַרן צולייגן דאָס טרובקעלע צום אויער און הערן ווי ממש אַ לעבעדיקער מענטש וואָלט געזעסן אין קעסטעלע און געזונגען.

מער ווי איין „מאַנזשעט" האָט מענדעלאַש נישט פאַרמאָגט, דאָס מיינט אַז אַלע האָבן געהערט איינס און דאָס זעלבע לידל.

און דאָס לידל איז געווען שוין איינמאָל אַ לידל... דו ווילסט עס טאַקע הערן? באַצאָל אַ קאָפּיקע! דו צאָלסט נישט, וועל איך זינגען נאָר אַ טייל פון ליד, נישט אינגאַנצן:

אַ בעקערס אַ ווייב איז קיין אָדעס אָנגעקומען,
האָט זי איר מאַן נישט אָנגעהויבן צו דערקענען:
ער האָט זיך די באָרד אַרונטערגענומען.
טענהט די ווייב צו אים:
„גוואַלד, מיין מאַן, די באָרד זאָל מיר זיין,
די באָרד זאָל מיר זיין די זעלביקע גרויס,
די באָרד זאָל מיר זיין, איך האָלט עס נישט אויס".

„די באָרד זאָל מיר זיין, עס זאָל מיר קאָסטן פיל געלט;
„די באָרד זאָל מיר זיין, עס מעג אַפילו אונטערגיין די וועלט״.

איינמאָל, אין אַ פּורים, האָט מיין פאָטער איינגעלאַדן אַ סך געסט און צוליב די געסט האָט ער אויך געדונגען מענדעלאַשן מיט זיין גראַמאָפאָן פאַרן גאַנצן אָוונט. ער האָט מיט אים אָפּגעמאַכט דעם מסחר פאַר פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס און אַלע קאַליסער יידן האָבן זיך געריסן איבערן כישופדיקן טרובקעלע, און אַלע האָבן געהאַט דעם גרויסן געניס פון דעם לידל: „גוואלד, מיין מאַן, די באָרד זאָל מיר זיין!״

היינט האָט מען שוין פאַרגעסן אָן דער טרובקעלע מיט די „מאַנ־זשעטן״, מיר לעבן שוין אין אַ צייט פון „טעלעוויזשאָן״ און מיר קענען שוין נישט נאָר הערן נאָר אויך זען וואָס עס קומט פאָר ערגעץ, גאַנץ ווייט פון אונדז. קיין חידוש נישט, וואָס עס ווילט זיך אונדז לעבן וואָס לענגער. ווער ווייס, וואָס מיר קאָנען נאָך אַזוינס דערלעבן!...

זי האָט געוואונען אַ פּיקטשע ! . . .

(הומאָרעסקע)

ס׳איז געווען צוריק מיט אַ פּאָר יאָר, ווען מרס. שאַץ האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אַ סאָסייעטי.

מרס. שאַץ האָט גראָד קיינמאָל נישט געטראַכט פון סאָסייעטי, אָבער איר נעקסט־דאָריקע האָט זיך צו איר צוגעטשעפּעט: „פאָלגט מיך, באַלאַנגט צו אונדזער סאָסייעטי. איר וועט זיך ענדזשאָיען און אין דער זעלבער צייט העלפן אָרעמע אומגליקלעכע מענטשן״. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט האָט יענע גערעדט איבער איר ביז זי, מרס. שאַץ, האָט צוגעשטימט. זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָסייעטי, געצאָלט דיוס, און געטרונקען אַלע צוויי וואָכן אַ קאָפּע קאַווע צובייסנדיק מיט קעיקס און פּאַיס.

מיט דער צייט האָ טזיך מרס. שאַץ צוגעוואוינט צו דער סאָסייעטי און האָט שוין געוואַרט מיט אומגעדולד אויף אַ מיטינג.

נאָך מער איז איר געפעלן די סאָסייעטי, ווען זי האָט געקויפט אַ ראַפל־טיקעט פאַר 15 סענט און האָט געוואונען אַ „דאָל״. ס׳איז געווען אַ „דאָל״ גרויס ווי אַ בייבי, וואָס מאַכט צו די אויגן און עפנט זיי און זאָגט מאַ־ע־ע־מי.

אויף אַ צווייטן מאָל האָט פּאַסירט, אַז זי האָט ווידער געוואונען דאָס ראַפעל. נאָכדעם, ווען מ׳פלעגט ראַפלען עפּעס, האָט מען שוין געוואוסט, אַז מרס. שאַץ וועט מסתמא דאָס ראַפל געווינען, ווער דען?

זי פלעגט שוין אַפילו נישט קוקן אויפן נומער, נאָר ווען מ׳האָט אויסגערופן דעם „לאַקי״ נומער, האָט זי אויסגעשטרעקט די האַנט נאָכן באָקסל פּאַודער, ליפּסטיק, פּאַרפיום און אַזוי ווייטער. מעגלעך, אַז עס האָט געוואונען עמעצער אַנדערש, אָבער יענע האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו קוקן אויפן נומער, נאָכדעם ווי מרס. שאַץ האָט עס שוין „געוואונען״. צו וואָס זוכן אין „פּוירס״?

אַזוי אַרום פלעגט מרס. שאַץ אַהיימברענגען דאָלס, אש־טרעיס, גלעזערנע טעלער, רעמלאַך פאַר בילדער און דאָס גלייכן.

איינמאָל האָט מען געראַפלט אַ „פּיקטשע״ אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאָלט אַ הייפּטל קרויט, צוויי מערעלאַך און זאַ בוריק. דער אמת איז, אַז מרס. שאַץ האָט זיך נישט געיאָגט צו געווינען אָט די מציאה, אָבער אַזוי ווי אַלע האָבן געוואוסט, אַז זי איז די וואָס געווינט שטענדיק, האָט מען איר דערלאַנגט די „פּיקטשע״ און זי האָט ווי אַלעמאָל באַצאָלט דעם בדאָלאַר (דאָס איז אַ דאָנאַציע וואָס מ׳גיט ווען מ׳איז מזלדיק און מ׳געווינט דאָס ראַפל).

ס׳איז געווען אַרום האַלב נאָך צוועלף ווען מרס. שאַץ איז אַהיימגעגאַנגען אין איין האַנט האָט זי געטראָגן דעם פּוירס און אין דער אַנדערער די „פּיקטשע״, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאָלן דאָס הייפּטל קרויט, די מערעלאַך און דער בוריק. מיט אַמאָל איז דער פּוירס אַרויסגעפאַלן פון איר האַנט, זי וויל זיך אָנבויגן כדי אים אויפצוהייבן, פּילט זי אָבער ווי אָט־אָט און עס פאַלט אַראָפּ די „פּיקטשע״.

צום גליק קומט אָן אַ מאַן, וועלכער בויגט זיך איין און הייבט אויף דעם פּוירס.

— „טהענק יו וועריִ מאַטש!״ — רופט אויס מרס. שאַץ, און זי שטרעקט אויס די האַנט נאָכן פּוירס.

— „אָה יע״ — ענטפערט יענער מיט אַ חוצפּהדיקן געלעכטער, און טראָגט זיך אָפּ מיטן פּוירס, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען עלף דאָלאַר מיט פינף און זעכציק סענט.

— העלפּ! העלפּ! פּאָליס! — האָט מרס. שאַץ גענומען שרייען, אָבער שריי היינט, שריי מאָרגן, אַז מ׳זעט נישט קיין נפש אויף דער גאַס פאַר אַ רפואה.

* * *

מר. שאַץ אזוי געשלאָפן גאַנץ געשמאַק, ווען עס האָט זיך אים געחלומט אַז עס האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער שטורעם און עס פאַלט אַ שניי איבערן בעט. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָט

דערזען מרס. שאַץ אין פוטער־מאַנטל מיט די אויבערשיך פול מיט שניי ליגנדיק אויפן בעט און אין דער האַנט האַלט זי אַ פּיקטשע.

„פּעני, פּענעלע דאַרלינג, וואס העפּענד?״ — רופט ער אויס אַ דערשראָקענער און רייבט די אויגן, נישט ווייסנדיק צי חלומט ער צי איז עס אויף דער וואָר.

„רוף אַ ד־ד־ד־דאָק־ט־טאָר!״ — ענטפערט מרס. שאַץ, און חלשט אַוועק...

אין שפּיטאָל...

(הומאָרעסקע)

דאָס איז געוועזן מיט אייניקע יאָר צוריק׳ ווען איך בין געלעגן קראַנק אין אַ שפּיטאָל. איינמאָל אין אַ פרייטיק גאַנץ פרי, האָט מען אַריינגעבראַכט אַ נייע פּאַציענטקע, אַן עלטערע פרוי, און מ׳האָט זי אַוועקגעלייגט אין צווייטן בעטל נעבן מיר.

אירע צוויי טעכטער, יונגע מיידלעך וועלכע האָבן זי באַגלייט, האָבן זיך מיט איר געזעגנט און עטלעכע מאָל אָנגעזאָגט: „מאַמע, זאָלסט זיין גוט״...

דאָס האָט מיר אויסגעזען מאָדנע. אַ מוטער זאָל אָנזאָגן אירע קינדער זיי זאָלן זיין גוט, איז אַ געוויינלעכע זאַך, אָבער אַז קינדער זאָלן אָנזאָגן אַ מאַמען, שוין אַרום זיבעציק יאָר אַלט, זי זאָל זיך אויפפירן גוט, איז שוין נישט אַזוי געוויינלעך, דערפאַר האָט עס מיר אויסגעזען מאָדנע.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און די זאַך האָט זיך גענומען דערקלערן. גלייך ווי די קינדער האָבן זי פאַרלאָזט, האָט זיך מיין שכנה געווענדעט צו מיר און געפרעגט: „ווער איז דער בעל הבית פון אָט דער שטוב?״

— דאָס האָספּיטאָל איז...

איך האָב נישט פאַרענדיקט מיין ענטפער, ווייל די פרוי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן און מיט אַ ווילדן קוק פון אירע אויגן האָט זי מיך אָנגעקוקט אַ ווילע און גענומען שרייען: אַ וויי־טיק איז מיר! אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! זיי האָבן מיך פאַרנאַרט, זיי האָבן מיך טאַקע אַריינגעגעבן אין אַ שפּיטאָל! ווי איז מיר! פינצטער איז מיר! וויסט איז מיר! אַ שטוב, אַ שטוב האָבן זיי געזאָגט איז דאָס! אַזעלכע קינדער מעגן פאַרברענט ווערן!...

איך זע, אַז איך האָב דאָ אָנגעאַרבעט אַ שיינע חתונה מיט מיין ענטפער, (אָדער האַלבן ענטפער) וויל איך כאַפּן צוריק, אָבער זי שרייט און וויינט און קלאָגט: „מ׳האָט מיך פאַרפירט, פאַרנאַרט, געקוילעט אָן אַ מעסער!״.

— גיי ברענג מיר דעם דאָקטאָר! שוין די מינוט זאָל ער קומען! — זאָגט זי צו מיר באַפעלעריש.

— איך קען נישט ברענגען קיין דאָקטאָר, ער וועט אַליין קומען ווען ער וועט באַדאַרפן — ענטפער איך.

דערווײַלע איז אַרײַנגעקומען אַ מאַן מיט אַ פּאָר בערשטלעך אויסצו־ווישן די פענצטער. זי איז אַראָפּ פון בעט אין אירע נאַכט־קליידער.

— הער דאָקטאָר, באַטראַכט מיך און גיט מיר עפּעס און לאָמיך אַהיימגיין, עס איז ערב שבת! — האָט זי זיך צו אים געווענדעט.

— מיסעס, איך בין נישט קיין דאָקטאָר, און איך קען אייך גאָר נישט טאָן; איך ווייס נאָר ווי צו ווישן פענצטער — האָט ער געענטפערט.

די קראַנקע פרויען און די נויערסעס האָבן שטאַרק געלאַכט.

עס קומט אַרײַן אַ דאָקטאָר פון אַן אַנדער וואָרד:

— וואָס קומט דאָ פאָר? עס קוקט אויס ווי עס וואָלט דאָ געווען נישט קיין האָספּיטאַל, נאָר אַ וואָדעוויל טעאַטער! — זאָגט ער.

די נויערס נעמט אים דערציילן, אָבער די פרוי לויפט אַרונטער פון בעט און כאַפּט אים בײַ די הענט:

— דאָקטאָר, איך בעט אייך, האָט אויף מיר רחמנות! באַטראַכט מיך און גיט מיר עפּעס און לאָמיך אַהיימגיין! זיי האָבן מיך פאַרנאַרט, פאַרפירט, פאַרברענט זאָלן זיי ווערן! לאָזט מיך אַרויס פון דעם גיהנום!

— איך באַלאַנגט נישט אַהער, עס איז נישט מיין וואָרד! — ענטפערט דער דאָקטאָר, און באַמיט זיך צו באַפרייען פון אירע הענט.

פון יענעם וואָרד, צי פון דעם וואָרד, וואָס איז דער חילוק? אַ דאָקטאָר איז אַ דאָקטאָר, איך וועל אייך באַצאָלן, איך האָב דאָ מיט זיך אַ דאָלער פופציק, וועל איך עס אייך געבן, און אויב איר רעכנט מער, וועל איך אייך אָפּגעבן ווען איך וועל אַרויס פון דער „טערמע", ווען איך וועל מיט גאָטס הילף אַהיימקומען!

דער דאָקטאָר האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון אירע הענט און איז אַוועק.

— איך וויל מיינע קליידער מיט די שיך! איך וועל זיך אָנטאָן און אַהיימגיין! — האָט זי געזאָגט דער נויערס, און צוגעגעבן: — מ'וועט נאָך צוגנבענען מיין נייעם מאַנטל!

— דאָ זענען נישטאָ קיין גנבים, חוץ דעם גלויב איך, אַז אייערע קינדער האָבן אַהיימגענומען אייערע קליידער — האָב איך איר געזאָגט.

— וואָס הייסט זיי האָבן אַהיימגענומען מיינע קליידער? זיי האָבן מיך דאָ געלאָזט אויף אייביק? גאָט אין הימל, וואָס טוט זיך דאָ אַרום מיר?! — האָט זי געשריען אַ פאַרצווייפלטע.

עס איז אַריינגעקומען אַ נוירס מיט אַ וואָג, און האָט איר געהייסן אַרויפגיין אויף דער וואָג.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק, איר קלייבט זיך מיך צו פאַרקויפן אויפן פונט? — פרעגט זי, און זי וויל נישט אַרויפגיין אויף דער וואָג.

— ווער וועט דיך קויפן? — פרעגט די נוירס — קיינער וועט נישט זוכן אַזאַ „באַרגיין"...

ענדלעך איז געקומען דער דאָקטאָר פון וואָרד.

— אויף וואָס באַקלאָגט איר זיך? וואָס טוט אייך וויי? — פרעגט ער זי.

— איר זענט טדאָך דער דאָקטאָר, באַדאַרפט איר דערקענען פון וואָס פאַר אַ קרענק איך לייד — ענטפערט זי, און גיט צו: — אַלע דאָקטוירים זענען פון איין שטיק געוואַנט געשניטן, איין שוואַרץ יאָר!... דאָקטאָר, זאָגט מ׳זאָל מיר אָפּגעבן מיינע קליידער, איך וויל אַהיימגיין! מיינע קינדער האָבן מיך דאָ אַריינגעגעבן קעגן מיין ווילן, זיי האָבן מיך פאַרנאַרט, און איך וויל דאָ נישט זיין!...

דאָס רעכטע געדעכטע איז געקומען אין אָוונט, ווען די נוירס האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער.

— איך וועל זיך פאַרקילן, מאַכט צו דאָס פענצטער! — האָט זי גענומען שרייען.

נישט ווייט איך געווען די קינדערס וואָרד, האָבן זיך די קינדער אויפגעכאַפּט פון שלאָף דערשראָקענע . . . עס זענען אַריינגעקומען עטלעכע דאָקטוירים און נוירסעס, און ווען מ׳האָט זי גענומען אַרויספירן מיטן בעטל איז זי אַרונטער און זיך אַוועקגעלייגט אויפן דיל:

— איך וויל נישט גיין אין אַן אַנדער צימער, איך וויל זיין דאָ — האָט זי געשריען.

— אויב איר וועט נישט צומאַכן דאָס פענצטער (זי האָט עס אַ פּאָר מאָל צוגעמאַכט, ווען די נוירס איז נישט געווען) — האָט מיט איר אויס־גענומען דער וואָרד דאָקטאָר.

— איך וועל נישט צומאַכן אויב מען וועט מיר געבן דריי וואַרעמע „בלאַנקעטס" — האָט זי געענטפערט.

— מ׳האָט איר געגעבן דריי „בלאַנקעטס", זי איז אַרויפגעגאַנגען אויפן בעט און דאָס פענצטער איז געבליבן אָפן.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען גערופן פון האָספּיטאַל די מיידלעך, זיי זאָלן אַהיימנעמען די מוטער. זיי זענען אַריינגעקומען מיט געבויגענע קעפּ.

— האָסט טאַקע באַוויזן, מאַמעשי, וואָס דו קענסט — האָט געזאָגט די עלטערע טאָכטער.

— איר האָט מיך פאַרנאַרט, חציפות, פאַרברענט זאָלט איר ווערן אָן יידישן שאָדן! — האָט געענטפערט די מוטער.

די קינדער האָבן טרויעריק צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, און אַלע דריי זענען אַרויסגעגאַנגען.

אַ מעשה וועגן אַ „פּראַניק"

(הומאָרעסקע)

אָט די דאָזיקע געשיכטע האָט מיר דערציילט מיינע אַ פריינדינע פון דער אַלטער היים:

עס איז געווען אין אַ שיינעם זומער־טאָג, מיט יאָרן צוריק, ווען איר יינגעלע איז אַריינגעקומען פון דרויסן און געמאָנט אַ לעקעכל! ער האָט געזען, אַזביילע דוד איציקס האָט געגעבן איר יינגעלע אַ לעקעכל, וויל ער אויך אַזאַ לעקעכל!

מיין פריינדין האָט אָבער נישט געהאָט קיין לעקעכלעך, זאָגט זי דעם יינגעלע: איצט האָב איך נישט קיין לעקעכלעך, — אָבער ווען זי וועט אָפּבאַקן, וועט זי אים געבן נישט איינעם נאָר פיל לעקעכלעך! דער חברה־מאַן איז אָבער פון די מענטשן וואָס זאָרגן וועגן פאַר מאָרגן, טענהט ער, אַז ער וויל נישט וואַרטן, ער וויל שוין עסן אַ לעקעכל! איז זיך מישב די מוטער און שיקט אַריין איר קינד בעטן ביי דער שכנה אַ לעקעכל און אַזוי ווי זי רעדט מיטן קינד רוסיש, הייסט עס „פּרייניק".

ביילע דוד איציקס קען אָבער נישט קיין רוסיש, ברענגט זי אַריין פון קאַמער דעם פּראַניק, מיט וועלכן מען קלאַפּט אויס וועש ביים טייך (מ'לייגט אַוועק דאָס שטיקל וועש אויף אַ שטיין און מען קלאַפּט מיטן פּראַניק, און איר זאָלט נישט ווינטשן אייער ערגסטן שונא זיך צו געפינען צווישן שטיין און דעם פּראַניק!...)

דער קליינער יינגל נעמט נעבעך דעם פּראַניק אַ זייער אַנטוישטער, און טראָגט אים אַרויס אין דרויסן.

וואָס זאָל ער טאָן? ער וועט דאָך נישט עסן קיין פּראַניק!... דערווייל דערזעט ער אַ פּאָר קינדער, זיינע חברים, וואַרפט ער אַוועק דעם פּראַניק אין אַ הילצע (לעין) און ער לויפט אַוועק צו די קינדער זיך שפּילן...

אַוועק אַ צייט, אוןביילע דוד איציקס באַדאַרף וואַשן וועש. גייט זי זוכן דעם פּראַניק, זי האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז דעם אַפּטייקערס יינגעלע האָט ביי איר געליען דעם פּראַניק, זוכט זי און זוכט, ביז זי דערמאָנט זיך, אַז באַריס האָט ביי איר גענומען דעם פּראַניק! קאָטשעט זי אַרונטער די אַרבל, ווישט אָפּ דאָס פאַרשוויצטע פּנים מיטן פאַרטוך און גייט אַוועק צו מיין פריינדין, אין אַפּטייק: „מאַדאַם שטיין, איר האָט ביי מיר געליען דעם פּראַניק און איר באַדאַרפט אים שוין מסתמא נישט, און איך האָב איבערגעוואַשן דאָס גרעט און וויל גיין צום טייך עס שווענקען, וויל איך דעם פּראַניק... — אָט אַזוי און נישט אַנדערש האָט זיך געווענדעט ביילע דוד איציקס צו דעם אַפּטייקערס פרוי. וואָס האָט געוואוינט מיט איר בשכנות.

אוודאי האָט יענע אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן און טראַכט: — „וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און די נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, זאָל אויסגיין צו מיינע שונאימס קעפּ! ווער פּראַניק! וואָס פּראַניק? אַז זי גייט גאָר קיינמאָל נישט צום טייך וואַשן..."
— זאָגט זי צו דער שכנה: „איך גלויב, אַז איר מאַכט אַ טעות, צו וואָס באַדאַרף איך אַ פּראַניק, אַז איך גיי גאָר קיינמאָל נישט צום טייך, נאָר איך גיב אַוועק אַלעס וואַשן צו מאַרונקע סוויסטאָוויטשעס!"

ענטפערט ביילע דוד איציקס: — רבונו של עולם, הלוואי האָבן מיר שוין ביידע אַזאַ גרויס שטיק גאָלד וואָס פאַר אַ גרויסן, שווערן פּראַניק אייער יינגעלע האָט ביי מיר גענומען!...

מ'באַדאַרף אַריינרופן באַריסן — שטעלט שוין דער אַפּטייקער אויך אַריין אַ וואָרט אין דער פראַגע און מ'לויפט זוכן דאָס יינגעלע.

נישט אַזוי גיך געפינט מען באַריסן אין אַ שיינעם זומער טאָג, אָבער ענדלעך איז ער דאָ.

— האָסטו גענומען ביי דער מאַדאַם זוסמאַן דעם פּראַניק — פרעגט אים די מוטער.

מיטאַמאָל דערמאָנט זי זיך, אַז זי האָט אים געשיקט בעטן אַ לעקעכל, און זי באַגרייפט שוין וואָס דאָ האָט פּאַסירט!... זי מאָלט אים אויס דאָס בילד ווי אַ פּראַניק זעט אויס, און זאָגט אים אַז עס איז דאָס מיט וואָס די שיקסעס וואַשן גרעט ביים טייך, קלאַפּנדיק אויף שטיינער און די „עכאָ" הערט זיך ווייט־ווייט פון וואַלד! גיט זיך דאָס קינד אַ כאַפּ: „יאָ, איך האָב טאַקע גענומען, איך געדענק שוין, איך האָב זיך דערמאָנט! דאָס איז געווען ווען דו, מאַמע, האָסט מיך געשיקט נאָך אַ פריינ יק!...

— נו, וואו־זשע האָסטו אים אַהינגעטאָן? — פרעגט ביילע דוד איציקס.

— איך האָב אים אָװעקגעװאָרפן אין דער הילצע פון דער קאַלטער שוהל — ענטפערט דאָס יינגעלע.

איצט װעלן מיר זיך אומקערן צו דעם פּראַניק, װאָס ליגט אַ באַלײ־דיקטער אין דער הילצע פון דער קאַלטער שול, און מיר װעלן זען װאָס עס האָט מיט אים פּאַסירט...

ס׳איז געװען אין אַ טאָג װי אַלע טעג, און מרים רחל בתיה ריװעס איז אַרױסגעקומען אין דער הילצע נעבן דער קאַלטער שול, זעט זי עס ליגט אַ פּראַניק! טראַכט זי: װעמעס פּראַניק זאָל עס זײַן? און זי קוקט זיך אַרום אין אַלע פיר זייטן: מזרח, מערב, צפון, דרום, אפשר װעט זי עמעצן זען צו װעמען עס באַלאַנגט דער פּראַניק. אָבער קוק היינט, קוק מאָרגן, מ׳זעט נישט קיינעם...

טראַכט זי: זאָל זי אַרײַננעמען דעם פּראַניק אין הויז איז דאָך עס גנבה, באַהיט און באַשירעמט זאָל מען װערן! — װאָס הייסט צונעמען אַ פרעמדן פּראַניק? װאו איז דאָס געהערט געװאָרן?

זאָל זי אים לאָזן ליגן, װעט אים עמעצער אַנדערש צונעמען...

טראַכט זי און טראַכט, און טראַכט ביז זי באַשליסט ענדלעך אַרײַנ־צונעמען דעם פּראַניק אין הויז, און װען זי װעט הערן, אַז עמעצער פרעגט זיך נאָך אויף אַ פּראַניק, װעט זי אים אָפּגעבן.

און אַזוי איז טאַקע געװען: איינמאָל הערט מרים־רחל בתיה ריװעס, װי ביילע דוד איציקס טענהט זיך עפּעס אויס מיט דעם אַפּטייקערס װייב, קומט זי צו צו זיי און הערט, אַז מ׳זוכט דעם פּראַניק.

— כאַ־כאַ־כאַ! איר זוכט דעם פּראַניק, און ער ליגט ביי מיר אין קאַמער און שװייגט, — רופט זי אויס, און דאָס שטעטל האָט פאַר אַ לאַנגער צייט געהאַט אַ טעמע צו רעדן װעגן ביילע דוד איציקס פאַר־שװאונדענעם פּראַניק, און װי מרים בתיה ריװעס האָט אים געפונען אין דער הילצע פון דער קאַלטער שול... — — —

די מתנה...

(דערציילונג)

— בעלא איז לעצטנס זייער קאַפּריזנע, װיפל איך גיב איר אויף „ספּענדינג מאַני״ איז איר װייניק. היינט, פּונקט װען מ׳האָט מיר געבראַכט די װעש, און עס האָט געפעלט אַ טישטוך, האָט זי מיך גענומען נודיען איך זאָל איר געבן מער געלט, איך בין געװאָרן אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב איר אַ פּאַטש געגעבן.

אַזוי האָט זיך באַקלאָגט מרס. בראַון פאַר מר. בראַון ווען ער איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט.

— האָסט עס נישט באַדאַרפט טאָן, דאָס וויל זי זאַמלען געלט, כדי דיר צו קויפן אַ געבורטסטאָג־מתנה; אויך ביי מיר נעמט זי צו ביסלעך געלט, און ווייל איך ווייס צוליב וואָס זי קלייבט עס, גיב איך איר, — האָט געענטפערט מר. בראַון מיט אַ שמייכל.

די פרוי האָט אים אַנגעקוקט פאַרוואונדערט, אַ שולדיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר פּנים: — איך זאָל געוועזן וויסן, גיי ווייס... — האָט זי געמורמלט. — עס טוט מיר שטאַרק באַנק, מאָריס — האָט זי צוגעגעבן.

— זאָל זי נישט וויסן, אַז איך האָב דיר אויסגעזאָגט דעם סוד, — האָט מאָריס זי געוואָרנט. — זי וויל דיר מאַכן אַ סורפּריז.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מרס. בראַון אין אַ ווינקל פון אַ שאַפע געפונען אַ קליין פּעקעלע אין קאָלירט פּאַפּיר. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער צען־יאָריקער בעלאַס מתנה צוגעגרייט פאַר דער מוטער, צו איר געבורטסטאָג. זי האָט עס אָבער נישט אַנגערירט, נישט געוואָלט אַנטוישן איר טעכטערל, וועלכע האָט ווי יעדעס קינד, ליב צו מאַכן אַ סורפּריז.

יענעם אָוונט האָט זיך בעלאַ געקלאָגט, אַז עס טוט איר עפּעס ווי אין האַלדז...

אויפן צווייטן טאָג האָט זי געקראָגן אַ הויכע טעמפּעראַטור, מ׳האָט גערופן אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט זי גלייך גענומען אין שפּיטאָל. בעלאַ איז געשטאָרבן פון דיפטעריע: עס איז געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ פאַר די אומגליקלעכע עלטערן. פּעני האָט געוויינט און געקלאָגט, מאָריס האָט זיך באַמיט זי צו טרייסטן: „ביסט אַ מאַמע פון צוויי קינדער, מוזט זיין געזונט, אויב נישט צוליב זיך, איז צוליב זיי״, — האָט ער צו איר גערעדט, ווי געוויינלעך אַ מאַן, וואָס כאָטש דער אומגליק האָט אים געטראָפן נישט ווייניקער ווי דער פרוי, איז ער אָבער שטאַרקער, האַלט זיך אַ סך מוטיקער אין אַן עת צרה.

מיט דער צייט האָט זיך פּעני גענומען עטוואָס אין די הענט אַריין; אויף איר פּנים האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַווייזן אַ בלאַסער שמייכל.

איינמאָל אין אָוונט, ווען מאָריס איז געזעסן געמיטלעך ביים טיש און אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, האָט ער פּלוצים דערהערט פון צווייטן צימער פּעניס אויסגעשריי: „ווי איז דער מאַמען!״ און זי האָט זיך היסטעריש פאַנאַנדערגעוויינט. מאָריס איז שנעל אַריין אין צווייטן צימער.

לעבן דער קלאָגעדיקער מוטער איז געשטאַנען איר זיבן־יאָריקער זון סידאָר מיט אַ קליין שאַכטעלע אין האַנט. אין שאַכטעלע איז געלעגן אַ בראַסלעט, בעלאָס מתנה פאַר דער מוטער. סידאָר האָט געקוקט מיט גרויסע אויגן דאָ אויף דער מוטער, דאָ אויפן בראַסלעט, נישט פאַרשטייענדיק וואָס עס קומט דאָ פאָר. ער האָט דעם בראַסלעט געפונען אין שאַפע און צוטראָגנדיק עס צו דער מוטער, האָט ער געפרעגט, פאַרוואָס זי טוט עס נישט אָן?

דער פאָטער האָט שנעל צוגענומען פון קינד דעם בראַסלעט, און גענומען באַרואיקן די מוטער.

— גדעדענקסט, איך האָב איר.. איך האָב איר געגעבן אַ פאַטש... מאָריס, אָ, מאָריס! — האָט די מוטער געשלוכצט.

די קליינע עוועלין
(דערציילונג)

יעדן מיטוואָך פלעגט עוועלין אומגעדולדיק וואַרטן אויף איר מוטער. יעדער מיטוואָך איז געווען פאַר דעם קליינעם מיידעלע אין דער קינדער־היים אַ יום־טוב, ווייל עס פלעגט צו איר קומען איר שיינע אויסגעפוצטע מוטער. צו קיין קינד איז נישט געקומען אַזאַ שיינע מאַמע ווי צו עוועלין. אויך דינסטיק איז פאַר עוועלין אַ גוטער טאָג, ווייל עס קומט זי זען איר פאָטער, אָבער דעם פאָטער האָט זי נישט זייער ליב, ער איז אַזאַ איינפאַכער, אַזאַ שטילער און אַ געוויינלעכער, טראָגט נישט אַזעלכע שיינע קליידער, און איז אַן אומעטיקער. די מאַמע אָבער איז אַ שלאַנקע, אַ בויגעוודיקע און זי טראָגט זיידענע קליידער און קליינע, שיינע שיכלעך מיט זומער פייגעלעך ביי די פינגער און זאָקן טראָגט זי אַזעלכע דינע און גלאַט אויפן פוס. אַז עס זעט אויס ווי זי וואָלט גאָר נישט געטראָגן קיין זאָקן, און שטענדיק שמעקט פון איר פאַרפיום, אַפילו ווען זי גייט אַוועק פילט נאָך עוועלין אַ לאַנגע צייט דעם ריח פון דער מוטערס פאַרפיום, און זי פילט ווי אַ שטיק מאַמע איז נאָך דאָ נעבן איר.

— דיין מוטער איז אַזאַ שיינע, ווי אַ מיידל קוקט זי אויס! — באַמערקן אָפטמאָל עוועלינס חברטעס, וועלכע געפינען זיך אין דער קינדער־היים מיט איר.

עוועלין פילט זיך שטאָלץ פון אַזעלכע באַמערקונגען. איין זאַך האָט זי נישט ליב: איר מוטער איילט זיך שטענדיק ווען זי קומט צו איר. זי קוקט אויפן האַנט־זייגערל אַלע ווײַלע.

ווען עוועלין זעט ווי די מוטער קוקט יעדע רגע אויפן האַנט־זייגערל, פאַרקלעמט איר ביים הערצל באַצייטנס פון בענקשאַפט נאָך דער מוטער.

זי פילט ווי אָט־אָט וועט זי אַוועק און עס וועט נאָך איר בלייבן בלויז דער ריח פון פּערפיום, און זי וועט דאַרפן וואַרטן אַ לאַנגע, לאַנגע וואָך ביז עס וועט ווידער קומען מיטוואָך און זי וועט נאָכאַמאָל זען די מוטער.

עוועלין טראַכט שטענדיק פון דער מוטער.

איינמאָל האָט געטראָפן אַ מיטוואָך, אַז די מוטער איז נישט געקומען. עוועלין האָט יענעם טאָג נישט געקענט עסן און ביינאַכט האָט זי געוויינט אין שלאָף. זי האָט געוואַרט מיט אומגעדולד ביז עס איז געקומען דער צווייטער מיטוואָך און איר מוטער איז געקומען.

— פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען צו מיר לעצטן מיטוואָך? — האָט עוועלין געפרעגט מיט טרערן אין די אויגן, אָבער די מוטער האָט זיך געאײַלט ווי שטענדיק.

— איך בין געווען שטאַרק ביזי, עוועלין — האָט זיך די מוטער פאַרענטפערט און האָט אַ קוק געגעבן אויפן האַנט־זייגערל.

דאָס קינד האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן. די מוטער האָט זיך איינגעבויגן צו איר און האָט איר אַ קוש געגעבן.

עוועלין האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון אָט דעם קוש וואָס איז געווען אַן „עקסטראַ", נישט ביים קומען און נישט ביים אַוועקגיין.

איינמאָל, נאָך דער מוטערס אַוועקגיין, האָט עוועלין אויפגעהויבן אַ בלעטעלע פון אַ בלום וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דער מוטערס קאָפּ. זי האָט צוגעלייגט דאָס בלעטעלע צו די ליפּן און עס אַריינגעלייגט אין אַ בוך. מיט אַ צייט שפּעטער האָט עוועלין גאַנץ אומדערוואַרט געפרעגט איר פאָטער מיטן טרויעריקן פּנים:

— פּאַ, פאַרוואָס קומסטו נישט צוזאַמען מיט דער מאַמען?

דער פאָטער האָט זיך עטוואָס פאַרלוירן פון דער אומדערוואַרטעטער, פּלוצלונגדיקער פראַגע. ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און ענדלעך געענטפערט:

— מיר וואוינען נישט צוזאַמען מער, עוועלין, מיר וואוינען אין באַזונדערע וואוינונגען.

דאָס קינד האָט אָנגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן:

— פאַרוואָס וואוינט איר אין באַזונדערע וואוינונגען? — האָט די קליינע געוואָלט וויסן.

דער פאָטער האָט איר געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר ער האָט זיך טרויעריק פאַרטראַכט און געבליבן זיצן אַ שווייגנדיקער.

די קליינע עוועלין האָט זיך אויך פאַרטראַכט אַ ווײַלע און מיט אַמאָל אַ פרעג געטאָן מיט אַ טאָן פון אַ דערוואַקסענעם מענטשן, וואָס רעדט צו אַ חבר:

— טאָ פֿאַרוואָס נעמסטו נישט אַן אַנדער מאַמע?

דער פּאָטער איז צעטומלט געוואָרן פֿון עוועלינס רייד, אָבער ער האָט זיך באַלד דערפֿילט פֿריי, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן:

— איך וועל מער נישט הייראַטן, ווייל... איך ליב גאָר זי, דיין מוטער — האָט ער געזאָגט קוקנדיק זיין טעכטערל גלייך אין די אויגן.

עוועלינס אויגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט טרערן. זי האָט באַקומען גרויס רחמנות אויף איר פֿאָטער און אין דעם מאָמענט האָבן זיך אירע געפֿילן געביטן. זי האָט געוואוסט, אַז פֿון איצט אָן וועט זי בענקען מער נאָכן דינסטיק, ווען דער פּאָטער קומט זי זען, ווי נאָכן מיטוואָך, וואָס איז דער טאָג ווען איר מוטער קומט צו איר.

פ ר י י נ ד י נ ע ס

(דערציילונג)

נאָכדעם ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן פֿרישטיק, האָט בעסי איבערגעוואַשן דאָס געשיר, אויסגעקערט די קיך און געבראַכט אַלעס אין אָרדנונג.

מאַרקוס, אַ נישט־ראַזירטער, האָט אויסגעקוקט מיד און נישט אויסגעשלאָפֿן.

— בעטי, טעלעפֿאָניר אין מיין אָפֿיס, אַז איך בין קראַנק, און וועל אַריינקומען מאָרגן — האָט ער זיך געווענדעט צו איר.

—אַלע פֿאַר וואָכן עסטו זיך איבער אויף אַ פּאַרטי און ווערסט קראַנק, טעלעפֿאָניר אַליין, איך בין דיר מוחל דעם כבוד! — האָט בעטי אויסגערופֿן אַן אויפֿגערעגטע.

— אָ קעי, טעלעפֿאָניר נישט אויב דו ווילסט נישט. אויב איך וועל עס טאָן וועלן זיי דאָך מיינען אַז איך בין געזונט — האָט ער געטענהט.

בעטי איז צוגעגאַנגען צום טעלעפֿאָן און געלאָזט וויסן אין אָפֿיס, אַז איר מאַן איז נישט געזונט, אַז ער וועט אַריינקומען מאָרגן און אויב מעגלעך אפֿשר נאָך היינט. בעטי האָט זיך איבערגעטאָטן אין אַ ספּאָרט־דרעס, צוגעפּיקסט דאָס פּנים מיט פּודער און ליפּסטיק, און זי האָט איצט אויסגעזען עלעגאַנט, גראַציעז און יונג־בויגעוודיק... — וועסט נעמען קער אויף ווילין, און פֿאַרגעס נישט אים צו געבן מילך מיט אַ שעה שפּעטער — איך גיי אַוועק! — האָט זי געזאָגט צו מאַרקוסן.

— וואוהין גייסטו? — האָט ער געפֿרעגט ברוגזלעך.

— וואָס איז דער אונטערשייד וואוהין איך גיי, אַבי איך וועל נישט זיין דאָ! — האָט זי אויסגערופֿן — און איז אַרויס, אַ שטאַרקן קלאַפּ טוענדיק מיט דער טיר.

עס האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל אין דרויסן, און דאָס האָט עטוואָס באַרואיקט בעטין. — וואוהין זאָל איך גיין — האָט זי זיך געפרעגט, און גלייך איז געקומען דער ענטפער: איך וועל גיין אין דעפּאַרטמענט סטאָר וואו עדנאַ אַרבעט און מיר וועלן האָבן לאַנטש צוזאַמען, ערגעץ אין אַ שיינעם רעסטאָראַן.

— אָ, בעטי דאַרלינג! אַזוי לאַנג אַז מיר האָבן זיך נישט געזען! — האָט אויסגערופן עדנאַ — וואָס טוט מאַרקוס און דער זיסער ווילי? זיכער וועל איך גיין מיט דיר האָבן לאַנטש, אָבער עס איז נאָך אַביסל צו פרי...

מיט אַמאָל האָט זי אַ מאַן גערופן: מיס ראָזען! ער האָט זי עפּעס געפרעגט. זי האָט עפּעס געענטפערט, פון וואָס עס איז קענטיק געוואָרן אַ שאַרפער אַרגומענט... ענדלעך איז זי צוריקגעקומען: — קום, לאָמיר גיין!

ביידע זיינען געזעסן ביי אַ טישל אין רעסטאָראַן און ווידער האָט איינע געפרעגט דער צווייטער ווי עס לעבט זיך? — פיין, זייער פיין! — האָט געזאָגט עדנאַ, אָבער בעטין האָט אויסגעקוקט, אַז עדנאַס לעבן איז נישט זייער גוט, אַז זי איז שטאַרק מיד און פאַרמאַטערט, און אַרום אירע אויגן און מויל האָבן זיך באַוויזן פיל טיפע קנייטשן...

אויך בעטי האָט געזאָגט, אַז עס לעבט זיך איר גוט! אָבער געטראַכט האָט זי: עס קאָן זיין בעסער!

די גאַנצע צייט וואָס זיי האָבן גערעדט, האָט עדנאַ פון עפּעס געטראַכט, און זי איז קענטיק געווען פון עפּעס שטאַרק באַזאָרגט, אומרואיק...

ענדלעך האָט זיך עדנאַ אויפגעהויבן: ווערסט מיר מוזן אַנטשולדיקן, בעטי טייערע, איך מוז שוין גיין צוריק... פאַראַן טראָבל: איך האָב געענטפערט צופיל זאַכן, און מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך געמאַכט דעם זעלבן טעות... זי האָט שווער אָפּגעזיפצט און זיי האָבן זיך געזעגנט.

בעטי איז געבליבן זיצן אַ ווײַלע אַליין, נאָכדעם האָט זי זיך אויפגע־הויבן: וואוהין זאָל איך גיין איצט? — האָט זי זיך געפרעגט, און זי איז אַריין אין דערביייאיקן מוזעאום... זי האָט באַטראַכט פאַרשידענע בילדער, אָבער זי האָט זיך נישט געקענט קאָנצענטרירן... מיטאַמאָל האָט זיך דורכגעטראָגן אין איר מוח: דאָס קינד האָט שוין געמוזט אויפשטיין פון שלאָף, און מאַרקוס וועט מסתמא פאַרגעסן אים צו געבן אַ גלאָז מילך!

זי איז אַרויס אין דרויסן און דערזען דעם אויטאָבאָס, וואָס זי באַדאַרף נעמען אַהיימצופאָרן. זי איז שנעל צוגעלאָפן און אַריין אינעווייניק.

ווען זי איז אַריין אין הויז, האָט זי געטראָפן מאַרקוסן אַן אָפּגע־ראַזירטן, און ער האָט אויסגעזען פיל בעסער. ווילי האָט געהאַלטן אין טרינקען אַ גלאָז מילך.

— גוט וואָס דו ביסט געקומען, וועל איך קענען גיין צו דער אַרבעט! — האָט ער געזאָגט.

— דאָס איז נישט קיין שלעכטער איינפאַל — האָט זי געענטפערט.

ער האָט אַ לייכטן שנעל געטאָן איבער איר נאָז און איז אַוועק.

בעטי האָט גענומען ווילין אויף די הענט, און צודריקנדיק אים צו זיך האָט זי זיך געפרעגט: וועמען לעבט זיך שווערער — מיר, צי עדנאַן?

דער זעלבסטצופרידענער שמייכל אויף איר פּנים האָט געוויזן דעם ענטפער...

* * *

שפּעט אין אָוונט איז עדנאַ געזעסן אין איר לוקסוסרייכן אַפּאַרטמענט, און זי האָט זיך דערמאָנט אין איר היינטיקער באַגעגעניש מיט איר פאַרהייראַטער פריינדין: „בעטי איז היינט ווידער געווען אין אַ שווערן געמיט־צושטאַנד, באַמיענדיק זיך צו אַנטלויפן פון זיך אַליין.. אָרעמע בעטי: מאַרקוס איז ווייט פון צו זייט אַ גוטער פאַמיליען־פאַרזאָרגער, און נאָך ווייטער פון אַ סוקסעס — האָט זי געטראַכט. — און אויב מיין לעבן איז איינזאַם, „נישט־פויגלדיק", איז אירס — נאָך ערגער!...

שוואַרצע שטרייפעלעך...
(דערציילונג)

מעריס מאַן איז געווען אַ שוואַכער מענטש, און פלעגט דעריבער אַרבעטן זייער זעלטן.

מערי פלעגט מוזן וואַשן פרעמדע וועש, סקראָבען פלאָרס און אַזוי ווייטער, כדי צו פאַרדינען אויף אַ טרוקן שטיקל ברויט, פאַר זיך מיטן מאַן און דריי פיצלעך קינדער...

מערי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין שיין קלייד, העט אָדער שיך. אירע מאָגערע פאַרדינסטן האָבן איר עס נישט דערלויבט.

דאָס האָט איר געמאַכט „הונגעריק" פאַר שיינע קליידער, זי האָט ממש געבענקט נאָך אַ שיין קלייד!

דערצו האָט מערי געהאַט אַ שכנה, וועמענס מאַן איז געווען אַ גרויסער פאַרדינער. איר שכנה האָט געלעבט אַ באַקוועם, זאָרגלאָז לעבן, און מרס. סמיט, כאָטש עלטער פון מערין מיט שיינע עטלעכע יאָר, האָט אויסגעזען אפשר מיט צען יאָר יונגער פון מערין...

מערי פלעגט שטאַרק מקנא זיין מרס. סמיט און אַנדערע פרויען, וועלכע לעבן אַ גוטן טאָג און טראָגן שיינע טייערע פוטער־מאַנטלען און קליידער,

וואוינען אין שיינע באַקוועמע הייזער, בעת זי מאַטערט זיך מיט איר פאַמיליע און זיי האָבן גאַנץ אָפט נישט צו עסן צו זאַט.

איינמאָל, פאַרבייגייענדיק אַ גרויסן סטאָר אויף סט. קעטרין סטריט, האָט מערי דערזען אין איינעם פון די פענצטער אַ ווייסע זיידענע בלוזקע, מיט שוואַרצע שטרייפעלעך. עס איז געווען זייער אַ שיינע און טייערע בלוזקע.

מערי איז געבליבן שטיין אַ פאַרגאַפטע... זי האָט זיך פשוט נישט געקענט אָפּרייסן פון פענצטער! די בלוזקע האָט זי צו זיך צוגעצויגן ווי אַ מאַגנעט, און זי איז געשטאַנען און האָט געזעטיקט די אויגן מיט דער בלוזקע...

יענעם טאָג איז מערי געקומען שפּעט צו דער אַרבעט. די לײדי איז געווען שטאַרק אין כעס, און האָט זיך אויף מערין געבייזערט...

יענע נאַכט האָט מערי נישט געקענט איינשלאָפן, ס'האָט זיך איר געהאַלטן אין איין פאַרשטעלן, ווי זי וואָלט אויסגעזען אין אָט דער ווייסער בלוזקע מיט די שוואַרצע שטרייפעלעך, קליינינקע פעלדעלעך און לאַנגע ברייטע אַרבל!

אַפילו ווען זי איז שוין איינגעשלאָפן, האָט זי נישט אויפגעהערט חלומען פון דער בלוזקע.

אויפן צווייטן טאָג, פאַרבײגייענדיק יענעם סטאָר, איז מערי ווידער געבליבן שטיין, און געקוקט מיט גלוסטונג אויף דער ווייסער בלוזקע און... זי האָט באַשלאָסן אָפּצושפּאָרן פון אירע מאָגערע פאַרדינסטן די נויטיקע זיבן דאָלאַר און קויפן די בלוזקע!

ס'איז איר אָנגעקומען שווער, זייער שווער אָפּצורייסן פון אָט די מאָגערע מאָלצייטן די נויטיקע קוואָדערס און פופציק סענט שטיקער...

דער געוויסן האָט זי געפּלאָגט צוזעענדיק ווי די קינדערלעך גייען אַוועק פון טיש האַלב־הונגעריקע, אָבער דער פאַרלאַנג צו באַזיצן יענע בלוזקע איז געווען אויסערגעוויינלעך שאַרף. „ס'איז דאָך נאָר צייטווייליק. ווען איך וועל אָפּשפּאָרן די נויטיקע זיבן דאָלער, וועט מען קענען עסן מער"... — האָט זי זיך באַמיט צו פאַררײדן דאָס געוויסן.

איר מאַן האָט באַמערקט, אַז עפּעס איז לעצטנס געוואָרן זייער ווייניק שפּייז ביי די מאָלצייטן, עס זענען כמעט ליידיק די טעלער, אָבער ער האָט נישט געוואוסט די אורזאַך פון דעם.

איינמאָל, ווען מערי איז אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן, האָט זי אויף דעם צווייטן באַלקאָן דערזען איר שכנה, מרס. סמיט. זי האָט געטראָגן אַ נייע בלוזקע. ס'איז געווען פּונקט אַזאַ בלוזקע וואָס זי האָט געזען אין פענצטער פון יענעם סטאָר...

מערי איז בלייך געוואָרן פון גרויס אויפרעגונג. זי איז גלייך אַוועק צו יענעם סטאָר אָ קוק טאָן אין פענצטער, און אַ שטיין איז איר אַראָפּ פון האַרצן. זי האָט זיך באַרואיקט: די ווייסע בלוזקע מיט די שוואַרצע שטרייפעלעך איז זיך געמיטלעך געהאָנגען ווי געוויינלעך אויפן זעלבן פלאַץ אין פענצטער...

די לעצטע פאָר טעג האָט מען כמעט געהונגערט...

מעקס האָט געקוקט אויף איר פאַרדעכטיקט. ער האָט געשפּירט אַז עפּעס מוז זיין אַן אורזאַך פאַר די מאָגערע מאָלצייטן. ער האָט אָבער געשוויגן און שפּיאָנירט...

אין אַ שיינעם טאָג איז מערי אַ פאַרסאָפּעטע, מיט צערויטלטע באַקן אַריינגעלאָפן צו זיך אין בעדרום. זי האָט ענדלעך געקויפט די ווייסע בלוזקע מיט די שוואַרצע שטרייפעלעך. איר חלום איז פאַרווירקלעכט געוואָרן!

זי האָט אָנגעטאָן די בלוזקע און האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן שפּיגל...

זי האָט געזען פאַר זיך אַזאַ יונג, שיין פּנים! די אויגן האָבן אַזוי פריידיק געפינקלט... ווען דערמאָנט איר אָט דאָס פּנים? איר יונגערע שוועסטער בעלאַ האָט אַזוי אויסגעזען מיט יאָרן צוריק, ווען זי האָט איר דערציילט, אַז מאָריס האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע!

ענדלעך האָט זי זיך דערמאָנט, אַז זי מוז גרייטן דעם טיש פאַר סאַפּער. זי איז שנעל אַריין אין קיך איבערלאָזנדיק די בלוזקע אויף דער ביוראָ.

מעקס איז אַריינגעקומען אַ מידער, אַ פאַרשוויצטער. ער איז אַריינ־געגאַנגען אין בעדרום נאָך די סיגאַרעטס...

— וועמעס איז אָט די שמאַטע?! — האָט זיך דערהערט זיין ווילדע שטים פון בעדרום, און ער איז אַריינגעקומען אין קיך מיט דער בלוזקע אין דער האַנט...

מעריס האַרץ איז פאַרגליווערט געוואָרן...

— ס'איז מיינס! — האָט זי אויסגעשריען אויסשטרעקנדיק די הענט ווי אַ מוטער וואָס וויל באַשיצן איר קינד.

מאַרקוסעס פּנים איז רויט געוואָרן, די אויגן זיינען אים פאַרלאָפן מיט בלוט. ער איז צוגעגאַנגען צום אויוון: „אָט צוליב וואָס מיר האָבן די גאַנצע צייט געהונגערט!" — האָט ער געריטשעט ווי אַ חיה, און אײדער מערי האָט נאָך פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל טאָן, איז די בלוזקע שוין געווען אין אויוון קאָרטשענדיק זיך אין העליש פייער...

מערי האָט אַ קוויטש געטאָן, און איז אומגעפאַלן...

* * *

שוין דאָס דריטע יאָר אַז מערי געפינט זיך אין אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק קראַנקע.

פון צייט צו צייט רעדט זי צו זיך אַליין: פאַרוואָס מאַכט מען אויף אַ ווייסער בלוזקע שוואַרצע שטרייפעלעך? מיין בלוזקע איז געווען ווי אַ ווייסע טויב, נאָר איבער די שוואַרצע שטרייפעלעך איז זי געוואָרן אין גאַנצן רויט פון פייער און פאַרברענט געוואָרן.

איצט האָב איך מער נישט די בלוזקע און... מיינע קינדער האָבן נישט מער קיין מאַמע!... מ׳דאַרף נישט דאָס שוואַרצע אויף ווייסן, מ׳באַדאַרף עס נישט!...

אַ „פריילעך" מיידל
(דערציילונג)

אויף דער גאַס איז געווען טונקל, די הייזער פאַררויכערט, און אַ יונגע מיידל, אין אַ רויט קליידל, איז געשטאַנען אויף אַ טרעפּל נעבן אַ טיר, גערויכערט אַ סיגאַרעטל, און געוואונקען צו די פאַרבייגייענדיקע מענער.

קיינער האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט נעבן איר, קיינער האָט זי נישט באַמערקט. און האָט שוין עמיצער זי יאָ באַמערקט, האָט ער אויך קיין אויפמערקזאַמקייט איר נישט געשאָנקען. „צו פיל פון אָט דער חברה זיינען פאַראַן", האָט געמורמלט צומאָל אַ פאַרבייגייער מיט פאַרדרוס.

אויך ביי אַנדערע טירן און פענצטער זיינען געשטאַנען מיידלעך און געשמייכלט און געוואונקען צו די מענער.

דאָס מיידל אין רויטן קליידל, וועלכעס איז געווען היפּש דעקאָלטירט, האָט זיך פאַרטראַכט. דערינערונגען איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיך געוויקלט אין איר זכרון:

אָט דערמאָנט זי זיך אין איר גוטער, צאַרטער מוטער, וועלכע איז אַזוי באַליבט געווען ביי אַלע פריינט און שכנים. אויך דער פאָטער האָט זי אַזוי שטאַרק געליבט און רעספּעקטירט.

„איך מוז זיך באַראַטן מיט בעסין", פלעגט ער זאָגן צו אַ סוחר, וואָס פלעגט אים צודרינגלעך וועלן עפּעס פאַרקויפן.

און אויב זי, בעסי, האָט אים געראָטן צו קויפן, האָט ער געקויפט דאָס אַרטיקל. ער האָט שטאַרק דרך ארץ געהאַט פאַר איר קלוגשאַפט,

האָט ער אַמאָל געזאָגט צו אַ שכנה, ווען זי, מערי, האָט צוגעהערט. אירע עלטערן האָבן געלעבט אַ שטיל, אָרים, אָבער צופרידן לעבן.

אָנגעהויבן האָבן זיך די גרויסע ליידן ווען די מוטער האָט פאַר־שוואַנגערט מיטן צווייטן קינד, מיט איר שוועסטערל ריוועלע. די מוטער האָט דאַן געקראָגן אַ שווערע נירן־קראַנקהייט, זי האָט געבוירן דאָס קינד, אָבער זי האָט זיך שוין כמעט פון בעט נישט אויפגעהויבן, פאַר צען מאָנאַטן צייט.

זי איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק איר מאַן מיט צוויי יונגע קינדער, אַ זייער פאַראָרעמטן.

די צען מאָנאַטן וואָס די מוטער איז געווען קראַנק, האָבן איינגעשלונגען זייער קליינע ביזנעס.

דער פאָטער האָט זיך שטאַרק געפּלאָגט מיט די צוויי קינדער.

מיט דער צייט האָבן פריינט גענומען אים רעדן שידוכים, ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון הייראַטן אַ צווייטן מאָל.

מענטשן האָבן זיך געוואונדערט, ווי אַזוי אַ מאַן קען אַזוי פיל טרויערן נאָך זיין פרוי. ער האָט מיט קיינעם נישט גערעדט און גאָר נישט געטאָן, ביז ס'איז געקומען אַ טאָג, ווען ער איז אַהיימגעקומען פון גאַס שיכור...

דערנאָך איז עס שוין געוואָרן אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג, צו זען דעם פאָטער טויט־שיכור.

ער פלעגט פאַרטרינקען די לעצטע פאַר סענט, וואָס פריינט פלעגן געבן פאַר די קינדער...

מערי פלעגט קוקן אויפן פאָטער, ווען ער פלעגט אַריינפאַלן אין הויז אַ צושויבערטער, אַ שיכורער און פאַלן פון די פיס, און טרערן פלעגן זיך גיסן פון אריע אויגן. די ערשטע צייט האָט זי געשטיקט איר טיפן ווייטאָג אין זיך, קיינעם נישט דערציילט, אַז דער פאָטער פאַרטרינקט אַלעס, און זי מיטן שוועסטערל האָבן נישט וואָס צו עסן.

אָבער שפּעטער, ווען מענטשן האָבן שוין אָנגעהויבן באַמערקן דעם אומגליק, האָט זי שוין דערציילט, אַז זיי גייען אויס פון הונגער.

די קרובים האָבן דאַן אָנגעהויבן געבן די פאָר סענט מערין אין די הענט אַריין, דער פאָטער פלעגט עס אָבער ביי איר דורך פאַרשידענע שפּיצלעך אַרויסנאַרן.

ער פלעגט איר צום ביישפּיל דערציילן אַז ער קען ערגעץ קריגן עסנוואַרג אויף ביליגערע פּרייזן ווי זי, מערי, און זי פלעגט אים געטרויען, און קיינמאָל נישט זען דאָס עסנוואַרג.

און ער פלעגט אַהײמקומען שיכור נאָך ערגער װי פריער.

אײנמאָל, װען די קלײנע שװעסטערל האָט געבעטן דעם פאָטער, ער זאָל איר קויפן בײגל, װאָס זי האָט געזען בײ אַ שכניש קינד, האָט דער פאָטער אויף איר אָנגעשריגן. און װען זי האָט זיך פאַנאַנדערגעװײנט אויפן קול, האָט ער איר דערלאַנגט אַ פּאַטש...

מערי איז שרעקלעך אויפגעקאָכט געװאָרן: „אַלײן פאַרטרינקסטו דאָס געלט, און װען דאָס קינד בעט אַ בײגל שלאָגסטו זי?!" — האָט זי אויסגעשריען מיט אַנגסט.

מיט דער צײט האָט מערי פײנט באַקומען איר פאָטער, זי האָט אים נישט געקענט אָנקוקן.

דער פאָטער האָט אָנגעהויבן פאַרשװאונדן װערן אויף גאַנצע טעג און נעכט פון הויז.

אײנמאָל, װען מערי איז פון ערגעץ אַהײמגעקומען, האָט זי געטראָפן איר פאָטער אַ װײנענדיקן. ער האָט געהאַלטן דער מוטערס בילד אין האַנט און געשלוכצט: „בעסי, נעם מיך צו זיך, איך קען מער נישט לעבן, איך האָב פּרובירט װערן אַן אוממענטש כדי צו פאַרגעסן מײן טיפן װײטאָג, אָבער ס'איז מיר איצט נאָך ערגער, און אויך די קינדער איז ביטער און פינצטער. בעסי, נעם מיך צו, איך קען שוין מער נישט לײדן. איך קען נישט!"...

„מײן אָרעמער, אומגליקלעכער טאַטע!" — האָט מערי אויסגערופן, אַרומנעמענדיק דעם פאָטער, און זי האָט מיטגעװײנט מיט איב. טײלנדיק זײן גרויסן צער.

אײנמאָל, װען ריװועלע האָט געװײנט פאַרװאָס זי האָט נישט קײן שיכעלעך, און קען נישט גײן אין דרויסן זיך שפּילן מיט די קינדער, האָט זיך מערי שטאַרק געערגערט. דאָס קינד איז געװען איר טרײסט, איר גאַנץ לעבן! זי האָט נישט געקענט לאָזן דאָס קינד מיטן פאָטער, און גײן זוכן אַרבעט, ער איז קײנמאָל נישט ניכטער... מערי איז דאָן נאָענט באַפרײנדעט געװאָרן מיטן בעקער פון דער שכנישער בעקערײ, װעלכער האָט זיך שוין געשאַרט צו איר אַ לענגערע צײט, און ער האָט איר געגעבן געלט אויף אַ פּאָר שיכלעך פאַרן שװעסטערל.

נאָכדעם דערמאָנט זיך מערי אין טאָג, װען מ'האָט אַראָפּגענומען דעם פאָטערס קערפּער פון דער תליה... ער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

זי זעט אין געדאַנק איר צעשראָקן שװעסטערל, װעלכע האָט זיך צו איר געטוליעט, און געקוקט מיט גרויסע, דערשראָקענע אויגן, אויף דעם ספּעקטאַקל, װאָס קומט געװײנלעך פאָר בײם אַרויסבאַגלײטן אַ טויטן, צו

זיין אייביקער רוה. ווי שטאַרק עס בלוטיקט מעריס האַרץ, פאַר איר אומ־שולדיקן שוועסטערל...

„מיין אָרעם קינד! איך וועל אַלעס טאָן, אַבי צו פאַרלייכטערן דיינע ליידן", — האָט זי דאַן ביי זיך באַשלאָסן.

זי איז דאַן באַפריינדעט געוואָרן מיט אַנדערע בחורים. דער בעקער איז שוין געווען פאַרהייראַט צו אַ פיינער מיידל. מערי האָט געוואוסט, אַז זי קען נישט האָפן אויף אים, ער וועט נישט הייראַטן מיט „אַזאַ" מיידל ווי זי איז. איז זי דערפאַר נישט געוואָרן אַנטוישט, ווען זי האָט געהערט אַז ער האָט געהייראַט.

און אַט שטייט זי, מערי, אויף אַ טונקעלער גאַס, נעבן אַ פאַררויכערט הויז, מיט אַ סיגאַרעטל אין מויל, און ווינקט מיט די אויגן, רופט פאַר־בייגייענדיקע מענער. זי איז אַ פריילעך מיידל...

דער לעצטער אַקאָרד . . .

(דערציילונג)

אין דעם דעפאַרטמענט סטאָר, וואו רחל איז אָנגעקומען אַרבעטן, האָט זי געטראָפן בוירגן, אַן אַלטן באַקאַנטן וועמען זי פלעגט אַמאָל באַגעגענען ביי אירער אַ פריינדינע.

זינט יענער צייט זענען שוין פאַרביי היפשע עטלעכע יאָר. רחל איז שוין פאַרהייראַט און אַ מוטער פון אַ טעכטערל. איר מאַן פאַרדינט ווייניק האָט זי באַשלאָסן אים אַרויסצוהעלפן. איר מוטער וואוינט ביי איר און גיט אַכטונג אויפן קינד.

אויך בוירג איז שוין פאַרהייראַט און איז שוין אויך אַ פאָטער פון אַ קינד.

בוירג האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט רחלען, זיי האָבן זיך פאַנאַנ־דערגערעדט וועגן זייערע באַקאַנטע בחורים און מיידלעך.

עס איז געווין אַן אָנגענעמע באַגעגעניש פון צוויי פריינט וואָס האָבן זיך יאָרן לאַנג נישט געזען. ביידע זענען געוואָרן שטאַרק היימיש איינער מיטן צווייטן. מ׳טיילט זיך ממש מיטן ביסן!

דערהויפּט איז בוירג שטאַרק באַגייסטערט פון דער פריינטשאַפט.

יעדעס מאָל ווען ער ברענגט עפּעס אַ גוטע זאַך פון דער היים וואָס זיין פרוי האָט אים מיטגעגעבן, מוז ער זיך טיילן מיט רחלען.

אַמאָל, ווען עס איז נישט „ביזי" אין סטאָר, פלאַפּלען זיי פון פאַר־שידענע זאַכן און לאַכן, לאַכן.

רחל האָט ליב צו הערן בוירגס באַסאָווע געלעכטער און ער, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען, טוט איר צוליב און לאַכט, לאַכט...

אַפילו מר. גראָס, זייער באַלעבאָס, שוין אַן אַלטער מענטש מיט אַ שניי־ווייסן קאָפּ, האָט הנאה צו קוקן און זיך צוהערן צו די צוויי יונגע מענטשן, וועלכע זענען שטענדיק אַזוי אויפגעלייגט און פריילעך.

גאַנץ אָפט קומט ער צו צו זיי און נעמט אויך אַן אָנטייל אין זייער שמועס, לאַכט מיט זיי ביידן, ווערט אָנגעשטעקט פון זייער יוגנט און פילט זיך אויך לעבעדיקער, יונגער, מוטיקער.

„הער, בוירג, זיי נאָר אַ קלענערער מחותן מיט מיין נייער סיילסליידי, איך וועל דערציילן פּעגין" — זאָגט מר. גראָס, וועלכער איז אַ ווייטער קרוב צו מרס. בוירג.

„פאַר מיר איז זי נישט קיין נייע, נאָר אַן אַלטע. מיר האָבן זיך באַקענט מיט יאָרן צוריק" — ענטפערט בוירג און קוקט מיט אַ דורכדרינגענדן בליק אויף רחלען וועלכע פאַררויטלט זיך, נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס!

גאַנץ אָפט פירט בוירג אָפּ רחלען מיט זיין קאַר, און יעדעס מאָל ווען ער פירט זי אָפּ, ווייזט זיך אים אויס אַז דער וועג איז זייער אַ קורצער.

אויך רחל פילט, אַז עס ציט איר האַרץ צו בוירגן און דער פרייער האַלבער שבת מיטן גאַנצן זונטאָג ציען זיך פאַר איר ווי יאָרן!

איינמאָל, ווען ער האָט זי אָפּגעפירט אין זיין קאַר, האָט רחל באַמערקט, אַז ער איז אַריבערגעפאָרן איר בלאָק, זי האָט אָבער געשוויגן.

אויך זי האָט געוואָלט אַז דער וועג זאָל זיך נאָך ציען און ציען; אַפילו ביז עק וועלט וואָלט זי מיט אים געפאָרן. ענדלעך איז ער געבליבן שטיין מיט דער קאַר ביים אַריינגאַנג אין אַ פּאַרק.

רחל האָט אָנגענומען בוירגן אונטערן אָרעם און שווייגנדיקע האָבן זיי אַוועקשפּאַצירט אין אַ טונקעלער אַלייע. ווער פון זיי האָט זיך דערלויבט דעם ערשטן קוש? וואָס איז דער אונטערשייד. ביידע האָבן געוואַרט, לאַנג געוואַרט אויף דעם מאָמענט.

רחל פלעגט אָפט פאַרשפּעטיקן אַהיימצוקומען, און די מוטער און איר מאַן פלעגן פּראָטעסטירן: זי באַדאַרף נישט אַרבעטן! ער מאַכט גענוג און אויב אַפילו מ׳מוז לעבן באַשיידענער, איז אויך נישט קיין אומגליק. נישט אַלע קענען לעבן רייך. חוץ דעם וואָס פאַר אַ טעם האָט אַזאַ לעבן, ווען דאָס קינד האָט נישט די מוטער לעבן זיך גאַנצע טעג, וואָכן, מאָנאַטן.

איינמאָל, ווען זי איז אַהיימגעקומען שפּעט, האָט מאַקס זיך געווענדעט צו איר מיט אַ נערוועזער שטימע: רחלע, איך וויל נישט דו זאָלסט אַרבעטן, דו קוקסט אויס שלעכט, דאָס קינד ווערט פאַרנאַכלעסיקט, דיין מוטער איז אַן עלטערע פרוי און קען שוין נישט אַכטונג געבן ווי עס באַדאַרף צו זיין אויף אַ קינד. רחל... איך וועל קראַנק ווערן פון עגמת נפש!

„וואָס איז דער מער מיט דיר? וואָס עפּעס ביסטו היינט ערגער ווי שטענדיק?" — האָט רחל געפרעגט אַ דערשראָקענע. „איך וויל נישט דו זאָלסט אַרבעטן, מיר באַדאַרפן נישט דיין אַרבעט" — און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הילפלאָז אויף אַ בענקל. זיין פּנים איז געווען ווייס ווי שניי.

רחל האָט זיך דערשראָקן, מורא געהאַט אַז ער וועט אָוועקחלשן.

„איך וועל אויפגעבן דעם דזשאָב" — האָט זי שטיל אַרויסגעזאָגט, און אַליין נישט דערקענט איר שטימע, וואָס האָט זיך דערטראָגן ווי פון אַן אַנדער וועלט.

* * *

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען זי איז געזעסן מיט בוירגן אין פּאַרק און בוירג האָט זיך צו איר צוגעבויגן, האָט זי זיך שנעל אויפגעשטעלט:

פּליז, בוירג, פיר מיך אַפּ אַהיים, גיך, די מינוט!

איר שטים איז געווען מער באַפעלעריש ווי בעטנדיק.

צי ער וויל, צי ער וויל נישט — בוירג האָט פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זי פאָלגן. ווען רחל איז אַהיימגעקומען אין הויז, האָט זי אויסגעפונען, אַז דאָס קינד איז קראַנק, זי האָט היץ.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט רחל געלאָזט וויסן דעם מר. גראָס אַז זי פאַרלאָזט איר שטעלע.

ביים געזעגענען זיך מיט בוירגן האָט זי פּרובירט שמייכלען בעת זי האָט געדריקט זיין האַנט, ע סאיז אָבער קיין שמייכל נישט אַרויסגעקומען, ווייל די אויגן זיינען איר פאַרלאָפן מיט טרערן און די ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט אין אַ גרימאַסע. בוירג איז געווען ווייס. עפּעס האָט ער, דאַכט זיך, איר געזאָגט, צוגעוואונטשן, אָבער זיין שטים איז געווען אַנדערש.

מר. גראָס האָט אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ניש טצו זען ווי זיי געזעגענען זיך.

* * *

יאָרן זענען געגאַנגען. רחל האָט פון בוירגן מער גאָרנישט געהערט.

איינמאָל, האָט בעסי געלאָזט וויסן איר מוטער, אַז זי וועט ברענגען איר אַ באָי־פרענד אויף סאַפּער.

רחל איז געוואָרן שטאַרק ביזי: זי האָט זיך באַמיט, אַז אַלץ זאָל זיין אין דער בעסטער אָרדנונג. סיי דאָס הויז, סיי דאָס עסן האָט באַדאַרפט זיין אויסגעצייכנט.

„ווייסט, בעסי ברענגט היינט איר באָי־פרענד אויף סאַפּער" — האָט רחל געזאָגט מאַקסן, ווען ער איז געקומען פון דער אַרבעט.

זי האָט אויסגעזען צעפּלאָמט און אירע אויגן האָבן געשטראַלט פון גליק.

„זייער פיין, רחלע, אָבער „טעיק איט איזי״, זי נישט אַזוי ביזי און יאָג זיך ווינציקער פון די כוחות אַרויס״, האָט מאַקס געענטפערט.

רחל האָט עס אָבער גענומען זייער ערנסט אַט־די באַגעגעניש מיט בעסיס באָי־פרענד. זי איז עפּעס געוועזן מאָדנע אומרואיק, אומגעדולדיק.

„אוודאי נישט דאָס ערשטע מאָל ברענגט בעסי עמיצן אויף סאַפּער, אָבער דאָס מאָל בין איך עפּעס אַזוי נערוועז און אָנגעשטרענגט פון דער־וואַרטונג״ — האָט רחל געטראַכט און זיך געוואונדערט.

ענדלעך זענען זיי געקומען. רחל האָט דערזען אַ הויכן בחור מיט טונקל־ברוינע אויגן. וואו האָט זי געזען אַזעלכע אויגן? עפּעס דערמאָנען זיי איר, אַט־די אויגן, עפּעס וואָס מאַכט אומרואיק קלאַפּן איר האַרץ.

ערשט ווען זי האָט דערהערט זיין באַסאָווע געלעכטער, האָט איר אַ קלאַפּ געטאָן אין מוח: „זיין זון!״.

בעסי האָט געלאַכט פון עפּעס אַ טשיקאַווער געשיכטע וואָס דער יונגערמאַן האָט איר דערציילט, בעת רחל האָט דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש.

„זי לאַכט פּונקט ווי איך פלעג לאַכן אַמאָל דאָרט... אין דעפּאַרט־מענט סטאָר״ — האָט רחל געטראַכט, און אַ טיפע בענקשאַפט האָט ווייטאָגדיק געגאָגט אין איר האַרצן.

„ווען האָט דאָס פּאַסירט״ — האָט בעסי אַ פרעג געטאָן.

„אַ פּאָר מאָנאַטן פאַר מיין פאָטערס טויט״ — האָט געענטפערט דער יונגער בחור.

זיין ענטפער איז געוועזן דער לעצטער אָפּקלאַנג פון אַ גרויסער, הייליקער ליבע.

קיינער האָט נישט געפילט ווי ווייטאָגדיק רחלס האַרץ האָט זיך פאַרקלעמט, קיינער האָט נישט באַמערקט ווי איר פּנים האָט זיך באַדעקט מיט אַ טויטלעכער בלאַסקייט...

פון זעלענישטש ביז ניו יאָרק...

(דערציילונג)

אין קליינעם שטעטל זעלענישטש, וואָס איז געוועזן ניט פיל גרעסער פון אַ דאָרף, האָבן בומי און הערשל געוואוינט אַ טיר נעבן אַ טיר. זיי האָבן אויך געלערנט ביים זעלבן מלמד אין איין חדר און זייער חברשאַפט איז

געװען זײער אַ הײלע. װען בומי האָט זיך צעקריגט מיט אַ ײנגל, איז הערשל גלײך אים געקומען צו הילף און געסטראַשעט יענעם אָנצוברעכן די בײנער, אויב ער װעט נישט צורו לאָזן בומין (פון אַבראַהאַם איז געװאָרן „בומי״, װײל זײן יונג שװעסטערל האָט אים אַזוי גערופן . . .) און אַזוי אויך פאַרקערט, װען עס האָט אויסגעבראָכן אַ קריג צװישן הערשלען מיט אַן אַנדער ײנגל, איז בומי געװען הערשלס פאַרטײדיקער ! . . .

פון צײט צו צײט פלעגן זיך בומי און הערשל אַרײנכאַפּן אין גלחס גאָרטן, גנב'נען „ראַנעטן״ (עפּל) און זײ פלעגן זיך טײלן גלײך אויף גלײך אויב עס איז געװען מיט אײן עפּל מער, האָט הערשל געגעבן צװײ ביס אין אײן זײט עפּל און בומי — אין דער צװײטער . . .

װען זײ זענען אַלט געװאָרן אַרום צען יאָר, איז בומי מיט זײנע טאַטע־מאַמע, שװעסטערלעך און ברידערלעך אָפּגעפאָרן קײן אַמעריקע.

עס איז געװען אַ רעגנדיקער האַרבסט־טאָג' װען בומי האָט אויס־שטרעקנדיק זײן קלײן קינדיש הענטל צו הערשלען געזאָגט „זײ געזונט״ ! און איז רויט געװאָרן . . . און הערשל האָט זיך פאַנאַנדערגעװײנט . . . אַלע אַנװעזנדיקע האָבן געװײנט . . .

* * *

אַװעק יאָרן נאָך יענעם רעגנדיקן האַרבסט־טאָג, װען בומי מיט הערשלען האָבן זיך געזעגנט . . . מלחמה, רעװאָלוציע, בירגער־קריג, פּאָגראָמען, בלוט, בלוט, טײכן בלוט און טרערן בערג פון טויטע קערפּערס, קאַליקעס . .

בומי מיט זײן פרוי און קינדער האָבן געװאוינט אין ניו יאָרק. ער האָט פאַרמאָגט אַ קלײנע ביזנעס און אויסגעמאַכט נישט שלעכט. ער װאָלט אַפילו געפילט זיך גאַנץ צופרידן, אָבער זײן שײנע פרוי, דזשעני, איז אַן אויס־ברענגערקע ; זי האָט ליב צו לעבן ברײט : טײערע זאַכן, דאָס שענסטע און דאָס בעסטע האָט זי ליב, טײערע מעבל' טײערע קלײדער, די שענסטע װאוינונג און זומער האָט זי ליב צו פאָרן אין די שענסטע האָטעלן פאַר װאַקאַציע ! . . .

דערפאַר איז אים שװער, בומי װײנשטײנען, ער קען איר נישט נאָכ־געבן אָט דאָס אַלעס װאָס זי האָט ליב און פאַרלאַנגט. זי איז אָבער אַ גרויסע שײנהײט, און ער פילט נאָך איצט צו איר אַביסל פון דעם סאָרט בחורישער ליבע, װאָס עקזיסטירט נאָר בײ נאָך ניט פאַרהײראַטע פאָרלעך . . .

אַפילו איצט, װען זײ האָבן שוין היפּשע קינדער, און אַז דזשעני װויקלט אַרום זײן האַלדז מיט אירע הענט, און באַרירט מיט איר גלאַטן װי סאַמעט פּנים זײן באַק, פילט ער װי ער װאָלט מיטאַמאָל יונגער געװאָרן אויף גאַנצע צװאַנציק יאָר . . .

דזשעני ווייסט איר מאַכט איבער אים, און זי נוצט זי אויס אויף ווי ווייט נאָר עס לאָזט זיך. ווען זי וויל עפּעס ביי אים קריגן, גייט זי ניט צו דירעקט צום ענין, נאָר זי לאָזט אים וויסן, אַז מרס. בירמאַן האָט זיך געקויפט אַ ,קאָמאָנע" ביי ,,מייסיס", איז עס אַזוינס און אַזעלכעס... ביו יאָרק האָט עס נאָך ניט געזען. און עס איז גראָד ניט זייער טייער, עס גייט איצט אָן אַ סעיל אויף אָט די קאָמאָנעס ביי ,,גימבלס", מאָרגן ענדיקט זיך דער סעיל... דערביי וויקלט זי אַרום אירע הענט אַרום זיין האַלדז, און ווען בומי שמייכלט אַ פאַרשיכורטער מיט פאַרנעפּלטע אויגן, פאַרלירט זי ניט קיין מינוט און פּרעסט אָפּ אַ הייסן קוש גלייך אויף זיינע ליפּן... דערביי פאַרגעסט זי ניט אַביסל דעם קוש צו פאַרלענגערן (וואָס איז די איילענישז), קורץ — זי קריגט שוין ניט נאָר די קאָמאָנע, נאָר אויך אַ פּאָר ,,סליפּערס" און עטלעכע פּאָר ניילאָן זאָקן, און נאָך אַנדערע זאַכן...

דזשעני פּוצט זיך אויס אין דער טייערער קאָמאָנע, אין די סליפּערס און באַשפּריצט זיך מיט פּערפיום. זי איז פאַרפירעריש שיין, און בומי קוקט אויף איר אַ באַגייסטערטער, אָבער... מיט איינציקע טעג שפּעטער פילט ער ווי דער קאָפּ דרייט זיך אים גאַנץ שטאַרק, ער באַדאַרפט גוט־מאַכן א סך בילס, און קיין געלט איז נישטאָ. ער איז שוין פון פריער שטאַרק פאַרחובט... שווער, זייער שווער איז זיין לעבן...

ער האָט שוין אַפילו פּרובירט צו באַפריינדן זיין פרוי מיט אַנדערע פריינדינעס ניט מיט מיסעס בירמאַן, וועלכע איז אַ גרויסע אויסבערענגערקע, אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז יענע זענען נאָך גרעסערע אויסבערענ־גערקעס. מיסעס בירמאַן איז קעגן זיי ,,אַ שפּאָרזאַמע פרוי".

עס איז פאַראַן נאָך אַן אורזאַך פאַרוואָס ווייגשטיין גייט אַזוי נאָך זיין פרוי: זיין מוטער וואוינט מיט זיי, און דזשעני איז צו איר זייער אַ גוטע שנור, ממש ווי אַן אייגענע טאָכטער באַהאַנדלט זי זיין אַלטע מוטער. נאַטירלעך האָט זי די מוטער אויך ליב ווי אַן אייגן קינד. ווייגשטיין שאַצט דאָס זייער אָפּ, ער פילט צו זיין פרוי אַ טיפע דאַנקבאַרקייט, וויסנדיק, אַז ביי זיינע פריינט קומט פאָר אַ וועלט מיט צרות צוליב דעם וואָס זייערע מוטערס לעבן מיט דער שנור אינאיינעם!...

און אַזוי אַרום גייט אַוועק אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און ער פּלאָנטערט זיך מער און מער אין חובות. מעגלעך, ווען דזשעני זאָל וויסן ווי איר מאַן דרייט זיך דעם קאָפּ, ווי שווער עס קומט אים אָן איר נאָכצוגעבן די אַלע לוקסוסרייכע זאַכן, וואָלט זי אפשר ניט פאַרלאַנגט אַזוי פיל. זי ווייסט אָבער גאָרניט' ווייל ער דערציילט איר ניט...

איינמאָל, אין אַ הייסן זומער־טאָג, ווען די ווייגשטיינס זענען אַרויס־געפאָרן צום ים און מיט זיי אויך זייער אַלטע מוטער, האָבן זיי געהאַט אַ

גרויסע איבעראַשונג: עס איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ מיטליעריקער מאַן, און דערהערנדיק ווי די מוטער האָט אָנגערופן איר זון „בומי", האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף זיי מיט גרויסע אויגן, ווי פאַרוואונדערט.

די מוטער האָט די ערשטע באַמערקט, ווי דער מאַן שטייט און קוקט אויף זיי.

— זע נאַר, וואָס קוקט אַזוי אויף אונדז אָט יענער מאַן, בומי? — האָט זי געפרעגט איר זון.

דערהערנדיק ווידער דאָס וואָרט בומי, איז דער מאַן צוגעקומען נענטער, און געפרעגט:

— ביסט ניט אפשר בומי ווײַנשטיין, פון זעלענישטש?

ווײַנשטיין האָט אַ ציטער געטאָן פון דער פּלוצימדיקער פראַגע אין מיטן מיש־מאַש און טומל פון קאָכיקן ברעג מיט מענטשן. אויך זײַן מוטער איז געוואָרן שטאַרק איבעראַשט...

— יעס, און ווער זענט איר? — האָט ער געענטפערט מיט אַ פראַגע' פּילנדיק ווי זײַן האַרץ קלאַפּט פון אויפרעגונג, דערוואַרטנדיק עפּעס אַן איבעראַשונג. עס האָט אויף אים ווי אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל וואָס קומט דירעקט פון זעלענישטש. נאָך איידער דער מאַן האָט באַוויזן עפּעס צו זאָגן, האָט די אַלטע מוטער אויסגעשריגן: „אוי, עס איז דאָך הערשל, דײַן חבר פון זעלענישטש!"

אויף אַ מאָמענט איז געוואָרן שטיל. זעקס אויגן האָבן זיך איבער־געקוקט אין גרויס פאַרוואונדערונג און איבעראַשונג, און מיטאַמאָל זענען די צווײ מיטליעריקע מענער געפאַלן איינער אין צווייטנס אָרעמס, אַלע האָבן געווישט די אויגן פון אָנגעלאָפענע טרערן... עס האָט זיך גאָר ניט געקענט גלויבן, אַז עס איז ניט קיין חלום, אַזוי אומדערוואַרטעט איז געווען די באַגעגעניש.

הערשל האָט געוואוינט מיט זײַן פאַמיליע אַ לענגערע צײַט אין שיקאַגאָ און לעצטנס האָבן זיי זיך באַזעצט ניט ווײַט פון ניו יאָרק. עס זענען אַוועק דערינערונגען וועגן דער אַלטער היים, וועגן געמיינזאַמע פרײַנט און לאַנדס־לײַט, וועגן קינדער־יאָרן און וועגן דעם גלח'ס גאָרטן, און די ווײַניקע עפּל וואָס זיי פלעגן גנבענען... ביים געזעגענען האָט מען זיך געגעבן די טעלעפאָן־נומערן און צוגעזאָגט איינער דעם צווייטן זיך אין גיכן ווידער זען.

* * *

עס זענען אַוועק אַ פּאָר וואָכן, דערנאָך אַ פּאָר מאָנאַטן' אַ האַלב יאָר... איינמאָל אין אַ רעגנדיקן טאָג, ווען ווײַנשטיין איז געזעסן אין זײַן אָפיס און געטראַכט וואו קריגט מען ערגעץ אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר? איז אַרײַנגעקומען זײַן מוטער אין זײַן אָפיס.

— וואָס ווועסטו זאָגן, מאַמע? — האָט ער זיך געווענדעט צו איר.
— שוין באַלד אַ האַלב יאָר, אַז מיר האָבן זיך באַגעגנט מיט הערשלען, און איר האָט זיך דערפרייט, און צוגעזאָגט צו טעלעפאָנירן און... גאָרניט!
— האָט זי גערעדט צו אים, מיט אַ צאַרט־מוטערלעכער שטים.

וויינשטיין האָט אויפגעהויבן זיין מידן, לעצטנס היבשלעך גראָ געוואָרענעם קאָפּ, און געקוקט אויף איר אַ היפשע ווײַלע, קענטיק ניט וויסנדיק וואָס זי רעדט. ענדלעך האָט ער אַ טיפן זיפץ געטאָן:

— מאַמע, מיטליעריקע מענער זענען ניט מער קיין צען יעריקע אינגלעך, און ניו יאָרק איז ניט זעלעניטש — האָט ער געענטפערט, און זיין שטערן האָט זיך טיף, טיף פאַרקנייטשט...

דער ניגון פון נצחון

(אַ מעשהלע)

אַמאָל איז געווען אַ יונגער בחור, וועלכער האָט זיך געפונען צווישן צוויי וועגן: איין וועג איז געווען אַ שווערער, פון שטיינער, בערג און גריבער, בעת דער צווייטער וועג איז געווען אַ גלאַטער, שיינער, באַדעקט מיט פאַרשידענע בלומען און האָט אויסגעזען צו זיין זייער אַ גרינגער.

דער צווייטער וועג האָט אָבער געהאַט אַ שלעכטן נאָמען און איז דעריבער געווען פאַרבאָטן. האָט זיך דער בחור גענומען גיין מיטן שווערן וועג.

ער איז אָבער גיך מיד געוואָרן, עס האָט אים באַגאָסן אַ שווייס, עס האָבן אים וויי געטון די פיס.

„שווער, אַך ווי שווער עס איז צו גיין מיטן דערלויבטן וועג״ — האָט אויסגערופן דער מידער פאַרמאַטערטער בחור מיט אַ זיפץ און זיינע אויגן האָבן זיך געווענדעט מיט בענקשאַפט צום גלאַטן און שיינענדיקן וועג און ער האָט מיט לאַנגזאַמע טריט זיך גענומען דערנענטערן צו דעם גרינגן, פאַרבאָטענעם וועג. „ווי גוט עס מוז זיין צו שפּאַנען מיט אָט־דעם פראַכטפולן, וואונדערלעכן וועג!״ — האָט ער געטראַכט און אַליין נישט באַמערקנדיק, וואָס ער טוט, האָט ער זיך געלאָזט גיין מיטן פאַרבאָטענעם וועג.

ערשט ווען ער איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טריט מיטן נייעם וועג, האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט.

ער האָט זיך געוואָלט צוריקכאַפּן, אָבער אַ זיסע, סאַמעטענע שטימע האָט אין זיינע אויערן אַריינגעשושקעט: „זיי נישט קיין נאַר, דאָס לעבן איז קורץ און דאָ איז אַזוי שיין, אַזוי גרינג צו גיין; גיי מיט אָט־דעם וועג און האָב הנאה פון די עטלעכע יאָר וואָס דיר איז באַשערט צו לעבן״.

דער בחור איז געגאַנגען ווייטער אַ פאַרכישופטער פון דעם אַראָמאַט פון די פאַרשידנקאָלירקע רויזן, און ער האָט אין זיך אַריינגעזאַפט די פאַרפיומירטע לופט. ער איז געווען ווי אין אַ וואונדערלעכן חלום.

מיטאַמאָל האָט זיך פאַר דעם וואַנדערערס אויגן באַוויזן אַ מענטש. דער מענטש האָט געהאַט אַ שטרענג־ערנסט פּנים. „וואָס טוסטו דאָ? ווייסטו נישט, אַז דער וועג איז אַ פאַרבאָטענער, אַז דאָס איז דער וועג פון פאַלשקייט, ליגן, ענגהאַרציקייט און אומברחמנותדיקייט?

ביסטו דען נישט קיין ערלעכער מענטש מיט געוויסן וועלכן דו דאַרפסט היטן און ריין־האַלטן, ווייל דאָס איז דאָס גרעסטע און בעסטע פאַרמעגן וואָס גאָט האָט דעם מענטשן געגעבן? — האָט ער געפרעגט.

דער בחור האָט זיך פאַרשעמט און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ... אַ ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן, ענדלעך האָט דער בחור געענטפערט מיט אַן אומעטיקער געבראָכענער שטימע: דער פרייער וועג איז פול מיט דערנער, שטיינער, גריבער און בערג, איך האָב פּרובירט גיין מיט יענעם וועג, אָבער עס איז שווער, איך קען נישט גיין מיט יענעם וועג.

„געדענק, די מידקייט פון די פיס איז פיל גרינגער צו פאַרטראָגן ווי אַ געפּלאָגטן געוויסן" — האָט אויסגערופן דער מענטש און איז פאַר־שוואונדן פון דעם בחורס אויגן.

דער בחור איז געגאַנגען ווייטער, אָבער עפּעס האָט אים גענומען דריקן און שטיקן זיין געמיט. די רויזן האָבן עפּעס ווי אויפגעהערט שמעקן און זיי האָבן אויסגעקוקט ווי אָפּגעוועלט, אויך דער גלאַטער, שיינער וועג איז געוואָרן ווייניקער אָנציענד, בעת די בושה פאַר מענטשן האָט אים גענומען מאַטערן, און ער האָט זיך געשעמט פאַר יעדן איינעם, נישט געקענט קוקן קיינעם אין די אויגן.

אים האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז אַלע קוקן אויף אים, אַז אַלעמענס אויגן פאַרפאָלגן אים. ער האָט אָנגעהויבן זיך צוקוקן צו אַנדערע וואָס באַוועגן זיך אין שאָטן אויפן גלאַטיקן וועג ווי ער, און ער האָט באַמערקט אַז אויך יענע זיינען ווייניק גליקלעך, אַז אויך זיי שטיקט און דריקט עפּעס ביי דער נשמה און גיט זיי נישט קיין רוה און דער בחור האָט זיך פאַר־קירעוועט אויף צוריק און איז אַרויף אויפן שווערן באַרגיק־שטיינערנעם וועג. ער האָט געוואוסט אַז עס וועט אים זיין שווער צו גיין מיט דעם וועג, ער האָט אָבער באַשלאָסן זיך צו פּלאָגן, אַבי נישט צו פילן אויף זיך די טויזנטער שטראָפנדיקע אויגן.

צו זיין גרויס איבערראַשונג האָט ער גאָר דערפילט ווי אַ שווערע משא איז אַרונטער פון זיין געפּלאָגטן געוויסן, און עס איז אים מיטאַמאָל געוואָרן זייער לייכט צו גיין אויפן שטיינערנעם וועג.

עפּעס אַ ניגון האָט גענומען זינגען אין זיין נשמה, דער ניגון אַ הערלעכער אַ וואונדערלעכער פון ליכטיקן נצחון.